STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09890

BAYM SHAYN FUN RAMPE-LIKHT

Maks Klos

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקס קלאָם

בײַם שײַן

פֿון ראַמפּע־ליכט

שער־בלאַט, אילוסטראַציעס און וויניעטן
געצייכנט דורך דער קינסטלערין
רות קרוין

•

רעדאַקטאָר:
משה קנאַפּהייס

•

יובליי־אויסגאַבע

•

דערשינען מיט דער מיטהילף פון די
איניציאַטאָרן און בײַשטײַערערס —
פרײַנד פונעם מחבר צו זײַן קײַלעכיקן
יובל יאָרן אויף דער יידישער בינע

•

געדרוקט אין טויזנט עקזעמפּלאַרן
אויף אילוסטראַציע־פּאַפּיר „סעלקאָט"

•

געזעצט און געדרוקט אין
דער דרוקערײַ פון
סימאָן עדעלמאַן
"סטילאָס"

•

לינאָטיפּיסט: חיים־אַהרן יום־טוב
מעטראַמפּאַזש: קלמן שענקער
דרוקערס: פּיניעראָ און אַרליאַ

מאַקס קלאָס

בײַם שײַן פֿון ראַמפּ־ליכט

1972 בוענאָס־אײַרעס

MAX KLOS

BAIM SCHAIN FUN RAMPELIJT

EN EL REFLEJO DE LAS CANDILEJAS

Portada, Ilustraciones y Viñetas:
RUT KROIN

IMPRESO EN LA ARGENTINA
Copyright by Autor

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

BUENOS AIRES
1972



מ אַ ק ס ק ל אַ ס

געהייליקט דעם אָנדענק פון מײַן
פֿאָטער **װ אָ ל ף ־ ב ע ר**
און די אומגעבראַכטע על קידוש־
השם דורך די נאַצישע רוצחים:
מײַן מאַמע **פ ע ס ע ־ ר ח ל**
מײַן ברודער **איטשע** מיט זײַן פרוי
גאָלדע און זייערע צוויי קינדער;
מײַן שוועסטער **ביילע** מיט איר מאַן
און זייערע צוויי קינדער הי״ד

ר ש י מ ה   פ ו ן
איניציאַטאָרן און ביישטייערס

אַבראַמאָוויטש וויקטאָר
אוו מלכה
אָגראָדניק ישראל
און פרוי
אַדלער חיים
אַהל חיים
אַווערבאַך משה
אַטלאַס ראָבערטאָ
ברידער איוואַן
אונגער דוד און פרוי
אָרליק הירש־לייב
און פרוי
אַשפּיץ לעאָן
באַראַץ סימאָן
בלאַו עוכעניאָ
בלאַו צפורה
בענכאַמיו כוליאַן
און פרוי
בומאַזשני פּעדראָ ד״ר
ברידער ברוקמאַן
גאָלדבערגער רודאָלפאָ
און אידאַ
גאָלדוואַסער מאַטיאַס
און פרוי
ברידער גורעוויטש
גערא העררי
גרייווער כואַן
גרייווער פּעדראָ
האַלפּערן כאָסע און
קאַראָלינאַ
האַלטרעכט משה
און פרוי
האַניסמאַן מאַניע
האַפּלער שאַיע
וויגאָדסקי גרשון
און פרוי
ווינדלער לעאָן

ווינטער קאַרלאָס
ווינטער סיאָמאַ
אוו פרידאַ
וויינשטיין סעמועל
און פרוי
וויַיס בערטאָלדאָ
זאַבלודאָווסקי דוד
און פרוי
זלאָטניק גרעגאָריאָ
זשעלאַזני גרעגאָריאָ
טיטון און פאַמיליע
טעמפּעלדינער ישראל
און פרוי
יאַבלאָקאָווסקי אַגאַש־
קאַ
יאָפּע חיים
ישמח ברוך
לוביניעצקי דוד און
לאַוראַ
לאָנדנער ראָסיטאַ
ליכטשטיין מאָניעק
ליכטרעגער כאָסע
לעבוואָל ראַפאַעל
מאַקאַוויסיוס לעאָן ד״ר
מיטעלמאַן לעאָן
און פרוי
ברידער מאַיער
מאַנדעלבאַום בערנאַר־
דאָ
מיסיאָר אַברהם
מערענשטיין יוסף
מעשאַני כאַקאָבאָ אינזי
מאָשקאָוויטש כאָסע
מאָשקאָוויטש העלענאַ
נאַדעל איסידאָראָ
נוסינבאַום בענכאַמין
און פרוי

נייַבערגער איסאַק
אוו פרוי
נעבאָשטשיק הערשל
נעמיראָווסקי לוי
און אסתר
סאַלנוצקי יאַנעק
אוו פרוי
סטעמפּלער מאַקס
סענד מאָריס
פאַקמאַן ערנעסטאָ ד״ר
פּאָפּילעווסקי מאַריאָ
פּעטשאָרסקי פּעדראָ
פאָגעלמאַן מאַנועל
פאָנדע ברידער זלמן
פיַינלאַנד סימאָן
פישער חיים און צביה
ברידער פליגלער
פרידמאַן יודל
פרענקעל כאָסע
צוקערמאַן זונדל
אוו פרוי
קאָבלענץ יאָשקע
קאַרנער משה און
פעליסאַ
קאַצאָוויטש נח
קאַצאָוויטש סאָניאַ
קוליגאָווסקי מענדל
און פרוי
קימאַן וואַלענטין
קלאָס פרידאַ
קנאָבעל אַהרן
קראַסנאָפּאָל הענריקע
און אידאַ
קריסטאַל שלמה
און אידאַ

ראַסנאָוסקי מאַרקוס
ראָזענבלאַט חיים
ראָוש בערנאַרדאָ
שאַלקאָוויטש אָלגאַ
שאַמוט ישראל
שטראָוז לעאָן
שושאַן ישראל איניִ
שוואַרצבאַום בענכאַמין

אַרגענטינער יִדישע
קולטור־באַוועגונג

פאַמיליע אַוגוסטאָווער

אימפּער ס. ק. אַ.

מעבל „אינדעפּענדענ־
סיאַ ס.אַ.ד.פ."

הילאַ אַסטפעלד
זעליק בערדיטשעווסקי

גאַטמעלך
אַברהם און כוליאַ

כוליאַ גאַטליב
פאַנאַדעריאַ גאָלדשטיין
שמעון גובערעק
וואָלף גלוקמאַן

געלפאַנד
מאַקס און שרה

גאַבריעל דובקאָווסקי
סאַמועל דרושקאָוויטש
חנא וואָלינסקי
סימאָן וואָלפזאָן

הערי וואַרטאָווסקי
און פאַמיליע
משה ווינאָגראַד
לעאָן ווינדלער
פעליקס וויערניק
פאַמיליע ווישניעוויטש
שמואל וועגנער
חזן שלום כץ און פרוי
חיים ליעבמאַן
יצחק ליפשיץ
צעסאַר און פאַני לעוו
פאַסקואַל פאַדראַבינעק
פישל פלאַשנער
פריילין מאַקסימאַ

קופּפערשמידט
מאַקסימאַ

וועלוול קירשמאַן
סאַול קירשמאַן
יעקב קראַוויעץ
יודיט קראַנענפעלד
ראַדיאַ לעאָן

ראָזענבערג
יוסף און עמיליאַ

רייך לעאָן און חנה
חזן לייבעלע שוואַרץ
גרעגאַריאַ שניידער

שמשון פעלדמאַן פּרע־
זידענט פון נדחי יש־
ראל, מעקסיקע

ווינטער ראַמאַן

כמיעל יחזקאל
און פאַם.

שמאָיעווסקי אַהרן
און זון

ע. אַ. ז. אַנאָנימאַ
ברידער ליכטענשטיין
ברידער קעסעלמאַן
ברידער גלאַס
ספּאַדעק ראובן און זון
קוזיענץ בעריש
ספּאַקויני סטאַשעק
דעסאַו סאַלעק
וואַנג מעבל
גרינבערג דוד
צאַב כאַסע
ערליך עדעק
באַק חיים
גאָלדשטיין ישראל
פייגין בעניטאָ
בעסער ראַמעק

בידערמאַן מאַקסימאַ,
ד"ר

שפערלינג פּרץ
סאַנדלער אַברהם

בראַמבערג בערנאַרדאָ
און פאַמיליע

אַדאָלפאָ פּינטשוק

טעאַטער־קאָסטיומען
„רעאַל"

אינסטיטוציעס

אַמיאַ - לאַ פּלאַטאַ
באַנקאַ קאָאָפּעראַטיוואַ
דע קרעדיטאָ -
לאַ פּלאַטאַ
ביאַליסטאָקער פאַראיין
הכנסת־אורחים
יידישער אַקטיאָרן־
פאַראיין
פולטוסק-סעראָצקער
פאַראיין
ל״ל פאַראיין פון פּרו־
זשענע, בערעזע,
מאלטש, שערשעוו
און אומגי
קרעדיט־קאָאָפּ
פלאָרעסטאַ
קרעדיט־קאָאָפּ
דעוואָטאָ
קרעדיט־קאָאָפּ
ווילאַ לוראָ
קרעדיט־קאָאָפּ
וו. סאַרספילד
קרעד־קאָאָפּ לאַנוס
קרעדיט־קאָאָפּ
לאַ מוטואַ — אַוועַ־
זשאַנעדאַ
קרעדיט־קאָאָפּ
וואַלי אַלסינאַ
קרעדיט־קאָאָפּ
„סופּעראַסיאָן"

ב ר אַ ז י ל :

סאַן פּאַולאָ

וועלטמאַן און פאַמ׳
ראָסטענע לעאָן

ריאָ דע זשאַניירא

בערענשטיין מישאַ
און סאַלי
טימבער יצחק מאיר
פּרוס מאַרטאַ
פּרוס יעקב

קוריטיבאַ

בליאַמבערג לעאָן
און עדיט
גרופּענמאַכער סאַול
און ראָזאַ
רייך לעאָן און חנה

ווענעסועלאַ

קאַראַקאַס

ד״ר יעלינאָווסקי
און פרוי
האַכמאַוויטש סימאָן
נאַפּאַדענסקי משה
און פרוי
סטעמפּל אַברהם
גליזשאַנסקי נאַטאַליאַ
וויזענפעלד, ד״ר
אוניאָן יזראַעליטאַ
פרייליך מאַקסימאַ

מעקסיקע

בראָון מאָריס
לאַדזייסקי חיים
מייזעל טביה
סטעפּינסקי מאָיסעס
פלאַשנער כאַקאָבאָ
רובינשטיין משה
קהילה אשכנזי
„נדחי ישראל"

פאַראייניקטע שטאַטן

ניו־יאָרק

באַנוס בן
בערו מינאַ
יאַבלאָקאָף הערמאַן
לערער שפרה
מיכאַלאָוויטש מיכל

לאָס אַנדזשעלעס

קלאַס זשאַק און פאַמ׳

מייוואָד

קלאַס חנה דע מאָולץ

י ש ר א ל

תל - אביב

בוכנער יואל דוד
און פאַמיליע

פּתח תקוה

בלומענבערג זלמן און
פאַני און פאַמ׳

ב ע ל ג י ע

ב ר י ס ל

מאַנצאַרזש זיגמונד
וואַרטאַווסקי און פאַמ׳
זלאָטאַ און פאַמ׳

עסטרייך

ו י ן

וואָלף האָוזע
גראַבאָווסקי
וולאַדיסלאַוו

דייטשלאַנד

מ י נ כ ע ן

וואָלף גימפּעל

א י נ ה אַ ל ט

זייט

הקדמה פון משה קנאַפּהיים — — — — — — — — — — 12

אַ וואָרט פון מחבר — — — — — — — — — — — 16

קאַפּיטל איינס: מיין ערשטער אַרויסטריט — — — — — — 21

קאַפּיטל צוויי: גאַסטראָלן פון יוליוס אַדלער אין פּולטוסק — — 29

קאַפּיטל דריי: צוזאַמען מיט יוליוס אַדלער אויף דער בינע — — 32

קאַפּיטל פיר: דער עפּלוואַרפער פון פּולטוסק — — — — — 39

קאַפּיטל פינף: אַ דייטש — אַ ייִדישער אַקטיאָר — — — — 44

קאַפּיטל זעקס: דאָס רומענישע אַקטיאָרן־פּאָרל — — — — — 47

קאַפּיטל זיבן: דער סטאַר מיכל מיכאַלעסקאָ — — — — — — 53

קאַפּיטל אַכט: דער גורל פון צוויי טעאַטער־מענטשן — — — 60

קאַפּיטל ניין: דער טעאַטער־דירעקטאָר הענרי לאַכטיקער — — 66

קאַפּיטל צען: אַ ביישפּיל פון אַ ייִדישן טעאַטער־דירעקטאָר — — 73

קאַפּיטל עלף: מיט ד"ר פּאָול באַראַטאָוו אין פּאַריז — — — 80

קאַפּיטל צוועלף: אין שאָטן פון אַ שלים־מזלדיקער אַקטריסע — — 89

קאַפּיטל דרייצן: מיט בן־עמי אויפן גרענעץ צווישן לעבן און טויט 98

קאַפּיטל פערצן: די וואַרשעווער בינע־קינסטלערס אין פּאַריז — — 102

קאַפּיטל פופצן: פאַרענגלישטער ייִדישער אַקטיאָר פון רומעניע — 116

קאַפּיטל זעכצן: לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער, ייִדישער עולם און צוויי בינע־אַרבעטער — — — — — 120

קאַפּיטל זיבעצן: היגטישע טעאַטער־מבינות — — — — — — — 125

קאַפּיטל אַכצן: דער אַפּשרעקנדיקער לאָנדאָנער טעאַטער־פויגל — 128

קאַפּיטל ניינצן: דער אינטריגאַנטן־פויגל — — — — — — — — 131

קאַפּיטל צוואַנציק: אַ קאָנפעראַנסיער אויפן אָרט פונעם שטומען טאָוול — — — — — — — 142

קאַפּיטל איין און צוואַנציק: דער פויגל איז דאָ! — — — — 147

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק: אַן אַקטיאָריש אַריסטאָקראַטן־פּאָרל — 151

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק: אַ רוסישער „מי־שברך" פאַרטרייבט דעם פויגל — — — — — — — — — 157

זייט

קאפיטל פיר און צוואנציק: מפּלה פון א ליבלינג צוליב אן אוקריינעיש לידל — — — — — — — — 162

קאפיטל פינף און צוואנציק: סעמועל גאלדענבורגס אפגעהאלטענער נצחון — — — — — — — — — — — 165

קאפיטל זעקס און צוואנציק: פייגל אין דער לופטן — — — — 170

קאפיטל זיבן און צוואנציק: א געראטעוועטער — — — — — — 181

קאפיטל אכט און צוואנציק: אנא יאקובאוויטש און מאלי פיקאן — 185

קאפיטל ניין און צוואנציק: דיאנא בלומענפעלדס ווינטשפינגערל — 189

קאפיטל דרייסיק: דער פאלקסקינסטלער רודאלף זאסלאווסקי — — 195

קאפיטל איין און דרייסיק: לודוויק זאץ אין לאנדאנער פּאוויליאן־טעאטער — — — — — — — — 201

קאפיטל צוויי און דרייסיק: זשעני לאוויטש האט געגעבן צו שמעקן טאבאק — — — — — — — — — 206

קאפיטל דריי און דרייסיק: גיי זוך יושר אין גאלדענעם לאנד — 215

קאפיטל פיר און דרייסיק: מיין אבארבאנעל־אויפפירונג אין בויבעריק 227

קאפיטל פינף און דרייסיק: א שטאטלאזער אבער פארט אן אקטיאר 233

קאפיטל זעקס און דרייסיק: אן ערשטער ארויספאר איבער די קאלאניעס — — — — — — — — — — — 239

קאפיטל זיבן און דרייסיק: אין בערנאסקאני אויפן טור אין דער פאמפא — — — — — — — — — — — — 247

קאפיטל אכט און דרייסיק: מיינע סצענישע דראמאטיזאציעס און דוד ליכטס אן אויפפירונג — — — — 252

קאפיטל ניין און דרייסיק: אז דער סוף איז גוט — איז אלץ גוט — 257

קאפיטל פערציק: בן־ציון וויטלער האט אפגערופן די „גזירה" — 263

קאפיטל איין און פערציק: מיט מאריס שווארץ אין דרום־אפריקע— 267

קאפיטל צוויי און פערציק: א יידישע אקטריסע — א העלדישע מאמע — — — — — — — — — — — 273

קאפיטל דריי און פערציק: „יא, געווים, אוודאי!" — בולאוים אויפטו — — — — — — — — — — — 277

קאפיטל פיר און פערציק: מאריס שווארצס מאדנע דרכים — — 283

קאפיטל פינף און פערציק: רעפערטואר און סטאר — — — — — 293

קאפיטל זעקס און פערציק: א פארשטעלונג אן א פיעסע — — — — 299

הקדמה פון משה קנאַפּהיים

דאָס פֿאָרליגנדיקע בוך, וואָס דער לייענער האָט דאָ פֿאַר זיך, געהערט צו דער קאַטעגאָריע זעלטענע, נייסימדיקע ביכער, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן איינמאָליקע דערשײַנונג און חזרט זיך נישט אָפּט איבער. מע קאָן זאָגן, אַ בוך אַ נס.

פֿאַראַנען שרײַבערס וואָס דאַרפֿן אַרויסגעבן אַ **סך** ביכער, אַז **איינס** זאָל זיך אָננעמען, מאַכן אַן אײַנדרוק· און ס׳זענען דאָ אַזעל-כע וואָס קויפֿן זיך אײַן עולם-הבא אין איין שעה, מיט דעם איינעם בוך וואָס זיי שרײַבן אָן, ווי ס׳איז דער פֿאַל מיטן דאָזיקן בוך.

געוויינטלעך וואַקסט אַרויס אַ בוך פֿון אַ שרײַבעריש-פֿאַר-וואָרצלטן באָדן און איז צום מערסטן אַ סך-הכּל פֿון יאָרנלאַנגער אַרבעט און עקספּעריענץ; פֿון מי און האָרעוואַניע — איבער זיך און איבערן ווערק. אין דעם זינען איז אָט דאָס בוך אַן אויסנאַם. ס׳בוך איז נישט געוואָרן **געמאַכט**, נאָר ס׳איז **געבוירן** געוואָרן. קומט טאַקע צו זאָגן דעם מחבר אַ ברייטן טראַדיציאָנעלן ייִדיש-לעכן:

— מזל - טוב !

דאָס בוך האָט דער מחבר נישט פֿאַרטראַכט, נישט אויספּלאַ-נירט, נישט אַרײַנגעאַרבעט דערין. ס׳האָט אויפֿגעשלאָגן הויך און פֿריש ווי אַ קוואַל מיט מים-חיים וואָס דערקוויקט און דערפֿרישט ווי די שעפֿערישקייט אַליין. ס׳איז געקומען אויף דער וועלט אַ פֿאַרטיקס, אָט ווי די ייִנגלעך אין מצרים וואָס די מאַמעס האָבן זיי געהאַט אין פֿעלד — באַוואָקסן מיט האָר, מיט ציין און נעגל. ער האָט פֿריִער קיין מאָל נישט געשריבן און זיך נישט געקליבן צו ווערן נאָך אַ שרײַבער בײַ ייִדן. אויב ער האָט „געזינדיקט״

מיט דער פּען, פֿאַרפּאַסט טעאַטער־שטיק פֿאַר דער בינע, איז עס געקומען בײַ אים פֿון נייטווענדיקייט צו האָבן צוגעפּאַסטן טעאַטער־רעפּערטואַר און האָט נישט פּרעטענדירט צו ווערן אַ דראַמאַטורג בײַם טעאַטער.

מיר האָבן דעריבער דאָ פֿאַר זיך אַ בוך אַ פּענאָמען, אַן אַנטפּלעקונג אַפֿילו פֿאַרן שרײַבער גופא, וואָס איז נישט געקומען איבערראַשן קיינעם, נישט אויסן געווען זיך אַרויסצושטעלן, באַווײַזן. פֿון זיך אַליין איז אין אים אויפֿגעקומען דער דראַנג צו פֿאַרפּיקסירן, בליצאַרטיק און ממילא אייגנאַרטיק, אַ שטיק צאַפּלדיק און ריזלדיק ייִדיש טעאַטער־לעבן, פּילפּאַרביק ווי אַ רעגן־בויגן, וואָס איז אָפּגעלאָפֿן פֿאַר אונדזערע אויגן קוואַליק און שפּרודלדיק און ווערט צערונען אונטער די הענט, צעגייט ווי רויך. וואָס וועט בלײַבן פֿון אָט דער פֿאַנטאַסטישער שפּילוועלט, אַ רײַך־אָנגעקליידטע אינעם גלאַנציקן שײַנענדיקן קיניגלעכן רעקוויוויט? וואָס קאָן מען און וואָס לאָזט זיך דאָ אָפּראַטעווען, דערהאַלטן, אײַנהאַלטן, אַז ס׳זאָל נישט גיין צו גרונט נישט פֿאַרשווונדן ווערן אָן שפּור; אַז ס׳זאָל עפּעס איבערבלײַבן; אַז ס׳זאָל ערגעץ ווו פֿאַרשפּיגלט ווערן, מע זאָל עס כאָטש קאָנען זען, זיך שפּיגלען דערין, ווי אינעם טײַערסטן וואָס אַ מענטש פֿאַרמאָגט און וויל עס נישט פֿאַרלירן פֿון אויג?

אָט דער געדאַנק האָט געמאַטערט, נישט געגעבן קיין רו, אַלץ האָט געמאָנט אַ תּיקון — פֿון קאַמאַרין ביזן טעאַטער־זאַל, די אייביק יום־טובדיק אויסגעשטאַטע בינע מיט די שפּינוועב־דעקאָראַציעס, די פּאַלאַצן און שלעסער וואָס האָבן זיך געהאַלטן ווי אויף הינערשע פֿיסלעך; די יונגע גליקלעכע אויסדערוויילטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס מיט די צעשטראַלטע בליקן און לײַכטנדיקע פּנימער, איבערגעשטאַלטיקטע אין איין רגע אין לײַדנדיקע פּערסאָנאַזשן, וואָס זענען אַרויס פֿון די פֿאַרמומיעטע דראַמע־ביכער און זיך באַוויזן לעבעדיקע מיט זייערע הייסע תּשוקות און לײַדנשאַפֿטן אין די אייביק פֿאַרשטויבטע און אייביק שימערירנדיקע רעקוויזיטן פֿון פּרינצן און פּרינצעסינס, בן־מלכּס און בת־מלכּהס אויפֿן בינע־פּלאַנעט, ווי געקומענע פֿון אַן אַנדערער וועלט. באַ־

לויכטענע און פאַרהילטע אינעם פילפאַרביקן שיַין פונעם ראַמפּעליכט האָבן זיי געשוועבט צעפלאַטערטע. לײַכטע ווי אַ פעדער איבער די בינע־ברעטער און מיט זייערע דערהויבענע פאַקלרייד באַגײַסטערט, צעצונדן און צעפלאַמט דעם עולם אין זאַל, וואָס האָט מיטגעלעבט און מיטגעפילט מיט די צעפלאַטערטע נשמות, וואָס האָבן זיך ריינע און לויטערע געראַנגלט מיטן ים שלעכטס, וואָס רינגלט אַרום דעם מענטש; זיי האָבן געקעמפט ווי די לייבן, געשטיגן געלײַטערטע אין די דעקאָראַטיווע הימלען און געפאַלן אין די אָפענע אָרעמס פון די אומגעזעענע אָפגרונטן הינטער די קוליסן אונטערן שטורמישן אַפּלויז פון די פאַרהיפּנאָטיזירטע צושויער, דעם הויכגעשאַצטן פובליקום, וואָס איז געוואָרן איינס מיטן פאַרכישופטן שוישפילער־אַנסאַמבל, וואָס האָט פונקט אַזוי נישט געקאָנט קומען צו זיך אַזוי געשווינד פון התלהבות און באַגײַסטערונג.

ווי דערהאַלט מען דאָס אַלץ — האָט דער געדאַנק נישט אָפּגעלאָזט — די גאַנצע חלום־וועלט מיטן פאַרכישופטן אַראָמאַט פון יענער יונגער גליקלעכער צײַט? ווי אַזוי סובלימירט מען עס, אַז ס׳זאָל נישט ווערן אויסגעוועפּט, אײַנגעשרומפּן, רעדוצירט און פאַרנעפּלט דורכן אָפּגעשוואַכטן זכרון, ס׳וועט דאָך שוין גאָר נישט בלײַבן אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן? איין מיטל איז דאָ, איין רפואה: אויפלעבן די פאַרשווונדענע וועלט מיטן כוח פונעם וואָרט, פאַרשרײַבן, בילד נאָך בילד, סצענע נאָך סצענע, עפּיזאָד נאָך עפּיזאָד־און אַזוי איז אויפגעקומען דאָס בוך, אָן אויסגעפּיבערטס, ווי פון זיך אַליין — קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, אָן אַן איבעררײַס, אָן אַ צווישנשייד, אין איין אָטעם. און מיר האָבן פאַר זיך צווישן די צוויי טאָוולען: טײַערע, ליבע, צאַרטע, פריידיקע, האַרציקע, צאַפּלדיקע, טראַגישע שטיקער לעבן פון יידיש טעאַטער בײַם בלענדיקן שײַן פונעם ראַמפּעליכט, וואָס באַלײַכט דאָס אויסטערליש־שיינע כישופדיקע לעבן פונעם העלד פון דער בינע, דעם בלאָנדזשענדיקן שטערן פון די וואַנדער־טרופּעס, דעם טראַגישן פריילעך־מאַכער פונעם ספּעציפיש־יידישן טראַגי־קאָמישן טעאַטער־שפּיל — דעם יידישן אַקטיאָר.

* * *

הגם דער מחבר געהערט צו די הויפּטראָליסטן אינעם בוך, אַנדערש קאָן דאָך עס נישט זײַן, וואָרן ס׳זענען דאָך זײַנע זכרונות, זײַנע איבערלעבענישן און זײַנע דערפאַרונגען בײַם ייִדישן טעאַטער, דאָך טראָגט עס נישט קיין ספּעציפיש־אינדיווידועלן כאַראַקטער. דער טראָפּ, דער חותם איז געלייגט אויפן כלל, אויפן אַנסאַמבל, אויף דער טרופּע, און דורכן טעאַטער־קאָלעקטיוו זעט מען דעם אַקטיאָר־מחבר ווי איינעם פון אינעווייניק. דאָס בוך איז אויף אַזאַ אופן אַ מישפּחהדיקס, אָבער נישט דעם מחברס מישפּחה. דער הויפּטהעלד פונעם בוך איז — די ייִדישע אַקטיאָרן־מישפּחה׃ און דער מחבר־אַקטיאָר איז איינער פון זיי און ווי איינער פון זיי — דער „פירשפּרעכער”, דער שליח־ציבור זייערער — אַ נישט־אָפּגעטיילטער און אַ נישט־אויסגעטיילטער, אַן אידענטיפיצירטער מיטן כלל אַקטיאָרן׃ דורכן וואַלד זעט מען דאָ יאָ דעם בוים. און דער בוים פאַרשטעלט נישט מיט זיך דעם וואַלד, וואָס איז שוין אַזוי שיטער געוואָרן אַז ס׳נעמט אַרום אַ שרעק, אַ דרײַ פערטל שוידערלעך פאַרשניטענער, שוין באַלד אַן אויסגעהאַקטער וואַלד דורכן בלוטיקן שטורעם וואָס האָט געזייט טויט און חורבן און געלאָזט דעם מחבר שטאַרצן — אַן איינזאַמער, אַן עלנטער אויפן פּאָן פון אַ פאַרוויסטער פאַנטאַסטישער מאַקאַברישער לאַנדשאַפט, און אָט דאָס פרייִדיקע בוך איז אַ טרויעריקע מצבה אין אָנדענק נאָך אַ פאַרשווינדענער וועלט; נישט קיין שטיין־מצבה וואָס שווײַגט פאַרעקשנט שטום, נאָר אַ בוך אַן עדות וואָס רעדט, שילדערט, מאָלט, דערציילט, ווײַזט: אָט אַזוי האָט זי אויסגעזען די שיינע וועלט פון ייִדישן טעאַטער, די טעאַטער־וועלט פון נעכטן, פון אונדזער שיינעם וווּנדערלעכן אַמאָל.

משה קנאַפּהייס

אַ וואָרט פֿונעם מחבר

איך האַלט פֿאַר נייטיק צו געבן אַ פּאָר אויפֿקלער־ווערטער פֿאַרויס, אײדער דער לייענער טרעט צו צום עיקר, צו אָט דעם אַלעם וואָס ווערט דאָ געבראַכט אין דאָזיקן בוך פֿונעם לעבן פֿון ייִדישן אַקטיאָר און ייִדיש טעאַטער בײַם שײַן פֿון ראַמפּע־ליכט, וואָס באַלײַכט די בינע אי פֿאַנטאַסטיש ווײַט, אי רעאַליסטיש נאָענט, דערנענטערט די פֿאַנטאַסטיק צום רעאַלן לעבן און דערווײַטערט די ווירקלעכקייט ביז צו פֿאַנטאַסטישע דימענסיעס, וואָס זענען נישט אויסצומעסטן און שטײַגן ווײַט אַריבער די באַגרענעצטע ראַמען פֿונעם ביינעדיקן האַלברונד ביז אומענדלעכקייט.

בײַם צוטרעטן צו שרײַבן אָט דאָס בוך איז מײַן אַמביציע און כוונה נישט געווען צו וועלן זײַן נאָך איינער פֿון די וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ביכער וועגן ייִדיש טעאַטער.

דער עיקר איז מיר געגאַנגען צו באַרײַכערן די טעאַטער־ליטעראַטור מיט נײַע, ווייניק באַקאַנטע פֿאַקטן, אינטערעסאַנטע געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער פֿאַרביקער, אַקטיאָרישער וועלט, ווו איך אַליין בין געווען אָפֿט מאָל איינער פֿון די מיטבאַטייליקטע, פֿון די מיטשפּילער, טייל מאָל איינער פֿון די הויפּטראָליסטן, און אַן אַנדערש מאָל בלויז אַ זײַטיקער, אַ באַאָבאַכטער, אַ בלויזער עד־ריאה, אין דער ראָל פֿון אַ צושויער.

דאָס אַלץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אַרום מיר, אויף די בינע־ברעטער, הינטער די קוליסן, אין די קולוואַרן, אין פֿאָיע, אין די אינטימע דלד־אמות פֿון דער ייִדישער אַקטיאָרן־משפּחה, אינעם פּריוואַט־לעבן פֿון די וואַנדערנדיקע שטערנס — האָט זיך פֿאַרקריצט אין מײַן זכרון און געמאָנט אַ תּיקון.

וויל איך זיך איצט טיילן מיטן ייִדישן לייענער, במילא מיטן ייִדי־

דישן טעאַטער־ליבהאָבער, מיט די אַלע דערפאַרונגען, פריידיקע און טרויעריקע, ליכטיקע און שאָטנדיקע — ביים פאַרסך־הכלען מיינע פולע פופציק יאָרן שפילן יידיש טעאַטער אין קיילעכדיקע סעזאָנען, האַלבע סעזאָנען און אין פאַרשטעלונגען, פאַרגעקומענע פון צייט צו צייט, אָפּגעריסענע און צופעליקע, אין סטאַבילע אַנסאַמבלען, מיט וואַנדער־טרופּעס און אויף גאַסטראָלן אין פאַרשידענע לענדער, הויפּט־שטעט און פאַרוואָרפענע פּראָווינצן אין דער גרויסער ברייטער יידישער וועלט.

***

נישט אַלע מיסתמא ווייסן, אַז יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן, וועלנדיק זיך איינשפּאָרן איבעריק געלט, האָבן אַ סך מאָל געפלעגט אויף אייגענער האַנט משנה־שם זיין פּיעסן, געבן זיי אַנדערע נעמען, טוישן די נעמען פון אַ פּיעסע ווי מע טוישט העמדער — אויפפירן זיי יעדער מאָל אונטער אַן אַנדערן נאָמען. אַזוי האָט געקאָנט טרעפן, אַז איין טעאַטער־שטיק זאָל געשפּילט ווערן אונטער אַ טוץ נעמען, זאָל אויפגעפירט ווערן אונטער יתרום נעמען. איז נישט קיין וואונדער וואָס טייל מאָל קאָן מען נישט וויסן דעם ערשטן, דעם ריכטיקן, אָריגינעלן נאָמען פון דער פּיעסע אויף אַזוי וויַיט, אַז אויך די מחברים קענען נישט דערגיין קיין טאָלק וואָסער פּיעסע ס'איז זייערע, וואָס איז, ווי אַ געגנבעטע פערד, געוואָרן איבערגעפאַרבט, אַז דער אייגנטימער זאָל זיך נישט כאַפּן אַז דאָס פערדל איז זיינס.

נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז אַ מחבר האָט פאַרלאַנגט פון דער טעאַטער־דירעקציע ראַיאַלטי, טאַנטיעמע, פון אַ טעאַטער־שטיק וואָס איז צופעליק באַנאָמענט געוואָרן מיטן זעלביקן נאָמען פון זיינס אַ פּיעסע, און דער ריכטיקער מחבר איז גאָר געווען אַן אַנדערער.

די סיבה צוליב וואָס די דירעקטאָרן האָבן געטוישט די נעמען איז, ווי דערמאָנט, געווען אַ פּשוטע: זיך איינצושפּאָרן צו צאָלן דעם מחבר, דעם פּיעסן־שרייַבער זיין האָנאָראַר פאַר יעדער מאָל אויפפירן זיין פּיעסע.

צוליב אָט דעם טעם איז מיר ממש נישט מעגלעך צו דערמאָנען, אין אַ סך פאַלן, די נעמען פון די פּיעסן און זייערע מחברים, ווײַל מע וועט שוין קיין מאָל נישט וויסן און קיינער וועט מער נישט דערגיין צום שורש, וואָס צו ווענען ס׳געהער, צום ערשטן נאָמען און ריכטיקן מחבר פון דער אויפגעפירטער פּיעסע, וועגן וואָס ס׳גייט אַ רייד בײַ פאַרשידענע סיטואַציעס אינעם בוך.

לויטן כאַראַקטער, ווי ס׳איז געשריבן דאָס בוך, וואָס פּרעטענדירט צו דינען ווי ציגל צום בנין פון דער ייִדישער טעאַטער־געשיכטע און איז אויך נישט אײַנגעטיילט אין קיין כראָנאָלאָגישן סדר, איז במילא אויך איבעריק זיך צו האַלטן בײַם אָנגענומענעם כלל פון אָנגעבן גענויע דאַטעס, ציפערן און ערטער אין אַלע באַזונדערע פאַלן.

מיט מײַן גאַנצער אַחריות וויל איך אָבער פאַרזיכערן דעם לייענער, אַז יעדער עפּיזאָד, פאַקט, געשעעניש, באַזונדערער קוריאָזער פאַל, — אַז אַלץ וואָס כ׳האָב באַשריבן אין אָט די טעאַטער־געשיכטעס איז דורכויס ריכטיק און אויטענטיש, און נישט קיין פּראָדוקט פון אַ רײַכער פאַנטאַזיע, מיט וואָס ס׳באַנוצן זיך אָפט פּראָפעסיאָנעלע שרײַבערס, בכדי צו מאַכן אָנציִענדיקער און אינטערעסאַנטער זייער בוך.

איך האָב דעריבער געגעבן ב ל ו י ז דעם ריינעם אמת. און די פאַקטן, אַזוי ווי זיי זענען פאַקטיש פאָרגעקומען אין לעבן, אָן שום איבעריקן צופּוצעכץ און ליטעראַרישע פליטערלעך, זענען גענוג רײַך, אינטערעסאַנט און פילפאַרביק, ווי דאָס אַקטיאָרישע לעבן בכלל, אַז ס׳איז מער נישט נייטיק צוצוגעבן נאָך פאַרב, ווי דער לייענער וועט זיך אַליין איבערצײַגן בײַם לייענען דאָס דאָזיקע בוך וואָס נעמט אַרום אַ האַלבן יאָרהונדערט ייִדיש טעאַטער־לעבן אין דער ייִדישער וועלט.

מאַקס קלאָס

בײַם שײַן פֿון ראַמפּע־ליכט

אַ האַלבער יאָרהונדערט בײַם ייִדישן טעאַטער

קאַפּיטל אײנס

מײַן ערשטער אַרױסטריט

מײַן הײמשטעטל פּולטוסק, װוּ איך האָב זיך דערצויגן און פֿאַרבראַכט מײַנע יוגנט-יאָרן, איז באַװוּסט געװען נישט בלויז אין דער אַרומיקער געגנט. נאָר װײַט און ברייט אין יענעם טייל פּױלישער פּראָװינץ האָט פּולטוסק געשמט מיט די פֿאַרכאַפּנדיקע כישופֿדיקע פּײסאַזשן, מיט די נאַטור-שײנקײטן װאָס האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט און אַרױסגעקוקט פֿון יעדער װינקל אינעם שטעטל גופֿא. דער ליכטיק קלאָרער בלאָלעך-גרינלעכער טײַך, דער שפּיגלדיקער נאַרעװ, װאָס שלענגלט זיך אַרום דער שטאָט און אױך דער קלענערער שמאָלער טײַכפּלוס, װאָס לױפֿט לענגװים דעם מאָלערישן פּיטאָרעסקן שטעטל און שנײַדט עס איבער אױף צװײ באַזונדערע חלקים — פֿאַראײניקט דורך דער אַריבערגעװאָרפֿענער אײַזערנער בריק — האָבן די שטאָט געמאַכט אױסזען װי אַ שײנער װוּנדערלעכער אינדזל.

דער געדיכטער בערעזענער װאַלד, װאָס ציט זיך פֿון אײן זײַט ביז אָסטפּרײַסן, און פֿון דער אַנדערער ביז בריסק, אױף די פּױלישע קרעסן; די אױסגעשפּרײטע גרינע לאָנקעס, באַשפּרענקלטע מיט פֿעלד-בלימלעך מיט דער צעפֿליגלטער װינטמיל בײַ דער זײַט, האָבן געלאָזט אַ חותם אױף די שטעטלשע אײַנװױנער אױף זײער געמיט, באַנעם און פֿאַרשאַרפֿטן אײַנגעבױרענעם געפֿיל פֿאַר עסטעטיק, פֿאַר שײנקײט, פֿאַר פֿאָלקס-קונסט, פֿאַר קונסט בכלל װאָס דערהײבט דעם מענטש און גיט צו אַ פֿײַערלעכע יום-טובֿדיקײט זײַן װאָכעדיק לעבן. אין זײַן שטוב, װוּ עס האָט געהערשט געמיטלעכקײט, איז שטענדיק געשטאַנען מיט אַן אָפֿענער טיר און איז

געווען גאַסטפֿרײַנטלעך פֿאַר אורחים וואָס האָבן דאָ דערפֿילט די היימישקייט און וואַרעמקייט ווי פֿון אַן אייגענער היים.

די פֿולטוסקער אידעיִש-באַוווּסטזיניקע, נאַציאָנאַל-ייִדישע יוגנט איז אויף אַ הויכן קולטור-ניוואָ, וואָס האָט שוין דעמאָלט, ערב דער ערשטער וועלט-מלחמה, באַוויזן צו שאַפֿן ביבליאָטעקן, ספּאָרט-קלובן, פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען און פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, האָט אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן אַ ייִדישע גימנאַזיע, וווּ ס'איז געלערנט געוואָרן ייִדיש און העברעיִש, אָנגעפֿירט פֿון צוויי פּראָפֿעסאָרן, מירלאַס און ליפּמאַן.

די צוויי דראַמאַטישע קרײַזן, וואָס דאָס שטעטל האָט פֿאַרמאָגט, האָט מאַגנעטיש צוגעצויגן צו זיך די פֿעיִקערע טאַלאַנטירטע ייִדישע יוגנטלעכע. זיי האָבן געפֿיבערט, געחלומט און מיטגע-לעבט מיט די אַמאַטאָריש אויפֿגעפֿירטע פֿאָרשטעלונגען, וואָס זע-נען געגעבן געוואָרן מיט פֿלאַמפֿײַערדיקן טעמפּעראַמענט דורך די יונגע אַקטיאָרן-אַמאַטאָרן, וואָס האָבן געאָטעמט, געלעבט מיט ייִדיש טעאַטער-שפּיל און ייִדיש טעאַטער איז געווען זייער אינ-האַלט אין לעבן.

דאָס קליינע פֿולטוסק האָט פֿאַרמאָגט אַ שיינעם מאָדערנעם שטאָטישן טעאַטער-בנין, אויפֿגעבויט דורך דער שטאָט-פֿאַרוואַל-טונג. דאָס טעאַטער איז געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פֿון אַלע טרופּעס וואָס זענען געקומען געבן פֿאָרשטעלונגען אין פֿולטוסק. פֿאַר קיינעם איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין באַגרענעצונגען. יעדער טרופּע האָט דאָרט געהאַט אַ רעכט צו שפּילן. אויך די ייִדישע דראַמקרײַזן האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צו געבן זייערע אויפֿ-פֿירונגען אין שטאָטישן טעאַטער. צווישן די אייפֿערדיקע מיט-שפּילערס האָבן זיך געפֿונען מײַן שוועסטער פֿריידל און מײַן ברו-דער איטשע. ביידע האָבן זיי אָנגעהערט צו די אָנפֿירערס אין די דראַמאַטישע קרײַזן.

די פּראָבעס זענען פֿאָרגעקומען אין די אָוונטן בײַ אונדז אין דער היים. נישט דערפֿאַר ווײַל אונדזער שטוב איז געווען אַ גרוי-סע; צווישן די אָנטיילנעמערס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געוווינט אין גרעסערע און באַקוועמערע דירות ווי אונדזער וווי-נונג. נאָר די חברה האָט זיך געפֿילט גוט און היימיש בײַ אונדז

און ממש געבענקט נאָך די אָוונטן ווען ס׳זענען פאַרגעקומען די פּראָבעס. מ׳האָט דאָ פאַרבראַכט גאָר נישט ערגער ווי אויף אַ פאַרוויילונג־אָוונט אין אַ ספּאָרטקלוב, צי אין אַ פּאַרטיי־לאָקאַל. ס׳איז דאָ געווען מער אינטימער, אַנגענעמער, היימישער און חברישער.

אויך די מאַמע מײַנע, פּעסע־רחל, איז געווען צופרידן וואָס די צונויפקומען פון די אַמאַטאָרן־שפּילערס זענען צושטאַנד געקומען בײַ אונדז. זי האָט אַליין פאָרגעשלאָגן, מיר זאָלן אין אונדזער שטוב מאַכן די פּראָבעס פונעם דראַמקרײַז. זי אַליין איז געווען אַ ליבהאָבערין פון יידישן טעאַטער. אין מײַן מאַמען איז פאַרלוירן געגאַנגען אַן אמתער עכטער טאַלאַנט פון אַ יידישער אַקטריסע. ס׳איז געווען שיין צו זען, ווי מײַן מאַמע האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אין מיטן שטוב, ווען זי איז שבת געקומען אַהיים פון דער ווײַבערשיל, און האָט גענומען נאָכמאַכן די פאַרשידענע טיפּן ווײַבער בעתן דאַווענען, ווי אַזוי זיי שאָקלען זיך, מאַכן מיט די הענט, שושקען זיך אין אויער אַרײַן, גיבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ מיט אַ ווינק אויף אָנצוהערעניש און פאַרבאַהאַלטן באַלד דאָס פּנים צוריק אין סידור אַרײַן. מ׳האָט זיך פּשוט געהאַלטן בײַ די זײַטן פון געלעכטער, אַזוי לעבעדיק זענען זיי אַרויסגעקומען, די שיל־יידענעס, וואָס זי האָט זיי אָפּגעמאָלט פאַר אונדז מיט אַלע פּיטשעווקעס — יעדער מיט איר שטים און מינע, מיטן אַרט רעדן און העוויה, נאָר בילעטן צו נעמען.

מײַן פאָטער, וואָלף־בער, כאָטש אַליין אַ פרומער ייד, אַן אָפּגעהיטער, מיט אַ ברייטער לאַנגער באָרד, איז ער אָבער געווען אַ פאָלקסטימלעכער מענטש און האָט געקוקט אויף טעאַטער ווי אויף אַ יידישער זאַך. ער האָט שוין געהאַט געזען קאַרל גוצקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ”, ש. אַנסקים „דער דיבוק”, „פאַר אונדזער גלויבן” פון שלום אַש, און ער האָט זייער ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז יידיש טעאַטער איז אַ נויטווענדיקייט פאַר אַ יידישן מענטש און העלפט אים זיך אויסלעבן יידיש און נישט ווייניקער זיך אײַנשטעלן פאַר יידישקייט.

דער צוזאַמענקום פונעם דראַמאַטישן קרײַז, פון זײַנע מיטגלידער און זייערע באַגלייטערס, האָט אויף די פּראָבע־אָוונטן

מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ פֿאַרכאַפּנדיק בילד. די פּופּצן-צוואַנ־ציק יינגלעך און מיידלעך, שוין אַרײַנגערעכנט די נישט-פֿאַרבע־טענע געסט וואָס יעדער האָט מיטגענומען אויף אייגענער האַנט, האָבן מיט זיך ענג געמאַכט די שטוב. מ׳איז געזעסן אויף וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, אויף די שטולן, אויפֿן טיש, אויף דער פּלושענער קאַנאַפּע, אויפֿן קאַמאָד, אויף די בענקלעך וואָס מ׳האָט אַרײַנגענומען פֿון דער קיך און ווי אויף אַ מאָדערנער עקספּע־רימענטאַלער בינע האָבן זיך צונויפגעמישט שוישפּילער און צו־שויער, אָן שום מחיצה צווישן איינעם און אַנדערן, אָן דער נייטיקער געהעריקער דיסטאַנץ וואָס דאַרף זיך שאַפֿן צווישן זאַל און בינע, העלדן-ראַליסטן און מאַסן-סצענע פֿון סטאַטיסטן, אַק־טיאָרן-פֿאַרברענגערס און המון-צושויערס; אַ זעלטן ספּעקטאַקל אויף וואָס ס׳האָט זיך אפֿשר פֿאַרמוסטערט דאָס שפּעטערדיקע אולטראַ-מאָדערנע טעאַטער.

מיט געשפּאַנטער נײַגעריקייט האָבן זיך אַלע צוגעקוקט צו די פּראָבעס און אָנווייַזונגען פֿונעם רעזשיסער און רעפּליקעס פֿון די אַמאַטאָרן. די פּראָבע-מאַכערס האָבן זיך דערמאָלט באַמיט וואָס בעסער זיך צו באַווייַזן אין זייער אויפֿנעמען די ראָל. זיי האָבן דאָך עפּעס געהאַט צוקוקערס פֿאַר זיך, אַ זײַטיק אויג און אויער פֿון אַ „פּובליקום”!

מײַן עלטערע שוועסטערביילע, האָט געזאָרגט, אַז די אַמאַ־טאָרן פֿונעם דראַמקרײַז, וואָס זענען געקומען צו די פּראָבעס, זאָלן ביי אונדז האָבן אַלע באַקוועמלעכקייטן. די חברה טעאַטער ליב־האָבערס האָט מיט גרויס אַפּעטיט געשלונגען די קאַרטאָפֿל-לאַט־קעס וואָס מײַן מאַמע און מײַן שוועסטער ביילע האָבן פֿאַר זיי געמאַכט און זיי צודערלאַנגט צום טיש מיט גלעזער וויסאָצקי-טיי.

כמעט יעדער פֿון די אָנטיילנעמערס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך צו די פּראָבעס עמעצן פֿון זײַנע נאָענטע — ווער אַ ברודער, צי אַ שוועסטער, ווער סתם אַ גוטן פֿרײַנד. קודם-כל, טועם צו זײַן פֿונעם כיבוד, פֿון די געשמאַקע מאכלים וואָס מ׳האָט באַקומען ביי פּעסע-רחלען אין שטוב, און חוץ דעם האָבן זיי געוואָלט ביי־זײַן די פּראָבעס און זען ווי אַזוי ס׳ווערט אויסגעקנעטן אַ ראָל און אײַנרעזשיסירט אַ טעאַטער-שטיק, וואָס דער עולם, וואָס האָט

נישט קיין צוטריט צו די הינטער-קוליסן, קומט שוין צו דעם צום גרייטן.

פּראָבירט האָט מען דאָס מאָל „דער תּלמיד-חכם" פֿון ז. ליבין, דער רעזשיסער איז געווען דער פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר אַברהם קוטנער. ער איז אַ מאָל געקומען מיט אַ טרופּע שפּילן טעאַטער און האָט זיך דאָ פֿאַרליבט אין אַ פּולטוסקער ייִדיש מיידל פֿון אַ באַלעבאַטישער שטוב. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און איז שוין אַזוי פֿאַרבליבן אַ תּושב אין פּולטוסק.

* * *

אין דער פּיעסע איז דאָ אַ ראָלע פֿון צמח למדן, אַ ייִד אַ זקן אין הויכן עלטער, דער פֿאָטער פֿונעם תּלמיד חכם. פֿאַר דער ראָל האָט מען אויספּראָבירט כמעט אַ העלפֿט פֿון דער פּולטוסקער יוגנט, קיינער איז אָבער נישט געווען ביכולת אַרויסצוברענגען די ריכטיקע געשטאַלט וואָס זאָל פֿאַרקערפּערן מיט זיך די פּאַטריאַרכאַלע פֿיגור פֿונעם הדרת-פּנימדיקן זקן, דעם תּלמיד-חכמס טאַטן. בלית-ברירה איז געבליבן איין אויסוועג, אַראָפּצוברענגען אַן אַקטיאָר פֿון וואַרשע.

איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ שול-ייִנגל. שבת אין דער פֿרי, ווען דער טאַטע מייַנער איז געגאַנגען אין בית-מדרש אַרייַן זאָגן תּהילים, האָב איך געוויזן מייַן שוועסטער און ברודער ווי אַזוי איך וואָלט געשפּילט די ראָלע פֿונעם אַלטן צמח. ביידע האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט. זיי האָבן דערזען פֿאַר זיך צמח למדן, אָט אַזאַ ווי ער דאַרף געוויזן ווערן אויף דער בינע. אויף דער נאָענטסטער פּראָבע זאָגט מייַן שוועסטער פֿריידל צום רעזשיסער:

— חבר קוטנער, איך לייג פֿאָר, ביז מע וועט ברענגען אַן אַקטיאָר פֿאַר דער ראָלע, זאָל מען דערווייַל פּראָבירן מיט מייַן ייִנגערן ברודער מאָטל.

דער רעזשיסער האָט זיך צעלאַכט און צוזאַמען מיט אים האָבן אַלע מיטגעלאַכט. אָט דאָס חדר-ייִנגל וועט אויסטראָגן אויף זייַנע פּלייצעס אַזאַ שווערע ראָלע?

— כ'רעד נישט פֿון שפּילן — האָט זיך מייַן שוועסטער נישט

פאַרלוירן — כ׳מיין בלויז אַרויסהעלפן, מע זאָל דערווײַל קאָנען פירן די פּראָבעס אָן איבעררײַס.

— אַזוי איז עפּעס אַנדערש — האָבן אַלע מסכּים געווען — פאַרטרעטן קען יעדער איינער.

באַלד האָט מען מיך צוגעלאָזט צו דער פּראָבע.

— אַנו, מאָטעלע — האָט מיך מיט אַ פינגער צוגערופן צו זיך דער רעזשיסער — לאָמיר זען וואָס דו קענסט.

איך האָב זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אין דער פּאָזע פון אַן עלטערן ייִד מיט אַ ביסל אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, פאַרזשמורעט אויף האַלב די אויגן און אָנגעהויבן דערלאַנגען מיט אַ געדעמפּטער אָבער פעסטער שטים.

אַברהם קוטנער, אַליין אַ טאַלאַנטירטער אַקטיאָר, אַ מבין אויף טעאַטער־קונסט, אַזאַ וואָס ווייס וואָס צו ווען פון אַן אַקטיאָר, אויף אַרויסצובאַקומען די ריכטיקע געשטאַלט, איז דער־שטוינט געוואָרן ווען ער האָט דערזען אַז כ׳קען די גאַנצע ראָל פון אויסנווייניק און אויסגעשריגן:

— אָט דאָס איז עס וואָס איך וויל! ער שפּילט די ראָלע!

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מען זיך, ווי געוויינטלעך אָנגע־הויבן אַרויסצוזאָגן וועגן יעדער ראָלע באַזונדער. מ׳האָט געמאַכט פאַרשידענע באַמערקונגען דעם און יענעם. די ראָלע פונעם זקן צמח למדן — האָבן אַלע מודה געווען — איז אויסגעשפּילט גע־וואָרן גלענצנדיק. קיינער האָט נישט געקאָנט דערקענען אַז אונ־טערן גרים האָט זיך געפונען אַ קליינער קונדס וואָס האָט זיך נאָך באַדאַרפט שפּילן מיט קינדער אין יאָגעלעך, און אַזוי בין איך מיט אָט דער ראָלע געוואָרן אַן אייגענער, אַ מיטשפּילער אין דראַמאַ־טישן קרײַז, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רעזערוואַר פון יונגע אַרטיסטישע כּוחות פאַרן בעסערן ייִדישן טעאַטער.

נאָך יענער ראָלע האָב איך זיך דערפילט ווי אַ געפאַנגענער פון אַ פאַנטאַסטישער וועלט, פון אַ פילפאַרביקן כּישוף וואָס האָט מיך אַרײַנגעקריגן צו זיך און וועט מיך שוין אַזוי אַ גרימירטן אויפן גאַנצן לעבן מער קיין מאָל נישט אַרויסלאָזן פון זײַנע פלינקע פאַרפירערישע כּישוף־מאַכערישע הענט. מיט אַלע מײַנע חושים בין איך פון דעם טאָג אָן געוואָרן פאַרוועבט און פאַרשפּינען, גע־

קניפּט און געבונדן מיט אומזעעוודיקע פֿעדעם מיט דער ייִדי־
שער טעאַטער־קונסט, מיט ייִדישן טעאַטער. אַלע וואָס האָבן מיך
דעמאָלט געזען שפּילן, האָבן געזאָגט:

— דער יונגער קלאַס וואַקסט אַן אַקטיאָר!

די פּראָפֿעסאָרן, מירלאַס און ליפּמאַן, וואָס אונטער זייער
אויפֿזיכט האָב איך וויַיטער געשפּילט אין די דראַמאַטישע קרײַזן,
האָבן מיך שטאַרק געלויבט און פֿאָרגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפֿט אין
ייִדישן טעאַטער, אויף דער ייִדישער בינע.

אַ חוץ אונדזערע דראַמקרײַזן, וואָס האָבן אָפֿט געשפּילט טעאַ־
טער און געהאַט אויף זייער חשבון אויפֿפֿירונגען פֿון אַן ערנסטן
ליטעראַרישן כאַראַקטער, זענען אויך געקומען קיין פּולטוסק שפּי־
לן טעאַטער פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן־טרופּעס, און יעדער מאָל,
ווען אַזאַ טרופּע איז געקומען, איז בײַ דער ייִדישע יוגנט אין
פּולטוסק געווען אַן אמתער יום טוב, אַ יום טוב פֿון ייִדישן טעאַטער.

* * *

אין איינער אַזאַ וואַנדער־טרופּע, וואָס איז פֿאָרגעקומען צו אונדז
אין שטאָט מיטן דאַמפּער, האָט אַ פּולטוסקער ווײַבל דערקענט
צווישן די אַקטיאָרן איר אַנטלאָפֿענעם מאַן. זי האָט אים אויפֿ־
געשפּילט די אמתע חתונה און אים געמאַכט שוואַרץ־שבת פֿאַר
אַלעמען אין די אויגן:

—דו שאַרלאַטאַן איינער! — האָט זי אים געטרייסלט פֿאַר
די קלאַפּעס — דו וועסט בײַ מיר נישט אַרויסגיין קיין לעבעדי־
קער פֿון מײַנע הענט! ס'איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע מיט גוואַלטן
און געשרייען און אין דער מהומה האָט זיך דער תכשיט אַרויס־
געדרייט, זיך אָפּגעטראָגן. ער איז נעלם געוואָרן, אַוועק ווי אין
וואַסער אַרײַן. און די טרופּע איז געבליבן מיט אַן אַקטיאָר ווײי־
ניקער.

— וואָס טוט מען זיך פֿאַר אַן עצה?

די שוישפּילער־געסט זענען אַרומגעגאַנגען פֿאַרצווייפֿלט. ווו
קריגט מען דאָ אונטערוועגס אַן אַקטיאָר אויפֿן אָרט פֿונעם פֿאַר־
שוווּנדענעם?

גראָד איז אַברהם קוטנער דעמאָלט נישט געווען אין פולטוסק. ער איז געפאָרן באַזוכן זײַנע דרײַ שוועסטער אין וואַרשע. די נאָר־וואָס געקומענע אַקטיאָרן האָבן זיך גענומען נאָכפרעגן און געטראָפן צו אונדז אין דראַמקרײַז אַרײַן:

— אפשר געפינט זיך בײַ אײַך איינער וואָס זאָל זיך אויס־לערנען אַ ראָלע אויף גיך, אויב נישט זענען מיר פאַרלוירן, דער טעאַטער־זאַל איז שוין געדונגען, מע פאַרקויפט שוין בילעטן און ס׳פעלט אונדז אַן אַקטיאָר. וואָס טוט מען?

די אָנפירערס פונעם דראַמקרײַז האָבן מיך „אויסגעבאָרגט” דער טעאַטער־טרופע, ווײַל איך בין דאָרט געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך גיך אויסגעלערנט אַ ראָלע, און מיט גרויס דערפאָלג האָב איך פאַרטראָטן דעם פאַרשווונדענעם אַקטיאָר. קיינער האָט זיך צו מיר ניט געקאָנט גלײַכן. אַ קלייניקייט, שפּילן מיט פּראָ־פעסיאָנעלע אַקטיאָרן, און נאָך מיט אַזאַ סוקצעס! בין איך מיר געגאַנגען איבער די פולטוסקער גאַסן מעשה גרויסער אַקטיאָר, אָט ווי אַ גענעראַל נאָכן אָפּהאַלטן אַ גרויסן נצחון.



קאַפּיטל צוויי

גאַסטראָלן פון יוליוס אַדלער אין פּולטוסק

פון דעמאָלט אָן האָט מיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן דאָס גאַנצע חזנות, דער שיל־כאָר מיטן חזן הערשלע אַראָנאָוויטש וואָס כ׳בין געווען ביי אים אַ משורר פון די קינדעריאָרן אָן. פּונקט אַזוי האָט מיך אויך נישט מער אינטערעסירט און ס׳איז מיר מער נישט אָנגעגאַנגען דער הויכער ראַנג מײַנער פון אַן אָפּירעך ביי די ייִדישע סקויטן, נישט די שווים־סעקציע און נישט קיין שום אַנדערער ספּאָרט, כאָטש כ׳בין געווען פאַררעכנט פאַר איי־נעם פון די גוטע ספּאָרטלערס אין פּולטוסק.

כ׳האָב דאָס אַלץ געלאָזט אין אַ זייט. ס׳האָט ביי מיר פאַר־לוירן יעדער ווערט און וויכטיקייט. פאַר מיר האָט עקסיסטירט איין זאַך וואָס איז געוואָרן מײַן גרעסטע לײַדנשאַפט אין לעבן — ייִדיש טעאַטער. אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט טעאַ־טער, מיט ייִדישע אַקטיאָרן, האָט זיך געפונען אין צענטער פון מײַן פאַראינטערעסירטקייט. ווו כ׳האָב געזען עפּעס געדרוקט וועגן טעאַטער, האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט דערפון אָפּרײַסן; און עס געלייענט אין איין אָטעם ביזן סוף. געלייענט אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן גרויסע פיגורן, בוערס פון ייִדישן טעאַטער, וואָס האָבן מיט זייערע אויפפירונגען אַרײַנגעבראַכט אַן אויפלעב אין דער ייִדישער סביבה, באַרײַכערט גײַסטיק דעם ייִדי־שן מענטש און אַנטוויקלט אין אים געפילן פאַר שיינקייט און הויכע אידעאַלן וואָס האָבן באַגײַסטערט און דערהויבן.

כ׳האָב געלייענט וועגן מיכאַלעסקאָ, דעם אידעאַלן אויספירער פון ליבהאָבער־ראָלן, וואָס האָט אויסגעזונגען זײַנע ראָמאַנסן מיט אַ וווּנדערלעכער פאַרוויגנדיקער שטים; וועגן אַהרן פאָלאַקאָוו, דעם פּראַכטיקן כאַראַקטער־אַקטיאָר מיט זײַן טיפּישן ייִדיש־פּוי־

לישן אַקצענט און זײַן געװױנשאַפט אַרײַנצושמוגלען װערטלעך װאָס האָבן אַרױסגערופן געלעכטער בײַש צושױער אין זאַל.

צום מערסטן אָבער האָט מיך אינטערעסירט יוליוס אַדלער. כ׳האָב געלײענט װעגן אים און זײַנע אױפפירונגען, װעגן זײַן שפילן. אין מײַן פאַנטאַזיע האָב איך אים געזען װי אַ גאָט־געבענטשער קינסטלער. זײַן שפילן טעאַטער — האָב איך זיך פאָרגעשטעלט — דאַרף זײַן אין גאַנצן אַנדערש װי פון די אַקטיאָרן װאָס כ׳האָב ביז איצט געזען שפילן.

כ׳האָב געחלומט כאָטש אײן מאָל אים צו זען שפילן אויף דער װאָר, זען אים מיט די אײגענע אויגן אַרױסטרעטן אויף דער בינע און אים נאָכפאָלגן זײַן יעדער באַװעג, װי אַזױ ער שפילט אויס, װי אַ װירטואָז, זײַן ראָלע.

אָט דער חלום איז שפּעטער מקוים געװאָרן. יוליוס אַדלער איז אַראָפּגעקומען מיט זײַן פאַרטנערין שפילן יידיש טעאַטער אין פּולטוסק. מיר זענען געװען אַ גרופּע חברים װאָס זענען די ערשטע געקומען אין טעאַטער אַרײַן אים זען שפילן. איך בין געזעסן אין זאַל װי אין אַ פיבער. כ׳האָב געציטערט פון דערװאַרטן זײַן אַרױסקום אויף דער בינע. און אָט האָט זיך דער פאָרהאַנג ראַש אױפגעהױבן. יוליוס אַדלער האָט זיך באַװיזן אויף דער העל באַלויכטענער סצענע — אַ שלאַנקער, מיט אַ פראַכטיקער פיגור, מיט אַ מאַיעסטעטישן אויסזען, װי אַ פרינץ. אָט אַזױ װי כ׳האָב זיך אים פאָרגעשטעלט אין מײַן פאַנטאַזיע. ער איז אױפגענומען געװאָרן מיט שטורמישע אַפּלויזן פון גאַנצן באַגײַסטערטן עולם, װאָס האָט פאַרפולט דעם טעאַטער־זאַל ביזן ברעג. און װי אים האָט מען אויך אַזױ אַפּלאָדירט זײַן פאַרטנערין װאָס האָט אי גוט מיטגעהאַלטן טראָט מיט אים, אי געגאָסן פון זײַן רום.

די גאַנצע פּיעסע, װאָס יוליוס אַדלער האָט דעמאָלט אויפגעפירט, איז באַשטאַנען פון בלויז צװײ ראָלן. דאָס האַרמאָנישע שפילן פון די צװײ אַקטיאָרן, דער עיקר טאַקע פון יוליוס אַדלער, איז געװען אַזױ אָנציִענדיק, אַז זײ האָבן געהאַלטן געשפּאַנט דעם עולם ביזן פאַלן פונעם פאָרהאַנג. און בײדע — דער קינסטלער מיט זײַן פאַרטנערין — זענען באַשאָנקען געװאָרן מיט אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן, מיט רױשיקע בראַװאָס און בלומען — פאַרן קינסטלערישן

גענום וואָס זיי האָבן פאַרשאַפט דעם צושויער מיט זייער אויסגע־צייכנטן שפילן און וווּנדערלעכער פאַרקערפּערונג פון די ראָלן וואָס האָבן געלעבט און איבערגעלעבט יעדער באַוועג, יעדער קער און ווענד, מיט אַלע ניואַנסן פון זייערע צעפּיבערטע נשמות וואָס האָבן זיך געראַנגלט אינעם פאַרכישופטן קרײַז פונעם מענטשלעכן גורל וואָס האָט זיי פאַרבונדן צווישן זיך אויף דורכמאַכן דעם פּײַנוועג פון צוויי קעגנגעזעצטע כאַראַקטערם — נישט קאָנענדיק קריגן קיין תיקון אין לעבן.

זײַן שפּילן האָט אויף מיר איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם. טעג און נעכט האָב איך נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן זײַן באַ־נעמען זיך, זײַן האַלטונג, זײַנע באַוועגונגען, זײַן גיין, זײַן אופן אַרויסברענגען די פראַזע, זײַן אויספּילן מיט זיך די בינע, זײַן אויסטראָגן די ראָלע וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע סימפאָניע. כ׳האָב ערשט אײַנגעזען אַז מײַן גאַנץ קענען שפּילן איז געווען נישט מער ווי אַ פּוסטע אײַנרעדעניש, ווי פון איינעם וואָס האָט נאָך נישט די מינדסטע אַקטיאָרישע דערפאַרונג בײַם טעאַטער.



קאַפּיטל דרײַ
צוזאַמען מיט יוליוס אַדלער אויף דער בינע

איך בין געווען איינער פון די טויזנטער קינדער אין פּוילן, וואָס די עלטערן זייערע האָבן נישט געמאָלדן וועגן דעם געבורט פונעם קינד אין פאַררעגיסטריר־אַמט פון נײַ־געבוירענע און בין דעריבער געווען אָן אַ מעטריקע, אָן אַ געבוירן־שײַן.

אין 1919, ווען די באָלשעוויקעס זענען געגאַנגען אויף פּוילן, האָט מען בעת די אָבלאַוועס געכאַפּט יִנגלעך פון דער גאַס אַראָפּ און ווער ס׳האָט נישט געהאַט קיין געבוירן־מעטריקעס, האָט מען אָפּגעשאַצט די יאָרן לויט זייער אויסזען און היידאַ אויפן פראָנט. ווי אַ גוט אַנטוויקלטער, פעסט געבויטער בחור האָט מען מיך אָפּגעשאַצט עלטער ווי כ׳בין געווען אין דער אמתן. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די געשרייען און פּראָטעסטן פון די עלטערן, סטײַטש, ער איז דאָך דער יִנגסטער פון די קינדער. דער ענטפער איז געווען איינער:

— ס׳וועלן נישט העלפן קיין קונצן און די אַלע פּוילע שטיק. ער איז פוליעריק און מוז גיין דינען אין מיליטער.

איך בין געווען פון די יִנגלעך, וואָס האָבן פײַנט געהאַט זיך צו לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע. די שקצים, וואָס האָבן זיך מיט מיר פאַרטשעפּעט, האָב איך זיי צוריק דערלאַנגט טאָפּלט. כ׳האָב זיך פון קיינעם פון זיי נישט געלאָזט באַליידיקן. כ׳בין דעריבער געווען זיכער, אַז ביז מע וועט דערגיין צום מיליטערישן פּונקט. וועל איך שוין נישט זײַן קיין לעבעדיקער. און איידער וואָס ווען בין איך מיט עטלעכע חברים אַריבער די גרענעץ און שוין האָבן מיר זיך געפונען אין דײַטשלאַנד.

ווען מיר זענען אַריבער די גרענעץ האָט אונדז אַן אָנבאַגעגנטער פויער געראָטן, מיר זאָלן פון דאַנען נישט פאָרן מיט דער באַן. די דיַיטשע וואַך נעמט אַראָפּ פונעם צוג די אַנטלאָפענע פון פוילן און שיקט זיי אָפּ צוריק צו דער פוילישער גרענעץ. ער האָט אונדז געהייסן גיין צו פוס ביז דער נאָענטסטער שטאָט אָטלעסבורג, אָסטפּריַיסן. פון דאָרט קאָן מען שוין פאָרן וווּהין מע וויל, אָן שום מורא.

ס׳איז געווען פריַיטיק, ערב שבת, פאַרנאַכט. מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט אין וועג אַריַין. נאָכן אָפּגיין עטלעכע שעה מיטן זאַמדוועג, וואָס פירט פונעם וואַלד, האָבן זיך עטלעכע יִינגלעך פון דער גרופּע אָנגעהויבן קלאָגן אויף די פיס, אַז זיי קאָנען מער נישט גיין. די פיס זענען זיי געשוואָלן און איַיטערן. אַ טייל פון זיי האָט זיך צוריק געקערט. איך און נאָך אַ בחור זעמיר געגאַנגען וויַיטער ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריַין.

גליַיך האָט זיך פון אונטער דער ערד, געוויזן די דיַיטשע זשאַנדאַרמעריע וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט און אַרעסטירט. מיר האָבן זיך געבעטן ביַי זיי, אַז איידער זיי פירן אונדז אָפּ אין אַרעסט, זאָלן זיי אונדז פריִער פירן צום רב. מיר האָבן געהאָפט, אַז דער רב וועט אפשר אויספּועלן, מע זאָל אונדז, חלילה, נישט צוריק שיקן קיין פוילן, ווו ס׳דראָט אונדז צו ווערן דערשאָסן ווי פשוטע דעזערטירן, וואָס מיר זענען עס אין דער אמתן נישט געווען. מיר זענען אַוועק פון פוילן, נישט וויַיל מיר האָבן נישט געוואָלט דינען אין מיליטער, נאָר דערפאַר וויַיל דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם האָט געבושעוועט אויך אין די מיליטערישע רייען.

דער סוף איז געווען, אַז אַ דאַנק דער אינטערווענץ פונעם אָרטיקן רב, זענען מיר באַפריַיט געוואָרן מיטן באַדינג, אַז דער רב זאָל אונדז פאַרזאָרגן מיט עסן, שלאָפן און אַרבעט, דאָס הייסט, אַז מיר וועלן קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט.

דער רב האָט זיך באַלד פאַרשטענדיקט מיט דער קהילה פון אַלענשטיין וואָס איז שוין נישט אַזוי נאָענט פון דער גרעניץ.

דער פאָרשטייער פון די פוילישע יִידן אין אָט דער דיַיטשער שטאָט האָט מיך אַריַינגעגעבן צו אַ פריזירער אַ דיַיטש, וואָס

האָט דערציילט, אַז בעת דער ערשטער וועלט־מילחמה האָבן אים ייִדן אויף די רוסישע געביטן אַ סך געהאָלפֿן. און פֿון דאַנקבאַר־קייט האָט ער מיך גוט באַהאַנדלט. ער האָט מיך געלערנט דאָס פֿאַך, גרימירן, מאַכן פּאַרוקן און פֿריזירן. כ׳בין בײַ אים געווען אַן ערך צוויי אַ האַלב יאָר.

היות ווי ס׳האָט געדראָט, אַז מיזרח־פּרײַזן זאָל נאָך דער אָפּ־שטימונג אַרײַנפֿאַלן צוריק צו פּוילן, זענען אַלע ייִדישע פּליטים פֿון פּוילן אַוועק פֿון שטאָט און האָבן זיך געלאָזט טיפֿער אין דײַטשלאַנד.

איך בין אַוועק אין דער געגנט פֿון וועסטפֿאַלן. כ׳האָב אָבער דאָ נישט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט בײַם נײַ־דעראָבערטן פֿאַך מײַנעם צוליבן אַרטיקן געזעץ, אַז אויסלענדער קאָנען נישט באַ־שעפֿטיקט ווערן ווי פֿאַכמענער, מיטן אויסנעם פֿון שנײַדערס און שוסטערס. ס׳איז מיר דערינבער געבליבן די איינציקע ברירה: צו גיין אַרבעטן אין די קוילן־גרובנס, ווו כ׳בין טאַקע אָנגעקומען אויף דער סאַמע שווערסטער שוואַרצאַרבעט.

כ׳בין געוואָרן אַ קוילנהאַקער, פֿון די ערשטע וואָס מען לאָזט אַרונטער אונטער דער ערד צום בויערן די ערשטע שטיינקוילן, וואָס ס׳איז פֿאַרבונדן מיט סכנות־נפֿשות, מיט די גרעסטע גע־פֿאַרן פֿאַרן לעבן.

אין דער זעלביקער צײַט האָב איך נישט אויפֿגעגעבן מײַנע אַמביציעס און זיך געלערנט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט טעאַ־טער, מאַכן פּאַרוקן, זיך גרימירן, פֿריזירן און גלײַכצײַטיק זיך געלערנט די דײַטשע שפּראַך.

מיט דער צײַט האָב איך געקריגן אַרבעט אין די גרעסערע דײַטשע טעאַטערס, ווו כ׳האָב געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן אויף דײַטש. מ׳האָט אָפּגעשאַצט מײַנע סצענישע פֿעיִקייטן און מיר געגעבן צו שפּילן פֿאַראַנטוואָרטלעכע ראָלן.

און אַזוי בין איך אָפּגעווען אין דײַטשלאַנד פֿולע אַכצן יאָר. אַ שיינע פּאָר יאָר האָב איך געוווינט אין דער שטאָט באָכום, אין וועסטפֿאַלן. די שטאָט איז געווען באַוווּסט ווי דאָס האַרץ פֿונעם דײַטשן אַנטיסעמיטיזם. נאָך איידער היטלער, ימח־שמו, איז

געוואָרן קאַנצלער פֿון דריטן רײַך, האָט מען דאָ שוין געשלאָגן ייִדן אין די גאַסן, צום מערסטן אויסלענדישע ייִדן.

מײַנע קריסטלעכע חברים, וואָס כ'בין געווען מיט זיי אין זעלביקן געזאַנג-פֿאַראיין, „איינקייט", האָבן זיך מיט מיר פֿאַר-מאַסטן ווען זיי האָבן מיך געזען גיין אין גאַס מיט מײַנע ייִדישע חברים. כ'האָב זיי אָבער צוריק דערלאַנגט, געגעבן אויף רעכטס און לינקס און אַליין אויך אַרײַנגעכאַפּט קלעפּ אַז ס'האָט מיר געשווינדלט פֿאַר די אויגן.

כ'האָב אײַנגעזען אַז דאָס ווײַטערדיקע בלײַבן מײַנס אויף דער דײַטשער ערד וועט מיר קיין גוטס נישט ברענגען. קיין הײַזער האָב איך נישט דאָ, און אַליין בין איך נאָך אַ בחור, אַ פֿרײַער מענטש; האָב איך נישט לאַנג געטראַכט און אין אַ נאַכט בין איך אַריבער די בעלגישע גרענעץ. ענדלעך האָט גענומען אַ סוף צום כסדרדיקן הערן אויף טריט און שריט זידלווערטער אויף מײַן חשבון פֿון די חוצפּהדיקע דײַטשע אַנטיסעמיטן וואָס האָבן זיך ערשט אויסגעפּיקט פֿון דער נאַצישער איי-שאָלעכץ.

אין בעלגיע האָב איך באַקומען אַרבעט ווי אַ פֿריזירער. קיין אַנטווערפּן איז געקומען אַ ייִדישע טרופּע שפּילן טעאַטער אונ-טער דער אָנפֿירונג פֿונעם שוישפּילער אַבראַמאָוו מיט זײַן פֿרוי. ביידע געפֿינען זיך הײַנט אין דרום-אַפֿריקע. כ'האָב זיך גלײַך מיט זיי באַ-קענט און זיך פֿאַרגעשטעלט אַז כ'בין אַ דײַטשער אַקטיאָר. אַבראַ-מאָוו האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיר און מײַן אַקטיאָריש-קייט נישט גענומען ערנסט. אַ סך יונגעלײַט קומען דרייען אַ ספּאָ-דעק אַז זיי זענען מי-יודע וואָסערע שוישפּילערס. און נאָך דעם לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. זיי הייבן נישט אָן טויגן צו גאָרנישט.

כ'בין געווען יונג און עלעגאַנט אָנגעטון. מײַן אויסזען און אָנטון זיך מיט געשמאַק האָט פֿון דעסטוועגן געמאַכט אַ שטיקל אײַנדרוק אויפֿן דירעקטאָר.

אין אַ טאָג איז דער טעאַטער-דירעקטאָר געקומען אין געשעפֿט אַרײַן ווו כ'האָב געאַרבעט און מיך געפֿרעגט, צי כ'וואָלט געוואָלט שפּילן טעאַטער. אַ ביסל אָן איבערגעראַשטער האָב איך לאַנג נישט

געטראַכט און אים געזאָגט אַז יאָ, כ׳בין גרייט, אפילו שוין היינט ביי נאַכט. כ׳האָב אַפילו נישט געפרעגט וויפל כ׳וועל פאַרדינען.

— אויב אַזוי — האָט דער דירעקטאָר זיך אָנגערופן — איז גוט. איר ווייסט מיט וועמען איר וועט דאַרפן שפּילן?

— מיט וועמען, אַ שטייגער,

— מיטן גרויסן יוליוס אַדלער.

ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אַז מיין מאַמעס מילך איז אין מיר געראַנען געוואָרן. איך וועל שפּילן צוזאַמען מיט יוליוס אַדלער אויף איין בינע? אין איין פּיעסע? אין איינעם מיט אים?

אַן איבערגענומענער האָב איך נישט דערעסן, כ׳בין נישט דערשלאָפן אין די נעכט, כ׳האָב נישט געאַרבעט מיט קאָפּ. מיין קאָפּ איז געווען ערגעץ אַנדערש, אין אַן אַנדערער וועלט, אין אַ וועלט פון אַזוי פיל ליכט. כ׳בין אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ הינער־פּלעט. ענדלעך איז געקומען דער טאָג. מ׳האָט מיך געשיקט רופן כ׳זאָל קומען אויף פּראָבע.

יוליוס אַדלער איז געקומען אויף גאַסטראָלן מיט נאָך אַ שוי־שפּילערין. כ׳האָב זיך באַוויזן אין טעאַטער צו דער באַשטימטער צייט. דער דירעקטאָר האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַדלערן. מיר האָבן זיך באַקענט און כ׳בין געבליבן ווי אַן לשון. עפּעס איז ער נישט געווען דער זעלביקער ווי דעמאָלט, ווען כ׳האָב אים געזען צום ערשטן מאָל שפּילן אין פּולטוסק. עפּעס ווי דער אָרעאָל פון זיין גרויסקייט וואָלט זיך פון אים געווען אָפּגעטון. אין גאַנצן נישט דער זעלביקער אַדלער. כ׳האָב געזען פאַר זיך אַן אַקטיאָר ווי אַלע אַנדערע אַקטיאָרן. און נישט געקענט פאַרשטיין וואָס אַזוינס קומט דאָ פאָר. מ׳האָט אָנגעהויבן מאַכן פּראָבעס פון דער פּיעסע „איך האָב דיך פאַרקויפט און באַצאָלט“.

כ׳האָב באַקומען אַ שיינע ראָלע. אַ יונגער מאַן, אַלאַ מנחם־מענדל, אַ טיפּ וואָס פאַנטאַזירט פון גרויסע קאָפּ־שווינדלדיקע געשעפטן. דער עולם האָט געלאַכט ביי מיין יעדער אַרויסטריט. כ׳האָב באַמערקט ביי יוליוס אַדלערן קאָרעקטקייט, נאַטירלעכקייט, אָבער נישט קיין אויסערגעוויינטלעכן שפּילן, וואָס זאָל מיך איבער־ראַשן, אָט ווי דעמאָלט אין פּוילן ווען כ׳האָב אים געזען אויפטרע־

טן אין פולטוסק. כ׳האָב געטראַכט, אפשר איז ער דעמאָלט אין פולטוסק אויך אַזוי געווען. נאָר איך האָב נאָך וויניק וואָס פאַר־שטאַנען, און נאָך דעם ווי כ׳האָב געזען שפּילן די גרעסטע דײַ־טשע אַקטיאָרן און אַליין מיטגעשפּילט מיט זיי, זע איך אים איצט מיט אַנדערע, מער ניכטערע אויגן; איך זע אים ווי אַ גוטער ערשטקלאַסיקער אַקטיאָר, אָבער נישט מער, נישט קיין גאָט פון דער סצענישער מוזע.

די צווייטע פּיעסע איז געגאַנגען „דער פאָטער" פון אויגוסט סטרינדבערג, וואָס פאַרמאָגט אַ סך דראַמאַטישע סצענעס. איך האָב געשפּילט די ראָלע פונעם סאָלדאַט נייט. נאָכן שפּילן נעמט מיך אַדלער אָן פאַר דער האַנט, פירט מיך צו צו דער נאָך באַ־לויכטענער ראַמפּע און בלייַבט מיט מיר שטיין בייַם ראַנד:

— חשובער עולם — האָט ער פאַרהויבן אַ ביסל העכער דעם קאָפּ — איך וויל אייַך זאָגן, אַז כ׳בין אָנגענעם איבערגעראַשט! אָט דער בחור, וואָס איר זעט דאָ פאַר זיך, איז ממש אַ צאַצקע אַן אַקטיאָר, און דאָ פאַר אייַך, זאָג איך אייַך צו, אַז גלייַך ווי איך וועל נאָר האָבן אַ טעאַטער, וועט ער זייַן דער ערשטער וואָס איך וועל אים אַנגאַזשירן אין מייַן טרופּע.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, בלויז עטלעכע יאָר, און 1929 האָט יוליוס אַדלער, צוזאַמען מיט מנחם רובין, באַקומען דעם מלוכה־טעאַטער אין ריגע. און אַדלער האָט געהאַלטן וואָרט. דער ערשטער בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן. מ׳האָט מיר געשיקט אַ קאָנ־טראַקט קיין בעלגיע, צו שפּילן פון 13טן סעפּטעמבער 1929 ביזן ערשטן מייַ 1930, און אויף גאָר אַ גוטע גאַזשע.

ליידער, בייַ מייַן בעסטן ווילן, האָב איך דעם קאָנטראַקט נישט געקאָנט אַקצעפּטירן. פאַר מיר האָט די רייַזע געשמעקט מיט סכנה. אַז מע פאָרט פון בעלגיע קיין ריגע, דאַרף מען דורכפאָרן דעם פּוילישן קאָרידאָר, איבער דייַטשלאַנד. און ווי איינער, וואָס האָט געשמוגלט די פּויליש־דייַטשע גרענעץ און איז אַוועק אומלע־גאַל פון פּוילן, האָט אַזאַ נסיעה פאַר מיר געשמעקט מיט דער גע־פאַר אַרעסטירט צו ווערן דורך דער מיליטערישער גרענעצוואַך. כאָטש מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז די וואַגאָנען ווערן אָפּגעשלאָסן בייַם דורכפאָרן דעם קאָרידאָר, דאָך האָב איך געהאַלטן אַז ס׳איז צו

ריזיקאַליש צו גיין דעם לייב אין פּיסק אַרײַן, און זיך פאַרלאָזן אויפן פאָלאַקס יושר.

כ׳האָב דעם איינציקן געבליבענעם קאָנטראַקט פונעם ריגער יידישן מלוכה־טעאַטער אַוועקגעשאָנקען דעם ייוואָ־אָפּטייל אין בוענאָס־איירעס. ער געפינט זיך אינעם אַרכיוו־אַקט נומער 21.907.

פון דעמאָלט אָן דאַטירט זיך מײַן אָפיציעלע אָנגעהעריקייט צו דער יידישער בינע, ווען כ׳האָב זיך אָנגעהויבן רעכענען פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן יידישן אַקטיאָר.

קאַפּיטל פיר

דער עפּל־וואַרפער פון פולטוסק

ווי דערמאָנט זענען אָפט געקומען פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס שפּילן טעאַטער אין פולטוסק. צווישן די גאַסטראָלירנדיקע וואַנ־דערנדיקע שטערנס איז די צום מערסטן באַליבטע געווען די טרופּע מיט אַנאַ יאַקובאָוויטש, וואָס האָט אונדז, טעאַטער־ליבהאָבערס, באמת פאַרשאַפט אַ סך פריידן. אונדזער באַגייסטערונג איז געווען אומגעהייער. נישט בלויז די יוגנט איז געלאָפן זען שפּילן די יאַקו־באָוויטשן, נאָר אויך דערוואַקסענע יידן מיט בערד זענען געזעסן אין טעאַטער מיט די קאַפּעליעך אויף די קעפּ און געשעפּט נחת פון דער באַחנטער אַנאַ, פון דער טעמעדיקער אַקטריסע, פול מיט לעבן, וואָס האָט אַלעמען מיטגעריסן מיט איר טעמפּעראַמענט, מיט איר יעדער באַוועגונג וואָס האָט ממש פאַרכישופט דעם עולם.

פאַר דער פּרעמיערע האָבן מיר, אַ גרופּע חברים, זיך געלאָזט איבערן נאַרעוו, כדי צו קומען צו אַ קליין אינדזעלע וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון וואַלד. דער אינדזל איז פול געווען מיט צאַרטע, זעלטן שיינע פעלדבלימעלעך. אויפן אָרט האָבן מיר פון די בלומען געמאַכט אַ בוקעט, וואָס מ'האָט געהאַט בדעה אַרויפצוּוואַרפן אויף דער בינע, אויסצודריקן מיט דעם אונדזער דאַנק דער וווּנדערלעכער אַנאַ יאַקובאָוויטש.

צו מאָרגנס אין אָוונט איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע. דאָס גאַנצע טעאַטער איז געווען פול געפּאַקט ביזן לעצטן בענקל. די טרופּע האָט געשפּילט „געלט, ליבע און שאַנדע". מיטן קראַנץ פעלדבלומען זענען מיר אַריין אין אַן אויבערשטער לאָזשע. מיר זענען געווען גליקלעך וואָס מיר וועלן זי מיט עפּעס קאָנען אָפּ־דאַנקען, אַז זי זאָל פילן ווי באַליבט זי איז ביי דער פולטוסקער יוגנט.

מיט איר שפּילן און זינגען האָט אַנאַ באַגײַסטערט דעם עולם, וואָס האָט געיובלט, געשריגן: — בראַוואָ אַנאַ! בראַוואָ! דער גאַנצער זאַל האָט געשטורעמט פון אַפּלויזן, און איך, אַן איבערגענומענער, אַן עמאָציאָנירטער האָב פון התלהבות זיך אַזוי צעיאַכמעט, אַז אַנשטאָט אַ וואָרף צו טאָן דעם בוקעט בלומען האָב איך מיט דער גאַנצער קראַפט געוואָרפן דעם גרויסן עפּל, וואָס כ'האָב פּונקט געהאַלטן אין האַנט און צום אומגליק געטראָפן דער קינסטלערין אין שטערן און זי איז אויפן אָרט אַוועקגעפאַלן אַ פאַרחלשטע.

אויף דער בינע, פּונקט ווי אויפן זאַל איז אויסגעבראָכן אַ בהלה. מ'האָט נישט געוווּסט וואָס דאָ איז אַזוינס פאָרגעקומען. מ'האָט מיט די אויגן געזוכט פון וואָסער ריכטונג ס'איז געפאַלן דער עפּל. און ווער איז דאָס דער חוצפּהניק וואָס האָט געוואַגט אָפּצוטון אַזאַ זאַך, מע וואָלט אים דורס געווען אויפן אָרט, אַזוי אויפגעבראַכט איז געווען דער עולם. צום גליק האָט קיינער נישט באַמערקט ווער ס'איז געווען דער עפּל-וואַרפער און אויך מײַנע חברים האָבן געשוויגן, נישט באַנעמענדיק וואָס ס'האָט זיך מיט מיר געטון. דער פאָרהאַנג איז געפאַלן. באַלד האָט זיך פאַרן פאָרהאַנג באַוויזן אַנאַס מאַן. דער טומל איז געווען גרויס און די אויפגערעגטקייט נאָך גרעסער. ער האָט גענומען מאַכן מיט די הענט, געשריגן אַז דער עולם זאָל זיך באַרויִקן ביז דער זאַל איז עטוואָס שטילער געוואָרן. ער האָט אַן אויפגערעגטער גערעדט האַרבע דיבורים וועגן דעם אינצידענט, אַז ס'איז אַן אומדערהערטער סקאַנדאַל אַזוי זיך צו באַנעמען מיט אַ ייִדישער אַקטריסע וואָס קומט דערפרייען ייִדישע הערצער. ער האָט געמוסרט דעם עולם און געדראָעט נישט צו פאַרענדיקן די פאָרשטעלונג; אַז ער וועט אײַנפּאַקן די זאַכן, פאַרלאָזן פּולטוסק און מער נישט קומען אַהער אין דער שטאָט אַרײַן.

באַלד האָט זיך אויף דער בינע באַוויזן אַ דעלעגאַציע פון עולם, וואָס האָט זיך אַנטשולדיקט און איבערגעבעטן די קינסטלערין, צוגעזאָגט אויסצופאָרשן דעם ענין און באַשטראָפן דעם שולדיקן אַז ער זאָל האָבן צו געדענקען . . .

אַנאַ יאַקובאָוויטש האָט די פּיעסע פאַרענדיקט שפּילן מיט אַ

פֿאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. און איך האָב געמיינט אַז כ'וועל עס נישט איבערטראָגן פֿון גרויס עגמת-נפֿש. כ'האָב זיך עס נישט געקאָנט שענקען, וואָס כ'בין אַזוי צעחושט געוואָרן, פֿאַרלוירן דעם קאָפּ און אָנשטאָט דעם בוקעט, געוואָרפֿן דעם עפּל.

נאָך דער פֿאָרשטעלונג, ווען דער עולם איז זיך שוין געהאַט פֿונאַנדערגעגאַנגען, האָב איך געזאָגט צו מײַנע חברים:

— מיר וועלן פֿריער נישט גיין אַהיים שלאָפֿן ביז מיר וועלן נישט באַטראַכטן וואָס צו טון, ווי אַזוי צו פֿאַרריכטן די גרויסע עוולה וואָס ס'איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן דער קינסטלערין.

אויף דער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אויפֿן אַנדערן טאָג צו מאַכן נאָך אַ מאָל אַזאַ שווימרײַזע צום אינדזל און פֿלעכטן אַ פֿרישן קראַנץ בלומען, צובינדן צוויי ווײַסע טויבן צום בוקעט מיט אַן אַנטשולדיקונג-בריוול אונטערגעשריבן דורך מיר, דעם שולדיקן.

צו מאָרגנס אין אָוונט, בײַ דער צווייטער פֿאָרשטעלונג, איז דער קראַנץ בלומען מיט די צוויי טויבן אַראָפּגעלאָזט געוואָרן פֿון דער לאָזשע אויף דער סצענע אַרויף. מ'האָט הויך אויפֿן קול געלייענט דעם אַנטשולדיקונג-בריוו און די קינסטלערין האָט פֿון דער בינע אַראָפּ עפֿנטלעך דערקלערט, אַז זי איז מוחל דעם שולדיקן פֿאַר זײַן אומשולדיקן פֿאַרברעכן. און מיט דעם האָט זיך דער אינצידענט פֿאַרענדיקט.

* * *

שפּעטער אין יאָרן אַרום, ווען כ'בין שוין געווען אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר, בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן צו שפּילן טעאַטער אין לאָנדאָן. אין דער טרופּע האָבן זיך אויך געפֿונען מאַקס באָזשיק בראָש מיטן אַנאַ יאַקובאָוויטש.

ווען כ'בין געוואָר געוואָרן אַז כ'וועל דאַרפֿן שפּילן דעם פּאַרטנער פֿון דער יאַקובאָוויטשן, האָב איך געמיינט אַז ס'נעמען זיך מיר אָפּ הענט און פֿיס. אַן איבערגעשראָקענער בין איך געגאַנגען צו דער ערשטער פּראָבע. כ'בין געוואָרן בלייך און האָב זיך געפֿילט מאָדנע שלאַבעריק ווען כ'האָב זיך מיט איר באַגעגנט פּנים-אל-פּנים.

ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז זי דערקענט מיך, דעם עפּל־וואַרפער פון פולטוסק.

באַלד זענען פאַרטיילט געוואָרן די ראָלן. מע האָלט שוין ביַי דער צווייטער פּראָבע. און נישט איך ווייס וואָס ס׳טוט זיך מיט מיר און וואָס ס׳קומט אַזוינס פאַר אין דער ראָלע וואָס איך דאַרף שפּילן. אַלע אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיך געקענט פון פריער און געוווּסט סאַראַ זכרון איך האָב, האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאַר. ווי איז עס מעגלעך אַז איך זאָל נאָך נישט קענען די ראָלע. און נישט נאָר איך קען זי נישט אויף אויסנווייניק, נאָר איך מאַך נאָך בולבעס, כ׳רעד רייד וואָס געפינען זיך גאָר נישט אין דער ראָלע און דערצו קען איך פּשוט נישט קוקן דער פּאַרטנערין מיַינע גליַיך אין די אויגן אַריַין.

איר מאַן, דער רעזשיסער, מאַכט מיר באַמערקונגען און זיי העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. ער האָט שוין אָנגעהויבן גלייבן, אַז איך בין נישט צוגעפּאַסט פאַר דער ראָלע. מאַקס באָזשיק, וואָס איז געווען מיט מיר גוט באַפריַינדט, נעמט מיך אַוועק אין אַ זיַיט און פרעגט מיך:

— וואָס איז מיט דיר? — האַלט ער מיך פאַרן אָרעם — עפּעס קומט דאָ פאָר, זאָג. לאָמיך הערן. ס׳קאָן דאָך אַזוי נישט זיַין. מע וועט דאָך נישט דערגיין קיין טאָלק.

כ׳האָב אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיטן עפּל און אַז כ׳קאָן איר נישט קוקן גליַיך אין די אויגן פאַר חרפּה.

צו מאָרגנס ביַיטאָג ווען אַלע זענען שוין געווען פאַרזאַמלט און מ׳האָט געהאַלטן ביַים צוטרעטן צו דער פּראָבע, גיט באָזשיק אַ פרעג דער יאַקובאָוויטשן:

— זאָגט מיר, אַנאַ, — מאַכט ער צו איר מיט אַ פאַרבאָרגן קוים קענטיק שמייכעלע אַרום מויל — איר זענט נישט געווען אַ מאָל אין פולטוסק?

— דערמאָנט מיך נישט — שריַיט זי אויס אויסער זיך — איך פיל נאָך היַינט דעם קלאַפּ פון אַן עפּל וואָס איז מיר געפלויגן אין קאָפּ אַריַין פון אַ לאָזשע אַראָפּ.

באָזשיק האָט ברייט געלאַכט און אויסגעשריגן:

— שטייט פאַר איַיך דער עפּל־וואַרפער פון פולטוסק... ער האָט

מורא, איר זאָלט אים נישט אַ מאָל דערקענען און אויסלאָזן צו אים אײַער ביטער האַרץ. דערפֿאַר מאַכט ער אַזעלכע בולבעס, פּלאָנטערט מיט דער צונג, ווי ס׳וואָלט נאָר וואָס פֿאָרגעקומען דער אינצידענט.

איך האָב געזען ווי בײַ אַנאַ יאַקובאָוויטש האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן טרערן אין די אויגן. כ׳האָב זיך מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און זיך צעוויינט ווי אַ קינד. מיר זענען זיך ביידע געפֿאַלן אין די אָרעמס. מיר האָבן זיך היים אַרומגענומען און צעקושט. איצט זענען שוין די פּראָבעס געגאַנגען ווי אַ מזמור. איך האָב אויפֿגעלעבט און געפֿילט ווי ס׳וואָלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פֿונעם האַרץ.

כ׳בין שפּעטער אַנגאַזשירט געוואָרן קיין צפֿון-אַמעריקע, און ווידער האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַנאַ יאַקובאָוויטש, שוין אַ געעלטערטע, שוין נישט קיין געזונטע. מ׳האָט אײַנגעאָרדנט פֿאַר איר אַ בענעפֿיט. כ׳האָב מיך אַליין אָנגעבאָטן צו שפּילן אָן שום באַצאָלט, אַלץ כדי אויסצוקויפֿן מײַן חטא, מײַן גרויסע זינד, וואָס כ׳בין באַגאַנגען קעגן איר, מיטן ווארפֿן אַנשטאָט דעם קראַנץ בלומען, דעם עפּל אין קאָפּ אַרײַן.

קאפיטל פינף

אַ דײַטש — אַ ייִדישער אַקטיאָר

אין 1933 האָבן מיר געשפּילט אין בעלגיע אונטער דער די־רעקציע פון נייטן בלומענטאַל און זײַן פרוי פאַני וואַקסמאַן. ער איז געווען אַ לאָדזשער, אַ שנײַדער און זי האָט געשטאַמט פון לאָנדאָן. צווישן די אַקטיאָרן אין דער טרופּע האָט זיך געפונען איינער אַ נישט־ייִד, וואָס האָט געשפּילט ייִדיש טעאַטער, וואָל־דעמאַר היינצע, וואָס האָט זיך פאַררעכנט פאַר אַ ייִדישן אַקטיאָר. ער איז פון אָפּשטאַם געווען אַ דײַטש, אַ געבוירענער אין דער ייִדישער טעקסטיל־שטאָט, לאָדזש, דעם אַזוי גערופענעם פּוילישן מאַנטשעסטער.

ער איז געווען אַ שיינער, פעסט־געבויטער מאַנצפּאַרשוין. מיט אַ גוטמוטיקן פּנים, מיט העלע בלאָע אויגן. שוין נישט ענלעך צו קיין דײַטש און נאָך נישט ענלעך צו קיין ייִד. אָבער אַ מויל האָט ער געהאַט אַ ייִדישס. ער האָט גערעדט אַ מחייהדיקן ייִדיש, גע־קענט שרײַבן אַ ייִדיש מיט אַלע העברעיִשע ווערטער וואָס קומען אַרײַן אין מאַמע־לשון און געלייענט אַ ייִדישע צײַטונג נישט ער־גער ווי דער ייִדישסטער ייִד. דערצו האָט ער געהאַט אַן אַנגע־נעמען קלינגענדיקן טעמבער אין זײַן קול. מיט איין וואָרט, ער איז געווען אַן אַלזײַטיק באַגאַבטער דראַמאַטישער שוישפּילער וואָס איז געווען אַ געווינס אין יעדער טרופּע ווו ער האָט זיך מאַטיי־ליקט און פאַרנומען זײַן אָרט און מיט זײַנע אויפטריטן פאַרשאַפן כבוד דעם ייִדישן טעאַטער.

דער וווּנדער איז געווען נאָך גרעסער מיט דעם, וואָס גראָד אין די פאָלקסטימלעכע ייִדישע טיפּן האָט ער זיך צום בעסטן אויס־געצייכנט מיט זײַן עכטקייט און איבערצײַגנדיקייט. קיין שום

מענטש וואָלט אויף קיין רגע נישט אײַנגעפאַלן צו טראַכטן אַז ער האָט פֿאַר זיך נישט קיין ייִד. ווען וואָלדעמאַר היינצע האָט געשפּילט די ראָלע פֿון אַ רבין, האָט ער זיך געפֿילט ווי ער וואָלט געווען אַ געבוירענער צדיק. זײַן האַלטן זיך אויף דער בינע, זײַן באַנעמען זיך צום אַרום, צו דער רבנישער סביבה, זײַן רעדן מיטן רבישן קנייטש, זײַן גאַנצער ייִדיש־פּאַטריאַרכאַלער אויסזען — ער האָט זיך געקענט אויסגעצייכנט גרימירן — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפֿן מיט זיך אַ רבישע געשטאַלט וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי גרינג פֿאַרגעסן, און ס'איז פּשוט שווער געווען צו גלייבן אַז אָט דער רבי מיט זײַן דביקות ווערט געשפּילט פֿון אַ נישט־ייִד, פֿון אַ קריסט.

פֿאַר אַ סך איז ער ממש געווען אַ רעטעניש נישט צום באַשייַדן. אַ מענטש לעבט אָפּ אַ גאַנץ לעבן צווישן ייִדן און בלײַבט אַ גוי. ראש־השנה און יום־כּיפּור טרעפֿט מען אים אין שיל און איז זיך נישט מגייר. ער איז אַ קריסט און האָט נישט קיין שום שייכות מיט דער קריסטלעכער וועלט.

די ייִדישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן אים נישט געקענט און עס איז זיי אויסגעקומען צו שפּילן מיט אים דאָס ערשטע מאָל, האָבן בשום אופֿן נישט געוואָלט גלייבן אַז אָט דער אַקטיאָר וואָס רעדט אַזאַ פּערפֿעקטן, נאַטירלעכן, וואָרצלדיקן ייִדיש, איז אַליין נישט קיין ייִד. און דאָך איז ער געווען אַ טייל פֿונעם ייִדישן טעאַטער.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די נאַציס האָבן פֿאַרנומען פֿראַנקרײַך, האָט זיך וואָלדעמאַר היינצע געפֿונען אין פּאַריז. און ווי אַ דײַטש האָט ער זיך געקאָנט פֿרײַ באַוועגן איבער די פּאַריזער גאַסן, ווי יעדער אַריער. און דעריבער געקאָנט זײַן אַ פֿאַרבינדלער צווישן אויסבאַהאַלטענע ייִדן. צו זײַן לויב, זאָל עס געזאָגט ווערן, ער האָט ריזיקירט מיטן אייגענעם לעבן און געטון ייִדן אַ סך טובֿות. ער האָט אַ סך ייִדן געהאָלפֿן זיך ראַטעווען פֿון די דײַטשע אומברענגערישע שפּאָנען.

וואָלדעמאַר היינצע, דער פֿאַרבלאָנדזשעטער קריסט און נישט־דערגאַנגענער ייִד, אָבער ייִדישער אַקטיאָר, האָט איבערגעלעבט די מלחמה. אָבער שוין אַ געעלטערטער און איינזאַמער האָט מען אים געקאָנט טרעפֿן זיצן אין אַ ייִדישן קאַפֿע אויפֿן בעלוויל, צי אויפֿן

רעפּובליק-פּלאַץ, צו לעבן טעאַטער „לאַנקרי“, אין דער ייִדישער געגנט, ביי אַ גלעזל בראָנפן וואָס האָט אים דערנענטערט זיין סוף.

די ייִדישע אַקטיאָרן-משפחה אין דער וועלט האָט אָבער אין אים נישט פאַרגעסן און געהאָלפן אויסקומען זיין שווערע צייט אין די עלטערע יאָרן.

פאַר זיין טויט האָט ער, וואַלדעמאַר הײנצע, אויסגעדריקט דעם ווּנטש אַז מע זאָל אים מקבר זיין אויפן ייִדישן בית-עולם.

— איך האָב מיין גאַנץ לעבן — האָט ער געזאָגט מיט זיין הייזעריקלעכן קול צו די חברים אַקטיאָרן — געלעבט מיט ייִדן, וויל איך אויך נאָכן טויט ליגן צווישן ייִדן.

זיין ווּנטש האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט אויסגעפירט ווערן. אָבער זיין נאָמען איז פאַרשריבן אין ייִדישן זכרון, ווי איינער פון די חסידי-אומות-העולם וואָס האָט געראַטעוועט ייִדן פון די נאַצישע רוצחים.

קאַפּיטל זעקס

דאָס רומענישע אַקטיאָרן-פּאָרל

אַזעלכע דירעקטאָרן ווי נייטן בלומענטאַל, וואָס זאָלן באַוויַיזן זיך באַליבט צו מאַכן ביַי די אַקטיאָרן, זענען נישט געווען קיין סך ביַים יידישן טעאַטער. די שוישפּילערס, וואָס האָבן געהאַט דאָס מזל אַנגאַזשירט צו ווערן דורך נייטן בלומענטאַל און פאַני וואַקס-מאַן, האָבן נישט געוווּסט דעם ביטערן טעם פון אַ שפּלדיק דער-שלאָגן באַשעפעניש, וואָס ס׳האָבן געפּילט אַ סך אַקטיאָרן אין אַנ-דערע טרופּעס. פאַרקערט, זיי האָבן דאָ געפילט דעם שטאָלץ און די דערהויבנקייט, וואָס ס׳דאַרף פילן אַ מענטש אַ קינסטלער, וואָס באַריַיכערט זיַין פאָלק מיט דער פאָרשטעל-קונסט פון אַרויסברענגען שיינע בילדער, ליכטיקע געשטאַלטן, פאָלקס-העלדן, שטיקער לעבן, די פרייד און לייד פונעם פאָלק, מיט איין וואָרט — זיך פילן ווי אַ געקרוינטער און נישט ווי אַ געקרייציקטער.

מיט וואָס זשע אַזוינס האָט זיך נייטן בלומענטאַל איַינגעקויפט אין יחוס און זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אויפריכטיקער פריַינד אין פאַרערער פונעם יידישן אַקטיאָר?

ס׳וועט געניג זיַין צו ברענגען אָט דעם וויַיטערדיקן אינטערע-סאַנטן פאַל וואָס וועט אים כאַראַקטעריזירן צום בעסטן.

נייטן בלומענטאַל האָט צום נאָענטסטן טעאַטער-סעזאָן אַנגאַ-זשירט אַן אַקטיאָרן-פּאָרל פון רומעניע — דעם אַליין געקרוינטן זינגער-ליבהאָבער ברוך רינצלער מיט זיַין פרוי.

אין ערגעץ שטייט נישט געשריבן, אַז איינער וואָס שפּילט אַ ליבהאָבער-ראָלע מוז זיַין שיין ווי אַ געמאָלענע ליאַלקע. ער טאָר אָבער נישט זיַין אָפּשטויסנדיק אַזוי אַז קיינער זאָל נישט גלייבן; אַז מע קאָן זיך אין אים פאַרליבן ביז איבער די אויערן. דער צו-

שווער אין זאָל מוז דאָך זײַן איבערצײַגט, אַז די וואָס פֿאַרליבט זיך אינעם העלד איז טאַקע אויף אַן אמת פֿאַרליבט און גרייט צו טיילן מיט איר געליבטן פֿרייד און לייד.

דער ברוך רינצלער האָט זיך גראָד נישט אויסגעצייכנט מיט קיין איבעריקן סימפּאַטישן אויסזען. כאָטש שיינקייט איז אַ גע־שמאַקזאַך, מוז אָבער דער מענטש פֿאַרמאָגן עפּעס אַזוינס, זאָל זײַן אַפֿילו אַ בלויזער שמייכל, צי אַ בליק, וואָס זאָל מלמד־זכות זײַן אויף די חסרונות, עפּעס קאָמפּענסירן די נישט־געראָטנקייט זײַנע.

אָט די אַלע מינימאַלע זכותים האָט ברוך רינצלער נישט געהאַט. ער איז געווען אַ קרעבס־רויטער. דערצו האָט ער גע־האַט אַ גלאַטיק פּרוויש־ראָזיק פּנים, מיט וואַסערדיקע אייגעלעך אָן אַ קאָליר.. נאָר געזונגען האָט ער מיט אַ טענאָר־שטים, וואָס מ׳האָט געקאָנט הערן און ס׳איז געווען וואָס צו הערן.

אויך זי, זײַן פֿרוי, האָט זיך געפּאַסט פֿאַר דער ראָלע פֿון אַ געליבטע, ווי אַ דעקל צו אַ ליולקע. אַ היפּשלעך דיקלעכע, אַ נידעריקע און קײַלעכיקע, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ געפֿיל פֿון באַדויער, וואָס דער מלאך פֿון שיינקייט האָט אָט די פֿרוי נישט איבעריק געשאַנעוועט. זי פּשוט פֿאַרזען אָדער איז געווען צו איר אָן אַ האַרץ. נאָר דערפֿאַר איז זי אָבער געבענטשט געווען מיט אַ פּרעכטיקער סאָפּראַנשטים, וואָס האָט געדעקט אַלע אירע אויסערלעכע פֿעלערן. מע קאָן נישט לייקענען, אַן אַקטריסע איז זי געווען און פֿאַרן טעאַטער האָט זי געטויגט. נאָר נישט פֿאַר דער ראָלע וואָס זי האָט זיך אָנגעמאָסטן — די ליבהאָבערין־ראָלע, וואָס האָט זיך צו איר אין גאַנצן נישט געקלעפּט.

ווען דאָס פּאָרל איז געקומען קיין אַנטווערפּן צו אונדז אין דער טרופּע אַרײַן, האָבן זיך אַלע אַקטיאָרן געוווּנדערט:

— גיב נאָר אַ קוק — האָט איינער געזאָגט צום אַנדערן — אַזאַ קראַסאַוויעץ, אַ געלער, אַ רויטהאָריקער — און דאָס וויל שפּילן די ראָלע פֿון אַ ליבהאָבער, אַ זינגער־ליבהאָבער, און אין אָט דעם האַלב מיידלשן פּנים — וויל ער — זאָלן זיך עס פֿאַרליבן אַלע מיידלעך אין זאַל וואָס זאָלן קומען זען עטלעכע מאָל די פֿאָר־

שטעלונג, און די יונגע העלדין אויף דער בינע זאָל אויסגיין נאָך זײַנע טריט... וואָס טוט זיך דאָ אין דעם טעאַטער?

— ער, ווי ער — האָבן אַנדערע צוגעגעבן — און זי איז בעסער פאַר אים? אַט די קליינע, די דיקע וועט עס דאַרפן זײַן די פרימאַדאָנע אונדזערע? אַז אַך און וויי צום יידישן טעאַטער מיט זײַנע פרימאַדאָנעס און ליבהאָבערס, אַז זיי דאַרפן זײַן זייערע פאַרשטייערס.

אויך אויף דער פרוי פאַני וואַקסמאַן און אויף איר מאַן, נייטן בלומענטאַל, האָט מען געקאָנט באַמערקן אַן אומצופרידנקייט, אַן אַנטוישונג וואָס דער פאַל האָט אַרויסגערופן ביי זיי מיט זייער באַווײַזן זיך אין דער טרופּע.

נייטן בלומענטאַל האָט דאָס פּאָרל נישט געקענט פון פריער און ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז מע קאָן זיך לאָזן רעקלאַמירן אין ראָלן וואָס קלעפּן זיך ווי אַרבעס צו דער וואַנט. דאָך האָבן בלומענטאַל און זײַן פרוי פאַני נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן סימן פון פאַרדראָס, וואָס זיי זענען געוואָרן אַזוי אָפּגענאַרט און פאַרפירט.

אין קעגנטייל, פאַני וואַקסמאַן, וואָס איז געווען די רעזשיסערין, האָט זיי דערמעגלעכט אויפצוטרעטן אין דער פיעסע „בת ירושלים" פון פּראָפּ' האָרוויץ כדי זיי זאָלן זיך קאָנען באַווײַזן אין זייער רעקלאַמירטן זשאַנר פון געזאַנג־ליבהאָבערס.

ווי ס'איז געווען פאָרויסצוזען האָבן ביידע אין די דאָזיקע ראָלן זיך נישט וואַזשנע אויסגעצייכנט, און נעבעך געליטן די אמתע מפּלה.

צו מאָרגנס, ווען די טרופּע איז זיך צוזאַמען געקומען, האָבן אַלע געוואָלט וויסן וואָס וועט דאָ זײַן ווײַטער? די מאַדאַם וואַקסמאַן, די ענערגישע און אינטעליגענטע לייטערין פון טעאַטער האָט דאַן געזאָגט צו רינצלערן:

— הערט מיך אויס, וואָס כ'וועל אײַך זאָגן, קיינער וועט נישט לייקענען אַז איר זענט אַ גאַנץ גוטער אַקטיאָר, נאָר דעם אמת מוז מען זאָגן — ליבהאָבער־ראָלן זענען נישט פאַר אײַך. איך זע, אַז איר וועט גוט זײַן אין כאַראַקטער־ראָלן און נאָך בעסער אין דער ראָלע פון אַ רעזיניאָר, אין דער ראָלע פון אַן אַלטן מאַן וועט

איר זײַן אויסגעצייכנט. איר וועט טאַקע שפּילן אַ רעזיניאָר־ראָלע אין דער נאָענטסטער פּיעסע וואָס מיר וועלן אויפפירן — אַזוי איר און אַזוי אײַער פרוי.

דאָס ראָזיקע פּנים פונעם קרעבס־רויטן רינגצלער איז געוואָרן אָנגעצונדן ווי אַ שטיק העליש פײַער. די וואָסערדיקע אויגן זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ גלאַנץ פון אַ גרויסער באַשלאָגענער היץ. דאָס בלוט האָט זיך אין אים צעקאָכט און ער האָט זיך צעשריגן אויף דער מאַדאַם בלומענטאַל מיט כעס און חוצפה:

— ווער זעצט איר פאַר איינע וואָס איר גייט מיך לערנען וואָס כ׳דאַרף יאָ שפּילן און וואָס נישט. איר אַלטע עובר־בטולניצע וואָס איר זענט, איר ווייסט פון אײַער חיות צו זאָגן. אַ רעזשיסערין זענט איר? אַ גאָרנישט זענט איר און גאָרנישט ווייסט איר.

דער צעיאָכמעטער רינצלער האָט דער באַגאַבטער שוישפּילע־רין אַרײַנגעזאָגט אין דער זיבעטער ריפּ אַרײַן. פאַני וואָקסמאַן איז געוואָרן ווי אײַנגעקאָרטשעט און האָט זיך שטאַרק צעוויינט. דאָס ערשטע מאָל האָט עם געטראָפן, אַז אַן אַקטיאָר זאָל זי אַזוי באַליידיקן אויף אַזאַ געמיינעם אופן. אַלע אַקטיאָרן פון דער טרופּע זענען געווען אויסער זיך פון יענעמס חוצפהדיקן מענה־לשון ווי פון דער ערגסטער מאַרק־ייִדענע. אין זייער אויפגעבראַכטקייט האָט נישט געפעלט קיין סך, מע זאָל אים אונטערהאַקן די זײַטן. די מער היציקע האָט מען קוים געקאָנט אָפּהאַלטן, זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אויף אים. דער סקאַנדאַל איז שוין אַזוי אויך געווען גענוג גרויס.

מיסטער נייטן בלומענטאַל איז געקומען אין טעאַטער אַרײַן גראָד אין אַ הייטערער שטימונג כאָטש די נעכטיקע פּרעמיערע האָט שיער געשמעקט מיט אַ דורכפאַל פון דער פאָרשטעלונג — ווי זײַן שטייגער אָבער האָט ער זיך אויך דאָס מאָל וויינציק וואָס איבערגענומען. מ׳האָט שוין אין ייִדישן טעאַטער געזען ערגערע זאַכן, ווען מע רײַסט פּשוט אויף פאָרשטעלונגען וואָס האָבן אָפּ־געקאָסט אַ ממון געלט זיי צוצוגרייטן, און קיינער האָט זיך פון דעם נישט איבעריק גענומען צום האַרץ, נישט געמאַכט דערפון קיין צימעס. אַז דו זעסט, מ׳האָט דיך אָפּגענאַרט — האָט בלומענ־

טאַל געפּלעגט זאָגן — זײַ קלוג און וויש זיך אָפּ דאָס מויל. אַרײַנ־געפאַלן איז — פאַרפאַלן.

ווען ער איז געקומען נענטער צו דער בינע, האָט ער גלײַך דערפילט אַז ס'שמעקט מיט פּולווער. אַז ס'האָט זיך דאָ געטון אויף טיש און אויף בענק. ער האָט געטראָפן זײַן פרוי אין אַ שטאַרק נערוועזן צושטאַנד. די אויגן אירע זענען געווען פאַרלאָפן מיט טרערן. ער האָט זיך גלײַך אָפּגעגעבן חשבון וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און ווען מ'האָט אים איבערגעגעבן וועגן דער ברוטאַלער האַנדלונג פון דעם רינצלערן, זענען אַלע געווען זיכער, אַז דער דירעקטאָר וועט אים אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ און אַרויסוואַרפן פון דער טרופּע.

יעדער אַנדערער אויף זײַן אָרט וואָלט זיכער געווען אַזוי געטון. אָבער נישט בלומענטאַל. אַ געקרענקטער און באַליידיקטער האָט ער, נישט קוקנדיק אַפילו אין יענעמס זײַט, גענומען זײַן פרוי אונטערן אָרעם און זי אַרויסגעפירט פון טעאַטער.

בײַ דער נאָענטסטער פּראָבע, ווען רינצלער האָט געוואָלט אַרויפגיין אויף דער בינע, האָבן זיך אַלע שוישפּילער אינסטינקטיוו צעבונטעוועט און נישט צוגעלאָזט רינצלערן מיט זײַן פרוי צו די פּראָבעס.

ברוך רינצלער האָט געהאַט פון דירעקטאָר בלומענטאַל אַ פאַרזיכערטן קאָנטראַקט אויפן גאַנצן סעזאָן, אויף פולע זעקס חדשים. האָט ער זיך נישט געפּוילט, דער תכשיט, און איז אַוועק צום רומענישן קאָנסול אין אַנטווערפּן. ער האָט אים דערציילט פּונקט אַ קאַפּויערדיקע מעשה, אַז ער איז נעבעך באַליידיקט גע־וואָרן פאַר גאַרנישט און ווייניק דאָס, לאָזט מען אים נישט שפּילן אין דער טרופּע.

באַלד איז דער דירעקטאָר בלומענטאַל גערופן געוואָרן צום קאָנסול, ווו מ'האָט אים דערקלערט אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן, אַז ער מוז באַצאָלן לויטן קאָנטראַקט פאַר די גאַנצע זעקס חדשים און אויך דעקן די רײַזע־קאָסטן אויף צוריק, קיין רומעניע.

דער איידעלער בלומענטאַל איז געווען געצוווּנגען צו דער־ציילן דעם גאַנצן טרויעריקן אמת, אַז דער שולדיקער איז נישט קיין אַנדערער ווי דער בעל־דבר רינצלער אַליין, און צוגעגעבן, אַז

נישט ער, דער דירעקטאָר לאָזט אים נישט שפּילן, נאָר די אַק־טיאָרן ווילן נישט שפּילן מיט אים.

דער קאָנסול האָט דאַן געראָטן רינצלערן אַז ער זאָל איבער־בעטן די מאַדאַם בלומענטאַל.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט די פרוי בלומענטאַל און נישט די שוישפּילערס זענען מסכים געווען זיך איבערצובעטן און האָבן מער נישט געוואָלט וויסן פונעם רויטהאָריקן רינצלער, נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין שום געשעפטן און ווייטער נישט געוואָלט שפּילן מיט אים צוזאַמען.

דעמאָלט האָט מיסטער נייטן בלומענטאַל דערקלערט זיינע שוישפּילערס:

— חברים, דער נומער וועט נישט גיין. כ׳וועל נישט דער־לאָזן אַז מע זאָל צונעמען דאָס ברויט ביי אַ שוישפּילער. גייט, חברים, צו פּראָבע.

זיין וואָרט, דאָס וואָרט פונעם דזשענטלמענישן דירעקטאָר איז פאַר אונדז געווען אַ געזעץ.

אין דער נאָענטסטער פּיעסע, וואָס די טרופּע האָט אויפגע־פירט, האָט דאָס פּאָרל רינצלער אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן סוקצעס — טאַקע אין זייער נייעם זשאַנער פון עלטערע מענטשן. ער, ווי אַ זינגער־רעזשיסאָר, און זי — אין אַ מוטער־ראָל.

מיט זייערע ווייטערדיקע אויפטריטן האָבן זיי זיך באַליבט געמאַכט ביים עולם. מיט דער צייט האָבן די רינצלערס אויך פאַר־שטאַנען צו געווינען די סימפּאַטיע פון דער רעזשיסערין, פאַני וואַקסמאַן, און האָבן זיך אויך איינגעלעבט האַרמאָניש מיט אַלע איבעריקע חברים פון דער טרופּע.

דער טעאַטער־סעזאָן, וואָס איז דעמאָלט אין אַלגעמיין געווען אַ גרויסער דערפאָלג, האָט זיך אַזוי אַרום פאַרענדיקט אין פולער האַרמאָניע, ווי ס׳איז עס געוווּנטשט צו ענדיקן אַ סעזאָן דער דירעק־טאָר נייטן בלומענטאַל און זיין פרוי, די אַקטריסע און רעזשיסע־רין, פאַני וואַקסמאַן, אַז אַלע זאָלן זיין צופרידן און שטענדיק דערמאָנען נאָר צום גוטן דעם אָפּגעשפּילטן סעזאָן.

קאַפּיטל זיבן

דער סטאַר מיכל מיכאַלעסקאָ

די אַקטריסע פאַני וואַקסמאַן, אַן אינטעליגענטער מענטש מיט טעאַטער־קולטור, די פרוי פונעם דירעקטאָר נתן בלומענטאַל, האָט אין אַנטווערפּן אויפגעפירט עטלעכע פּיעסן וואָס צווישן זיי האָט זיך געפונען דאָס באַרימטע טעאַטער־שטיק פון יעקב גאָרדין „כאַ־סיע די יתומה". זי אַליין האָט זיך גענומען די ראָלע פון כאַסיע. איך האָב געשפּילט וולאַדימיר. אירע אויפפירונגען זענען געווען גוט געשטעלט, מיט אַ סך געשמאַק און פאַרשטענדעניש און האָבן געהאַט אַ גרויסן מאָראַלישן דערפאָלג. פינאַנציעל אָבער זענען די געשעפטן געגאַנגען נישט אַזוי פויגלדיק.

דער טעאַטער־דירעקטאָר, נתן בלומענטאַל, האָט יעדער מאָל געכאַפּט אַ בליק אין האַלב־ליידיקן זאַל מיט די בענקלעך וואָס האָבן געפּוסטעוועט, נישט־באַזעצטע, און זיך גאָר נישט געקאָנט העלפן דערצו, ער וועט דאָך דעם טעאַטער־גייער נישט גיין ברענגען פאַר אַן אויער אין זאַל אַריין. און אַזוי האָט ער נאַכט־ביי־נאַכט צוגעלייגט געלט צו יעדער פאָרשטעלונג.

בלומענטאַל האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן סימן פון זאָרג און ערגעניש. ער איז נישט געוואָרן פאַרצווייפלט ווען אַן אויפפירונג האָט נישט אַריינגעבראַכט קיין געלט אין דער קאַ־סע. ער האָט זיך אַפילו נישט באַקלאָגט פאַר קיינעם און אַוודאי נישט באַשולדיקט קיינעם, נישט געוואָרפן אויף קיינעם דעם בייגל בעת אַ מיסדערפאָלג פון אַ פּיעסע וואָס האָט נישט „אָנגערירן". זיין סטאָאישע רויִקייט האָט ער קיין מאָל נישט פאַרלוירן, גלייך

ווי ער וואָלט געווען אַ נישט פאַראינטערעסירטער צד. אין אַזעל־כע פאַלן האָט ער באַוויזן איינצוהאַלטן זיין גלייכוואָג און נאָך געטראַכט ווען מען קאָן מען דאָ אַראָפּברענגען וואָס זאָל ראַטעווען די סיטואַציע, בכדי צוריק צו געווינען דעם היזק, דאָס פאַרלוירע־נע געלט, און נאָך אַרויס גיין מיט ריווח. און אויך אין דעם פאַל האָט ער זיך ווי שטענדיק צו עפּעס דערטראַכט.

נתן בלומענטאַל האָט דעמאָלט באַשלאָסן צו אַנגאַזשירן ווי דעם סטאַר, מיכל מיכאַלעסקאָ, וואָס כ׳האָב שוין געהאַט מיט אים געשפּילט אין פאַרשידענע לענדער. אָן ספק איז מיכאַ־לעסקאָ געווען איינער פון די בעסטע און שענסטע געזאַנג־ליב־האָבערס אין יידישן טעאַטער פון יענער צייט. ער איז גע־ווען געבענטשט מיט אַ לירישער און לויטערער שטים צום זינגען און ער האָט טאַקע געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג ווי אַ זינגער־ליבהאָבער אויף דער יידישער בינע. ער איז אויך פי־זיש געווען אַ שטאַרקער, אַ קרעפטיקער וואָס דאָס איז אַ זעל־טנקייט ביי דעם זשאַנער, ביי ליבהאָבערס.

כאַסיע די יתומה איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון רעפּער־טואַר און מיכאַלעסקאָ איז אויפגעטראָטן אין דער אָפּערעטע „דער לעצטער טאַנץ" מיט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. שפּעטער האָט מען די פּיעסע איבערגענומען פון דער הויפּטראָלע, מישאַ דער קאַבאַרעט־זינגער, איז געוואָרן אַ פרויען־ראָלע, אַ סאָניע, אַ קאַבאַרעט־זינגערין. און מיטן טויש פון דער ראָלע האָט די פּיעסע פאַרלוירן איר רייץ און גלאַנץ. די בעסטע פּרימאַדאָנע קאָן נישט אויסאיבן אַזאַ ווירקונג, ווי בעת עס שפּילט די ראָלע אַ מאַן אַ ליבהאָבער בפרט ווען זי ווערט אויסגעפירט דורך אַזאַ אַקטיאָר ווי מיכל מיכאַלעסקאָ, וואָס אַלץ אין אים איז איין געזאַנג.

איך האָב געשפּילט די ראָלע פונעם רעפּאָרטער רובי. ביי דער סצענע אין קאַבאַרעט טרעט אויף דער העלד מישאַ מיכאַ־לעסקאָ — און זינגט זיין קופּלעט־נומער: „איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט".

מיכל מיכאַלעסקאָ

איך וויל פֿאַר אײַך אַצינד דאָ זינגען, אַט דאָס ליד,
אַ ליד וואָס וועט אײַך פֿרײַד אַ סך פֿאַרשאַפֿן.
ווער ס׳וויל און ווער ס׳האָט חשק — זינגט מיט מיר עס מיט
ווײַל ס׳פּאַסט דאָס ליד פֿאַר גראַפֿן ווי פֿאַר שקלאַפֿן.

אויב איר האָט עפּעס אַ פֿאַרדראָס און ס׳דריקט אײַך וואָס
אין האַרצן — נעמט, גיסט אָן מיט ווײַן דאַן אײַער גלאָז.
פֿאַרגעסט אין אַלע צרות, שלעק, וואָס מאַכן קראַנק,
זינגט־מיט מיט מיר מײַן זמרל, זינגט מײַן געזאַנג.

רעפֿריין:

איין מאָל, קינדער, איין מאָל לעבט מען אויף דער וועלט.
און ווען מע שטאַרבט אוי, דעמאָלט העלפֿט שוין נישט קיין געלט.
טאָ לעבט, געניסט פֿון פֿרייד, פֿון אײַער יוגנטגליק,
ווײַל גייט דער טאָג אַוועק — קומט ער נישט מער צוריק.

זײַן פֿאַרברענגען דאָס טעאַטער־לידל האָט מיך ווי פֿאַרכישופֿט. כ׳בין געבליבן ווי פֿאַרגליווערט און האָב פֿאַרגעסן ווו כ׳געפֿין זיך... ביז כ׳האָב מיט אַ מאָל דערהערט פֿון סופֿלאָרקעסטל אַ צוגעדושעטע אָבער שאַרפֿע שנײַדיקע שטים:

— קלאָס, ביסט שטום געוואָרן? גיב לשון! רעד!

ערשט איצט האָב איך זיך געכאַפּט אַז כ׳בין אַ מיטשפּילער מיט מיכאַלעסקאָ און דאַרף שפּילן מײַן ראָלע — דערלאַנגען מײַן פּראָזע. נישט בלויז דעם עולם איך זאָל האָט ער פֿאַרכישופֿט נאָר אויך מיך אויף דער סצענע, אַזוי וווּנדערלעך איז ער געווען אין זײַן ראָלע. מיט זײַן פּרעכטיקער זיסער שטים האָט ער געקענט אַרויסרופֿן באַגײַסטערונג אַפֿילו בײַ די וואָס האָבן טויבע אויערן פֿאַר מוזיק. נאָך זײַן דעביוט האָבן יידן אויף דער אַנטווערפּענער דימענטן־בערזע מער גערעדט פֿון

מיכאַלעסקאָס שפּילן ווי פון זייערע דימענטן. און ביי אַלעמען איז געווען גרויס די פאַרוווּנדערונג ווען ביי דער צווייטער פאָרשטעלונג האָט מען געקאָנט באַמערקן אַ גרויסע צאָל פרויען וואָס זענען געקומען אין טעאַטער אַרײַן, זען מיכל מיכאַלעסקאָ שפּילן און זינגען.

אָט דער קראַסאַוויעץ, וואָס האָט געגלאַנצט און געשײַנט אין דער ראָלע פון באָני אין דער אָפּערעטע „די טשאַרדאַש־פירשטין" און אַפילו אויסגעצייכנט געשפּילט אַ פרויען־ראָלע, וואָס אַ סך פרויען וואָלטן זיך געוווּנטשן אַזוי אויסצוזען, מיט אַזוי פיל רייץ און שיק — אָט דעם זעלביקן מיכאַלעסקאָ האָט מען באַדאַרפט זען, ווי אַזוי ער ווערט — אין אַ צווייטער ראָלע — פאַרוואַנדלט אין אַ מיאוסער אַלטער כישופמאַכערין, אין גאָלדפאַדנס באָבע יאַכנע.

כ'האָב שוין געשפּילט מיט אַ סך אַקטיאָרן, וואָס האָבן געהאַט דעם שם ווי די בעסטע אויספירערס פון אָט דער ראָלע. אָבער צו מיכאַלעסקאָ זענען זיי נישט געקומען, זיי האָבן ניט געגרייכט צו זײַן קנעכל. ער האָט זיי אַלע איבערגעשטיגן מיט זײַן טרעפלעכן זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אַלטער מכשפה. מיכאַלעסקאָ האָט קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט אַן אַלטע, אַ צעקנייטשטע זקנה וואָס האָט אַלעמען איבערצײַגט אַז דאָס איז די אמתע באָבע־יאַכנע, אַזוי האָט זי גאָלדפאַדן פאַרטראַכט און אַזוי האָט זי מיכאַלעסקאָ אַרויסגעבראַכט.

הײַנט ווער האָט זיך געקאָנט פאַרגלײַכן מיט אים אין דער ראָלע פון אַברהם אין גאָלדפאַדנס „עקדת יצחק"? איך בין איבערצײַגט אַז ווען אַברהם גאָלדפאַדן וואָלט געזען ווי מיכאַלעסקאָ פאַרקערפּערט קינסטלעריש זײַנע גאָלדפאַדנס טיפּן, וואָלט ער געזאָגט אַז די טיפּן וואָס ער האָט געשאַפן, זענען אָנגעמאָסטן אויף אים, אויף מיכאַלעסקאָן און טאַקע נאָר פאַר אים האָט ער געשריבן די פּיעסן.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געשפּילט מיט מיכאַלעסקאָ אין בראַזיל. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ קראַנקער. ער האָט געליטן אויפן האַרץ. מיר האָבן געשפּילט אַן אָפּערעטע „דער ציגײַנער־פּרינץ", געשריבן פונעם באַוווּסטן צפון־אַמעריקאַנער פּיעסן־שרײַבער, וויליאַם סיגל, אַ ייִד מיט אַ הילצערנעם פוס. זײַנע פּיעסן ווערן נאָך הײַנט געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג אין ייִדישן טעאַטער. ער

האָט אויך געשריבן סצענאַרן פאַרן פילם. איינער פון זיינע פילמען איז „לאָוו-סטאָרי", די ליבע-געשיכטע, וואָס איז אַ גרויסער סוקצעס אין דער פילמוועלט. דער מחבר לעבט שוין נישט. זיינע פילמען אָבער גייען נאָך אַלץ מיט גרויס דערפאָלג, און דער דערמאָנטער פילם איז רעאַליזירט געוואָרן שוין נאָך זיין טויט.

ער האָט זיך אַ מאָל אָנועקגעזעצט, וויליאַם סיגל, מיט משה נאַדיר אין אַ קאַפע און ביידע זענען געגאַנגען אין אַ געוועט — וועמען ס'וועט פריִער אויספעלן אַ גראַם. יעדער איינער פון זיי האָט געזאָגט אַ פסוק און דער אַנדערער האָט געדאַרפט זאָגן אַ צווייטן זאַץ צום גראַם. דער סוף איז געווען אַז משה נאַדירן דעם איינציקאַרטיקן וואָרטשפּיל-מייסטער אין דער יידישער ליטעראַטור, אים האָט דעם ערשטן אויסגעפעלט אַ שורה מיט אַ גראַם צו סיגלס אַ פסוק. און משה נאַדיר האָט פאַרשפּילט דעם געוועט.

אין וויליאַם סיגלס „ציגיינער-פרינץ" וואָס מיר האָבן געגרייט אין בראַזיל צום אויפפירן, איז אויף דער בינע אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דעקאָראַציע פון אַ הייזקעלע מיט אַ באַלקאָן, וואָס אויף אים דאַרפן זיך אָפּשפּילן עטלעכע סצענעס.

ווען ס'איז פאָרגעקומען די פּראָבע, האָט מיכאַלעסקאָ געוואָלט אַרויפגיין און אויספּרוּוון צי דער באַלקאָן איז גוט צוגעפעסטיקט און צי ער וועט אויסהאַלטן. איך האָב געוווּסט אַז ער איז אַ האַרצליידנדיקער, האָב איך אים נישט געלאָזט אַרויפגיין אויפן באַלקאָן. פלינק ווי אַ קאַץ, האָב איך געגעבן אַ שפּרונג אַרויף אויפן באַלקאָן און מיט דער זעלבער פלינקייט בין איך מיט אַ טראַמאַסק אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און מיטגעשלעפּט מיט זיך די גאַנצע דעקאָראַציע-וואַנט. כ'בין געבליבן ליגן אַ צעקלאַפּטער און האָב זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. מ'האָט געמוזט אַרויסרופן צו מיר די „גיכע הילף" און מיטן אַמבולאַנס האָט מען מיך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אַריין. כ'האָב זיך גאָרנישט געטון, כ'בין געבליבן גאַנץ מיט אַלע אברים. אָבער אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך נישט געקענט רירן. כ'בין געלעגן אין גרויסע געהאַקטע צרות. אין מיינע ווייטיקן בין איך אָבער געווען צופרידן מיט איינם: וואָס דער באַלקאָן האָט זיך אָפּגעריסן מיט מיר און נישט מיט מיכל מיכאַלעסקאָ. דער האַרצ-

לײַדנדיקער וואָלט עס זיכער נישט געווען איבערגעטראָגן דאָס אַראָפּפאַלן פון אַזאַ הייך. ער וואָלט געבליבן אויפן אָרט.

לײדער איז דער גאָטגעבענטשטער אָפּערעטן־אַקטיאָר פּרי אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט. ער איז אין די בעסטע יאָרן זײַנע פאַרצוקט געוואָרן פון דער קראַנקייט זײַנער און אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

נאָך אַזאַ מיכאַלעסקאָ איז אין יידישן טעאַטער מער נישט גע־ווען. מ׳האָט בלויז געקאָנט חלומען וועגן אַזאַ וווּנדערלעכן זינגער־אַקטיאָר. צי די יידישע בינע וועט נאָך אַמאָל האָבן אַזאַ מיכאַ־לעסקאָ — ווער ווייסט?

קאַפּיטל אַכט

דער גורל פון צוויי טעאַטער-מענטשן

אונטער דער דירעקציע פון מיסטער נייטן בלומענטאַל האָט אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער געשפּילט דער אייגנאַרטיקער כאַראַק-טער-קאָמיקער פון ניו-יאָרק, דער אומפאַרגעסלעכער קינסטלער, לוד-וויק זאַץ, דער פאַרשטייער פונעם מאָדערנעם טעאַטער-קאָמיזם, וואָס גרענעצט זיך און פלעכט זיך דורך מיט טראַגישע אַקצענטן און שאַפט מיט זיך אַ זעלטענעם געמיש פון טראַגיקאָמישע סיטואַציעס אויף אַ דראַמאַטישן און מעלאָדראַמאַטישן פּאָן, וואָס ס'איז נישט אָפּצוטיילן איין עקסטרעם פון צווייטן, דאָס קאָמישע פונעם טראַגישן און פאַרקערט, און ביידע אין איין דראַמאַטישער ראַם רופן זיי אַרויס געלעכטער דורך טרערן.

אין דער טרופּע האָט זיך געפונען אַ יונגער שוישפּילער, מאַרק מאַראַווסקי, וואָס איז דורך דער דירעקציע ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון וואַרשע, צו שפּילן אַ גענוג שווערע ראָלע פון אַ יונגן ליבהאָבער.

דער יונגער מאַראַווסקי איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעוויי-אַקטיאָר וואָס האָט געקענט אויספירן מיט אַ סך געשמאַק אַ נומער אין אַ קליינקונסט-פּראָגראַם. ער איז אָבער נישט געווען צוגעפּאַסט צו אַ ראָלע פון אַ יונגטלעכן ליבהאָבער-העלד, וואָס ער דאַרף אײַנ-הייטלעך שפּילן אין פאַרשידענע סיטואַציעס אין משך פון אַ גאַנצער פאַרשטעלונג.

דער מײַסטער-שוישפּילער, לודוויק זאַץ, וואָס האָט געפאָדערט פון זײַנע מיטשפּילערס דאָס מאַקסימאַלסטע, האָט נאָך די ערשטע עטלעכע פּראָבעס מיטן בחור אײַנגעזען אַז ער קאָן פון אים גאָרנישט אַרויסבאַקומען; אַז ס'באַקומט זיך נישט דער טיפּ וואָס דאַרף מיט

טעאטער-דירעקטאָר
נייטן בלומענטאַל

די אַקטריסע פאַני וואַקסמאַן
נייטן בלומענטאַלס פרוי

אים מיטשפּילן, מיטהאַלטן טראָט, האָט ער געבעטן דעם עמפּרעסאַריאָ, אַז מע זאָל אים ברענגען אַן אַנדערן יוגנטלעכן אַקטיאָר. מאָראַוּוסקי — האָט ער דערקלערט — וועט די קאָמפּליצירטע ראָלע נישט קאָנען ׳אויסטראָגן אויף זײַנע שמאָלע אַקטיאָרישע פּלייצעלעך, ער קאָן פֿאַלן פֿון דער צו שווערער משא וואָס מע לייגט אויף אים אַרויף.

דעמאָלט האָט מען מיך — אַ יונגן פֿײַערדיקן יאַט וואָס קאָן מיטרײַסן אַן עולם — געבראַכט צום ערשטן מאָל קיין לאָנדאָן אין דער טרופּע מיטן גענימאַלן לודוויק זאַץ בראָש.

ווען כ׳בין ס׳ערשטע מאָל געקומען אין טעאַטער אויף פּראָבע, האָב איך געטראָפֿן דעם יונגן שוישפּילער אַ פֿאַרזאָרגטן, אַ דערשלאָגענעם, ממש אַ פֿאַרצווייפֿלטן. ער האָט זיך נישט ווי אַהינצוטון. ער איז געבליבן ווי אויפֿן וואַסער. מע ברענגט אַ מענטש אַהער אַזש פֿון פּוילן און דאָ הייסט מען אים גיין ווי אַן איבעריקע, אַרויסגעוואָרפֿענע כּלי. ער וועט עס נישט איבערטראָגן. אַ הפקר־וועלט, נישטאָ צו וועמען צו רעדן, , פֿאַר וועמען זיך פֿאַרקלאָגן. גענומען און אָפּגעזאָגט פֿון דער טרופּע אָן אַ פֿאַרוואָס.

איך האָב אויסגעהערט זײַנע טענות און אַן איבערגענומענער בין איך גלײַך אַוועק צום דירעקטאָר בלומענטאַל, און האָב אים געמאָלדן:

— זײַט וויסן, מיסטער בלומענטאַל, איך וועל נישט שפּילן, אויב מע וועט דעם בחור אָפּזאָגן.

דער דירעקטאָר, וואָס האָט געהאַט אין האַנט אַזאַ קאָרט, ווי לודוויג זאַץ, האָט זיך נישט דערשראָקן פֿאַר מיר און רויִק מיט זיכערקייט אין זיך מיר געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן און געענטפֿערט:

— איך דאַרף אים נישט און זאָל ער זיך פֿאָרן געזונטערהייט צוריק קיין וואַרשע.

— סטײַטש — האָב איך זיך געקאָכט — איר קענט דאָך דערפֿירן דעם מענטש צום ערגסטן און ס׳וועט פֿאַלן אויף אײַער געוויסן.

— אַז איר גייט זיך אָננעמען זײַן קריוודע — האָט בלומענטאַל גענומען זוכן אין זײַן בוזעמטאַש — וויל איך אײַך בעטן אים איבערגעבן דעם קאָנווערט. דאָ געפֿינט זיך געהאַלט פֿאַר גאַנצע זעקס חדשים, כאָטש ער האָט נישט קיין קאָנטראַקט אויף קיין זעקס חד־

שים, און אויך די רײַזע־הוצאות ביז וואַרשע. נו, איצט זענט איר צופרידן ?

איך האָב געמיינט, אַז ער מאַכט פון מיר חוזק : אַוודאי אַ לײדי־קער קאָנווערט. איך גיב אַן עפן אויף דעם קאָנווערט און זע אַז ס׳שטימט, אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז אמת. איך האָב זיך נישט געריכט אויף דעם און זיך פשוט פאַרלוירן, נישט געטראָפן דעם וועג צו דער טיר, אַרויסצולויפן פון דער דירעקציע און איבערגעבן דעם פאַרצווייפלטן חבר דעם קאָנווערט. כ׳האָב דערהערט בלו־מענטאַלס קול :

— אָט דאָ, ווילדע זאַך, איז די טיר — האָט מיר דער דירעק־טאָר בלומענטאַל געוויזן מיט דער האַנט — צום ערשט דאַרף מען זיך פרעגן און אויסהערן און נאָך דעם האָבן טענות.

כ׳בין נישט געלאָפן, נאָר געפלויגן. כ׳האָב דעם קאָנווערט מיטן געלט איבערגעגעבן דעם בחור און אַלעמען דערציילט ווי אַזוי בלו־מענטאַל האָט דערליידיקט דעם סיכסוך.

די לאַנדאַנער חברים שוישפּילער פון דער טרופּע האָבן זיך אין גאַנצן נישט געוווּנדערט. פאַר זיי איז עס געווען אַ זעלבפאַרשטענד־לעכע זאַך :

— מאַכט נישט אַזאַ צימעס דערפון — האָבן זיי גלײַכגילטיק געקוקט אויף מיר ווי זיי וואָלטן מיך אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער — מיר זענען צוגעוווינט דערצו, און צו נאָך שענערע זשעסטן פון מיסטער בלומענטאַל, וואָס ער טוט אַלץ פאַר שוישפּילערס איז נאָר אָנצושרײַבן אַ גאַנץ בוך וועגן אים.

אָט אַזעלכע רירנדיקע מענטשלעכע האַנדלונגען האָט מען נאָר געקענט דערוואַרטן פון מיסטער נייטן בלומענטאַל, וואָס האָט גע־וווּסט ווי אָפּצושאַצן די חשיבות, ראָל און מיסיע פונעם יידישן אַקטיאָר.

* * *

ער איז אין לעבן געווען אַ ייִד אַ חכם, דער מיסטער נייטן. נאָר געשטאָרבן איז ער מיט אַ נאַרישן אומזיניקן טויט.

דער דירעקטאָר בלומענטאַל מיט זײַן פרוי פאַני פלעגן כמעט יעדער יאָר, זומערצײַט, קומען קיין בעלגיע און פאַרברענגען זייערע

וואַקאַציעס אין אָפּשטענדע בײַם ים. אַ חוץ טעאַטער האָבן זיי אויך געהאַט אַ גרויסן קינאָ, וואָס האָט זיי אַרײַנגעבראַכט אַ סך געלט. פֿון די פֿאַרדינסטן פֿונעם קינאָ, האָבן זיי נישט איין מאָל געהאַט צו דערלייגן צום טעאַטער. ווי פֿאַרמעגלעכע מענטשן האָבן זיי זיך געקאָנט פֿאַרגינען צו פֿאַרברענגען גאַנצע צוויי חדשים בײַם ים. זיי זענען אײַנגעשטאַנען אין שענסטן האָטעל נים ווײַט פֿון דער פּלאַזשע.

אין אָן אָוונט האָט מיך מיסטער בלומענטאַל פֿאַרבעטן אויף אָוונטברויט אין אַ רעסטאָראַן. ער איז געווען אַ באַלעבאַטישער מענטש, ווײַט פֿון צו זײַן אַ באַהעם, האָט ער ליב געהאַט אָפּצועסן לײַטיש. דאָס עסן איז בײַ אים געווען — שיער נישט — ווי אַ קולט. אַלץ האָט געמוזט זײַן בײַ אים אַקוראַטנע, מיט אַ סערוועטל, מיט אַ פֿולן מענו. וואָס דער קעלנער האָט צודערלאַנגט האָט ער נישט בלויז טועם געווען, נאָר טאַקע אויפֿגעגעסן אויפֿן פֿראַנצויזישן שטייגער — מיטן לעצטן שטיקל ברויט אויסגעווישט דעם טעלער אויף ריין און עס אויפֿגעגעסן, ווי אַ נאָך אַלץ נישט געזעטיקטער. אַ חוץ די געשמאַקע מאכלים, האָט ער אָבער נאָך מער ליב געהאַט זיס־וואַרג, און דער עיקר — אײַזקרעם.

נאָך דעם, ווי ער האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט, אָט אַזוי צווישן איין מאכל און צווייטן, אַז מיר פֿאָרן אויפֿן נײַעם טעאַטער־סעזאָן קיין ענגלאַנד, וואָס ס'האָט שוין געהייסן כמעט ווי פֿאַרקאָנטראַקטירט, האָט ער באַשטעלט בײַם קעלנער עטלעכע פּאָרציעס אײַזקרעם. אויפֿגעגעסן איין פּאָרציע און זיך גלײַך גענומען צו דער צווייטער. ס'האָבן נישט געהאָלפֿן די פּראָטעסטן פֿון דער פֿרוי זײַנער, פֿאַני וואַקסמאַן, אַז ער זאָל זיך נישט אַזוי צוכאַפּן צום אײַזקרעם, ס'קאָן שאַטן צו דער לעבער.

— נישט מער, פֿאַנישי, ווי נאָך איין פּאָרציע.

און ער האָט זיך צוגערוקט דאָס דריטע טעלערל מיטן געשמאַקן אײַזקרעם, וואָס צעגייט אין מויל.

פֿאַרטאָג האָט ער זיך אָנגעהויבן פֿילן שלעכט. און גענומען צוריקגעבן אַלץ וואָס ער האָט בײַנאַכט געגעסן אין רעסטאָראַן. פֿאַני איז געלאָפֿן אַרויסרופֿן אַ דאָקטער. פֿונעם שטאַרקן אָנשטרענגען זיך צוריקצוגעבן אַלץ וואָס ער האָט געגעסן, איז אים געפּלאַצט אָן אָדער פֿון האַרץ און האָט אים גורם געווען זײַן גיכן טויט.

איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן זײַן לײַכטנדיק פּנים, די טויטן-מאַסקע, ווען ער איז געלעגן שוין אַ פֿאַרגליווערטער, אַ באַרויִקטער, אַן אָפּגעשיידטער מיט דער שיינער זינדיקער וועלט, וואָס ער דאַרף שוין פֿון איר גאָר נישט און וואָס וועט אים שוין מער גאָר נישט געבן.

אויפֿן אַנדערן טאָג זענען די קינדער געקומען פֿון ענגלאַנד און נאָכן דורכפֿירן אַלע פֿאָרמאַליטעטן, האָבן זיי אַריבערגעפֿירט דעם טויטן קערפּער פֿון זייער טאַטן קיין לאָנדאָן, ווו ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה. פֿאַר דער אַלמנה, איז דער טויט פֿון איר מאַן געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ וואָס האָט זי אין גאַנצן דערשיטערט. די דאָקטוירים האָבן איר רעקאָמענדירט אַז זי זאָל ווײַטער אָנגיין מיט טעאַטער אויב זי וויל לעבן. זי האָט איבערגענומען די טעאַטער-דירעקציע און אַ שטיקל צײַט אָנגעגאַנגען מיט אַ חברים-טרופּע. פֿריִער האָט זי זיך נישט געהאַט געמישט אינעם מאַנס געשעפֿטן. איז איר איצט, דעריבער, געווען שווער אָנצופֿירן מיטן טעאַטער און זי האָט עס אויפֿגעגעבן. און דאָס גאָר נישט טון איז געווען אַ שטעקן מיט צוויי עקן. ס'האָט איר דערנענטערט מיט גיכע טריט דעם טויט.

אַזוי זענען אַוועק פֿון דער וועלט צוויי טעאַטער-מענטשן, וואָס זענען געווען אַ שטאָלץ און אַ כּבוד פֿאַר דער אַקטיאָרן-משפּחה פּונקט ווי פֿאַרן ייִדישן טעאַטער.

קאַפּיטל נײַן

דער טעאַטער־דירעקטאָר הענרי לאַכטיקער

אין פאַרלויף פון מײַן געפינען זיך בײַם יידישן טעאַטער אין בעלגיע, בין איך אָפּט אַנגאַזשירט געוואָרן צו שפּילן אין פּאַריז. נאָכן פאַרלאָזן פּוילן אומלעגאַל, האָב איך פאַרלוירן מײַן פּוילישע בירגערשאַפט. כ׳בין געוואָרן אַ מענטש אָן אַ היים, אָן אַן אַדרעס, אַ וואַנדערנדיקער שטערן. איך האָב געהאַט אַ פּאַספּאָרט פון אַ שטאַטלאָזן, אַ וועלטבירגער.

נישט אַזוי גרינג איז אָנגעקומען צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו קאָנען אַרבעטן אין פּאַריז. ס׳איז געווען איינס פון די שווערסטע זאַכן. די פּראָצעדור איז געווען אַ גענוג קאָמפּליצירטע פאַר יעדער איינעם אימיגראַנט. בפרט נאָך פאַר אַזאַ איינעם וואָס באַזיצט אַ שטאַטלאָזן פּאַס. אָבער פאַרן דינאַמישן טעאַטער־דירעקטאָר, הענרי לאַכטיקער, האָט נישט עקסיסטירט אַזאַ זאַך וואָס הייסט שוועריקייטן. ער האָט געוווּסט ווי אָנצושפּאַרן און ווי אַזוי צו באַקומען די דערלויבעניש. ס׳האָט אָבער געפאָדערט צײַט און עקשנות ביז ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן עס דורכצופירן און איבערגעבן אין דער האַנט אַרײַן אַ פאַרטיקן דאָקומענט, זיך צו קאָנען פרײַ באַוועגן ווו מע וויל.

ווען כ׳האָב זיך געפונען אין אַנטווערפּן באַקום איך פון אים אַ טעלעגראַם, תיכף צו קומען קיין פּאַריז, ווו עס ווילט די באַרימטע גרויסע אַקטריסע אסתר ניעראָסלאַווסקאַיאַ. זי בלײַבט אין פּאַריז בלויז צוויי וואָכן.

ס׳איז אָבער געווען ממש אַן אוממעגלעכע זאַך צו באַקומען פאַר מיר אַזוי שנעל אַ דערלויבעניש צו קאָנען אַרבעטן לעגאַל אין פּאַ־

ריז. בכדי צו קריגן אַרבעט דאַרף מען האָבן אַ צעטל פון דער פּרעפעקטור אַז מ'איז לעגאַל אַריַין אין לאַנד; אַז מע קומט אין דער פּרעפעקטור נאָך אַרבעטרעכט הייסט מען ברענגען אַ צעטל פונעם אַרבעט־געבער אַז ער גיט מיר אַ פּאָסטן. און דער אַרבעט־געבער האָט אָבער נישט קיין רעכט אַרויסצוגעבן אַזאַ באַשטעטיקונג כל־זמן די פּרעפעקטור האָט נישט דעם אַרבעט־געבער געגעבן אַ קאַרטע אויף אַרבעטרעכט. אַזוי אַז ס'איז אַ פאַרכישופטער קריַיז, נישט צו קאָנען אַרויס פון אים און ביז וואָס ווען, אַז מע דרייט זיך אַרום אָן אַרבעטרעכט, קאָן מען דערוויַיל ווערן אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

דער איינער אויסוועג איז געבליבן אַ רעאַלער: כ'זאָל פאָרן „אונטן אַרום". אַזוי האָט מען גערופן דעם אומלעגאַל־לעגאַלן וועג. די גרענעץ צווישן בעלגיע און פראַנקריַיך האָט מען געקאָנט דורכגיין פון בעלגישן שטעטל ערזאַ אין פראַנצויזישן שטעטל ליל. נישט פאָרן, נאָר פשוט אַריבערגיין פון איין זיַיט אויף דער אַנדערער אָן שום שוועריקייטן און שטערונגען פון קיינעם, אָבער אָן שום באַגאַזש, אָט אַזוי ווי אַן איינוווינער פון די צוויי גרענעץ־שטעטלעך גייט הין און צוריק. קיינעם פון די שטעטלשע דורכגייער האָט מען קיין מאָל נישט געפרעגט אויף אַ פּאַס אָדער וויזע. אַ סך מענטשן האָבן דעריבער אויסגעניצט די דאָזיקע מעגלעכקייט פון אַריינשמוגלען זיך פון איין לאַנד אין אַנדערן.

איך בין צוגעפאָרן, ווי אַ גרינגער פּאַסאַזשיר, אָן שום באַגאַזש, צום בעלגישן גרענעץ־שטעטל ערזאַ און כ'בין מיר אַזוי רויִק מיט געלאַסענע טריט, ווי אויף שפּאַציר, דורכגעגאַנגען די גרענעץ. קיינער האָט מיר נישט געזאָגט קיין וואָרט, נישט פאַרטשעפּעט, נישט אָפּגעשטעלט און ווען כ'האָב זיך שוין געפונען אויף דער פראַנצויזישער זיַיט אין ליל, האָב איך גענומען די באַן און היידאַ גיך קיין פּאַריז.

אַז כ'האָב זיך געגעבן אַ שטעל אַריַין אין טעאַטער מיט די לייִדיקע הענט, אָן וואַליזקעס, ווי כ'וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון הימל אַראָפּ, האָט זיך לאַכטיקער מיט מיר דערפרייט. מ'האָט זיך באַלד גענומען צו די פּראָבעס. לאַכטיקער האָט אויסגעקליבן די פּראַכטיקע אָפּערעטע „מיַי טיַים", מיַין ציַיט. אַ מוזיקאַלישע פּיעסע וואָס איז

אַ לאַנגע צײַט געשפּילט געוואָרן בײַ מאָרים שוואַרץ אין קונסט־טעאַטער מיט גרויס דערפֿאָלג.

דאָס טעאַטער „מוטואַליטע", וואָס לאַכטיקער האָט געדונגען, נעמט אַרײַן איבער דרײַ טויזנט מענטשן, אויף שבת צו נאַכטס איז געווען באַשטימט די פּרעמיערע. דאַנערשטיק זענען שוין אַלע בילעטן געווען פֿאַרקויפֿט. דאָס ריזיקע טעאַטער איז געווען אויספֿאַרקויפֿט ביזן לעצטן בענקל.

ס'איז פֿון אַלעמען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גרויס וווּנדער. אַלע האָבן זיך געפֿילט אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. אַ קלייניקייט, אַזאַ ריזן־טעאַטער — און אַלע בילעטן זענען שוין אויספֿאַרקויפֿט ביז איינעם.

דער דירעקטאָר לאַכטיקער איז פֿון גרויס גדולה אַרומגעגאַנגען אַ צעשטראַלטער מיט פֿולע קעשענעס געלט. ער האָט מיך געזען שטיין אַ פֿאַרטראַכטן. קיין זאָרגן האָבן מיר נישט געפֿעלט. דער שאָטן פֿון סכנה, אַז מע קאָן מיך אומגעריכט געבן אַ כאַפּ און משלח זײַן פֿון פּאַריז, איז נישט אָפּגעטרעטן פֿון מיר אַפֿילו אויף קיין רגע. מאַכט ער צו מיר, לאַכטיקער:

— וואָס שטייסטו אַזוי פֿאַרזאָרגט, די שיפֿן דײַנע זענען דיר אונטערגעגאַנגען, צי וואָס? קום, מיר וועלן גיין אַ ביסל פֿאַרברענגען, וועסטו זיך צעשטרײַען. איך לאַד דיך אײַן און מיר טאָר מען נישט אָפּזאָגן.

דאָס איז געווען אַ פּרײַטיק אָוונט — אַ טאָג פֿאַר דער פּרעמיערע.

— לאַכטיקער — בעט איך זיך בײַ אים — ווי קאָן איך גיין? דו ווייסט דאָך, אַז כ'בין אומלעגאַל. כ'האָב נישט קיין וויזע און נישט קיין פּאַספּאָרט, נישט קיין רעכט אויף אַרבעט. דערצו בין איך אין ערגעץ נישט אײַנגעמאָלדן. אין די גאַסן שטעלט מען אָפּ און מע פֿרעגט אויף אַ פּאַס. די פּאָליציי דערקוטשעט, זיי דערגייען די יאָרן. וואַקסן אויס אין אַלע ווינקעלעך.

— הער — מאַכט ער צו מיר מיט אַ זיכערקייט אין זיך — פֿאַרגעס נישט אַז דו גייסט מיט לאַכטיקערן, מיט מיר קאָן דיר גאָרנישט געשען.

בלית-ברירה בין איך מסכים געווען. און ס׳איז געבליבן אַז ער מיט זיינע גוטע פריינד און איך — וועלן מיר אַלע צוזאַמען גיין פאַרברענגען. מיר האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ פיינעם לאָקאַל ווו מע קאָן לייטיש אָפּעסן. שפּעטער זענען מיר אַוועק אויף די בלאָנדעל, אַ זייטיק היימערגעסל וואָס ווערט אַריינגערעכנט צווישן די אַטראַקציעס פאַר טוריסטן. מיט אַ מאָל, מיר האָבן זיך רעכט נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי מיר זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פון עטלעכע פּאָליציסטן, און גלייך הייבט זיך אָן דאָס פרעגעניש אויף פּאַספּאָרטן:

— וואָטר פּאַפּיע, סילווופּלע, אייערע פּאַפּירן, ביטע.

העברי לאַכטיקער האָט גענומען ציטערן אין גאַנצן אַ פאַר־לוירענער און געפּלעפּטער. און איך — מיט אים. איך שפּיל דעם פּאַרטנער פון דער ניעראָסלאַווסקאַיאַ, און קוים נעמט מען מיך צו אין דער „טשופּע”, איז מאָרגן אויס טעאַטער, אויס פאַרשטע־לונג. אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה ווער איך אַריבערגעשטעלט איבער דער גרעניעץ קיין בעלגיע.

לאַכטיקער איז בלייך ווי קאַלך און גיט מיר אַ שעפּטשע:

— גוואַלד געשריגן, וואָס וועט איצט זיין? מיר זענען אומ־גליקלעך.

די פּאָליציי־לייט באַקוקן נאָך דערוויילע די דאָקומענטן פון די אַנדערע פריינד און שוין קומט מיין ריי:

— פּאַספּאָרט, סילווופּלע.

איך מאַך זיך נישט פאַרשטיין וואָס ער רעדט צו מיר. און פרעג אים אויף ענגליש וואָס ער פאַרלאַנגט.

דער פּאָליסמאַן האָט מיך אָנגענומען פאַר איינעם פון די ענגלענדער וואָס געפינען זיך דאָ שטענדיק לרוב אין פּאַריז. ער גיט מיר צו פאַרשטיין כ׳זאָל אים ווייזן מיין פּאַספּאָרט. צופעליק האָב איך געהאַט ביי זיך אַ דאָקומענט פון לאָנדאָן וואָס איז נאָך גילטיק אויף דער טעריטאָריע פון ענגלאַנד. ערגעץ אַנדערש, אויי־סער ענגלאַנד, האָט די קאַרטע וואָס איז פאַרזען מיט אַ פּאָטאָ, קיין שום ווערט נישט און מע קאָן זיך נישט מיט איר לעגיטי־

מירן. אויפן דאָקומענט איז געווען קלאָר און דײַטלעך אָנגעשריבן „ראַשין", דאָס הייסט, אַ רוסישער אונטערטאַן. אַט דעם סאָרט דאָקומענט באַקומען אין ענגלאַנד אַלע אויסלענדער. דער דאָקו־מענט באַשטעטיקט די רעכט פון דער געגעבענער פּערזאָן זיך צו געפינען אין ענגלאַנד, לויט דער אָנגעוויזענער דאַטע ווי לאַנג דער דאָקומענט איז גילטיק.

איך האָב ריזיקירט און געוויזן דעם פּאָליסמאַן אַט דעם דאָ־קומענט און צו אים גערעדט נאָר ענגליש. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אין דער קאַרטע און זי מיר גלײַך צוריקגעגעבן מיט אַן אַנטשולדיקונג מיט אַ „מערסי מעסיע". ווער ס'איז יאָ פאַרהאַל־טן געוואָרן — איז געווען ער אַליין, העגרי לאַכטיקער, דער גאַנ־צער צעלייגער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זײַן אידענטיטעט־קאַרטע איז אים שוין געהאַט אויסגעגאַנגען. ער האָט זי פּשוט פאַרגעסן צו פאַרלענגערן. לאַכטיקער האָט אָבער געהאַט סטאַ־בילן וווינרעכט. און דאָס איז אַ גרויסע זאַך.

מיר אַלע, נאָר וואָס באַפרײַטע, האָבן גלײַך געכאַפּט טאַק־סים און זיך געהייסן פירן אין קאַפע „זעניט", וווּ יידן פלעגן זיך דאָ צונויפקומען. לאַכטיקערן האָט גאָר נישט געהאָלפן. מ'האָט אים אַוועקגעפירט אין דער פּאָליציי. ערשט נאָך צוויי שעה צײַט איז ער באַפרײַט געוואָרן און צוריק געקומען אין קאַפע. ער האָט מיך אַרומ־געכאַפּט מיט פרייד, ווי אַזוי איך האָב זיך אַרויסגעדרייט פון דער פּאָליציי און געראַטעוועט די אויספאַרקויפטע פאַרשטעלונג.

די פּרעמיערע איז אַדורך אויסגעצייכנט און אויך די ווײַטער־דיקע פאַרשטעלונגען זענען געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג.

ווען די ניעראָסלאַווסקאַיאַ איז צוריק געקומען קיין ניו־יאָרק, האָט זי דערציילט מאָרים שוואַרצן וועגן מיר. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ בריוו־אויסטויש צווישן מיר און שוואַרצן. איך מײַן פּריוואַטן אַרכיוו געפינען זיך עטלעכע הונדערט בריוו און טע־לעגראַמעס פון מאָרים שוואַרץ וואָס ער האָט געשיקט צו מיר אין משך פון יאָרן.

* * *

כ'האָב פריִער דערמאָנט דעם טעאַטער-דירעקטאָר, העניך לאַכטיקער. האַלט איך פאַר נייטיק צוצוגעבן עטלעכע פרטים וועגן אָט דעם אייגנאַרטיקן מענטש.

לאַכטיקער איז פון פאַך געווען אַ סטאָליער. בייַם רעדן פלעגט ער אָפט מאָל אַרייַנוואַרפן סטאָליערישע פאַכווערטלעך און פאַרגלייַכן, אַפילו ווען ער האָט גערעדט וועגן טעאַטער, אַקטיאָרן און פיעסן. אַ סך יאָרן האָט ער אין פאַריז אָנגעפירט מיטן לאַנקריי-טעאַטער, און אַראָפּגעבראַכט די גרעסטע סטאַרן. ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט אַלע אַקטיאָרן און פאַרקאָכט אין טעאַטער. זייַן פרוי איז געווען אַן אַקטריסע. אַלע פיעסן, וואָס זענען אויפגעפירט געוואָרן בייַ אים אין טעאַטער, האָט ער אָנגעגעבן אויף די אַפישן און פאַר דער מאַכט, אַז זיי זענען געשריבן געוואָרן דורך אים, אַז ער איז דער מחבר. ער האָט עס געטון נישט בכדי צו גילטן ווי אַ דראַמאַטורג, נאָר פשוט מיט דער אויסרעכענונג, נישט צו דאַרפן צאָלן קיין טאַנטיעמע, אויטאָרן-רעכט... דער פראַנצויזישער אַקטיאָרן-פאַראיין און די קולטור-קאָמיסיע, מיינענדיק, אַז זיי האָבן פאַר זיך איינעם פון די גרויסע ייִדישע דראַמאַטורגן אפשר טאַקע דעם גרעסטן וואָס האָט שוין אָנגעשריבן אַזוי פיל טעאַטער-פיעסן האָבן זיי אים אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג און אים באַשאָנקען מיט אַ הויכער אויסצייכענונג.

נאָכן צערעמאָניאַלן באַקומען צוגעטיילט די אויסצייכענונג, האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אַ דערפרייטער קיין בעלגיע כדי זיך צו באַווייַזן מיט דער אויסצייכענונג. אַלע בעלגישע צייַטונגען און פאַרשטייט זיך אויך די ייִדישע האָבן וועגן דעם געשריבן.

לאַכטיקער האָט געטון ייִדן אַ סך טובות, טאַקע באַצאָלטע טובות. אָבער דאָך האָט ער אַראָפּגעבראַכט אַ סך סתם ייִדן פון פוילן. ער האָט אָנגעגעבן אין דער פרעפעקטור אַז ער ברענגט זיי אַראָפּ ווי אַקטיאָרן און באַקומען פאַר זיי דערלויבענישן אַרייַנצוקומען לעגאַל אין לאַנד, פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט גענומען דערפאַר באַצאָלט. און נישט געטראַכט וועגן דעם אַז אָט אַזאַ דרך קאָן אים נאָך אַ מאָל קאָסטן טייַער, און אים ברענגען זייַן אונטערגאַנג.

סוף-כל-סוף האָט זיך די פראַנצויזישע רעגירונג דערוווּסט וועגן

זײַן ברענגען אַהער פֿאַלשע אַקטיאָרן און ער האָט באַקומען אַ באַפֿעל צו פֿאַרלאָזן פֿראַנקרײַך. עס האָט נישט געהאָלפֿן קיין װײנען און בעטן, און דאָס אָנשפּאַרן זײַנס אין די הױכע פֿענצטערס, אין די העכסטע קרײַזן בײַ מענטשן מיט אײַנפֿלוס, און ס'האָט אױך נישט געהאָלפֿן די אױסצײכענונג װאָס ער האָט באַקומען װי אײנער פֿון די גרעסטע יידישע דראַמאַטורגן. ער האָט געמוזט איבערלאָזן זײַן פֿרױ און קינד אין פּאַריז און איז געװען געצװוּנגען צוריק צו פֿאָרן קײן פּױלן.

דער אינטערעסאַנטער טעאַטער־מענטש איז בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע אין פּױלן אומגעקומען ערגעץ אין אַ לאַגער דורך די פֿאַרבלוטיקטע הענט פֿון די נאַצישע רוצחים.

קאַפּיטל צען

אַ ביישפּיל פון אַ ייִדישן טעאַטער־דירעקטאָר

אין יענע צייטן, אין די בלי־יאָרן פון ייִדישן טעאַטער, וואָס איז פול געווען ווי אַ מילגרוים, מיט טאַלענטירטע ייִדישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, מיט בלאַנדזשענדיקע שטערנס, וואָס האָבן טאַקע געלויכטן ווי די פינקלדיקע שטערנס אין טעאַטראַלן הימל האָבן זיך אין פּאַריז געפונען נאָך עטלעכע ייִדישע דירעקטאָרן אין „לאַנקרי״־טעאַטער וואָס איז געווען באַוווּסט מיט זיינע בלעכענע דעקאָראַציעס, וואָס מ׳האָט געקענט דרייען אין פאַרשידענע זייטן. אויף די זעלביקע בלעכן האָט מען יעדער מאָל אויפגעמאָלן אַנדערע דעקאָראַציעס צוגעפּאַסטע צו די כלערליי פּיעסן וואָס זענען אויפגעפירט געוואָרן, און מ׳האָט נישט באַדאַרפט ביי יעדער אויפפירונג אַריינלייגן פריש געלט אויף נייע דעקאָראַציעס.

איינער פון די דעמאָלטיקע דירעקטאָרן פון „לאַנקרי״, מאָשקאָוויטש, האָט אַנגאַזשירט דעם טאַלענטירטן כאַראַקטער־קאָמיקער, היימי פּריזאַנט, וואָס איז רעקלאַמירט געוואָרן, ווי יעדער סטאַר, מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות אויף די פּלאַקאַטן און אין די אַנאָנסן.

נאָך פאַרן קומען פונעם סטאַר קיין פּאַריז, האָט מיר מאָשקאָוויטש צוגעשיקט אַ קאָנטראַקט קיין בעלגיע מיט אַלע נייטיקע פּאַפּירן, כ׳זאָל קומען שפּילן מיט פּריזאַנטן. איך האָב געהאַט אַ גוטע געשולטע שטים. ווי אַן אַמאָליקער ערשטער משורר, האָב איך געזונגען מיט אַ סך געפיל. אַן אַזעלכע אַקטיאָרן קען מען זיך נישט באַגיין אין אַן אָפּערעטע, וואָס האַלט זיך דער עיקר אויף די זינג־דועטן און סאָלאָ־געזאַנג־נומערן צווישן איין סצענישן אויפטריט און צווייטן. אָבער אַפילו דעמאָלט זענען אַזעלכע אַקטיאָרן — יונגע מיט שיינע שטימען — נישט געווען צו פיל.

ווען כ׳בין געקומען פון אַנטווערפּן קיין פּאַריז, איז שוין פּרי־זאַנט געווען פּאַרפּאַרעט בײַם גרייטן די ערשטע אויפפירונג. ער האָט זיך אַרומגעזען אַז ער האָט נאָך אַלץ נישט מיט וועמען צו גיין צום טיש. ס׳פעלן אויס אַקטיאָרן צו דער פּיעסע. און ער ווייסט נישט ווי אַזוי ער וועט זיך געבן אַן עצה. ער איז צו מיר צוגעקומען און האָט זיך געגומען אויספּרעגן וועגן פון די אַקטיאָרן איז דאָרט אַלץ פּאַראַנען אין בעלגיע מע זאָל זיך קאָנען אַרויס־העלפן מיט זיי אינעם צונויפגעשטוקעוועטן אַנסאַמבל.

איך האָב אים פאָרגעשלאָגן, אַז ס׳גלײַכסטע וואָלט געווען אַראָפּצוברענגען קיין פּאַריז די חנוודיקע אַקטריסע לואַרקאַ גליקס־מאַן און דעם טאַלענטירטן אַקטיאָר און מנגן שמחה פּאַסטל. זיי זענען אַ גרויסער געווינס אין אַ טרופּע און אַ צושטײַער אויף צו זיכערן דעם דערפאָלג פון אַן אָפּערעטע.

פּריזאַנט האָט זיך דערפרייט ווען ער האָט דערהערט די צוויי נעמען. ער האָט זיי ביידע גוט געקענט. ס׳איז שוין אָבער נישט געווען קיין צײַט אויף דורכצופירן די אַלע פאָרמאַליטעטן וואָס זענען נייטיק בײַם אַריבערברענגען זיי אויפן לעגאַלן וועג. מע דאַרף פאַר זיי מאַכן וויזעס, באַקומען אַרבעטרעכט, דערלויבע־נישן צו שפּילן. דאָס אַלץ מאַכט זיך נישט על רגל אחת.

— ס׳איז דאָ איין אויסוועג — האָב איך אים פאָרגעשלאָגן.

— נו, זאָג, לאָמיר הערן — איז פּריזאַנט צו מיר צוגעשטאַנען.

— איך נעם זיך טאַקע אונטער — האָב איך אים געזאָגט מיט אַ זיכערקייט אין טאָן — אַריבערצוברענגען די גליקסמאַן מיט פּאַסטעלן אונטן־אַרום. נאָר מיט איין באַדינג, אַז דער דירעק־טאָר זאָל זיי דורך דער צײַט באַזאָרגן אַלע נייטיקע פּאַפּירן, אי־בערשיקן די דאָקומענטן קיין בעלגיע און זיי וועלן פאָרן אויף איין טאָג אַהיים, אָפּצונעמען פּערזענלעך די וויזעס אויפן אָרט.

פּריזאַנט האָט עס מיר צוגעזאָגט תיכף צו דערלײדיקן דעם גאַנצן ענין אַזוי אַז ס׳זאָל נאָך דעם נישט זײַן, חלילה, קיין שום אומאַנגענעמלעכקייטן פאַר ביידע אַקטיאָרן.

באַקומענדיק פון אים דעם צוזאָג, בין איך גלײַך אַוועק צוריק קיין אַנטווערפּן און האָב עס איבערגעגעבן לואַרקען און פּאַסטעלן. זיי האָט דער עסק נישט שטאַרק געשמעקט. ס׳האָט זיך זיי אויס־

געוויזן אַז ס'איז צו פֿיל פֿאַרבונדן מיט אַוואַנטורע. דער בלויזער געדאַנק פֿון שמוגלען די גרענעץ האָט זיי געשראָקן. זיי האָבן ממש געציטערט אַדורכצוגיין אומלעגאַל אַ גרענעץ. ס'האָט זיך מיר קוים אײַנגעגעבן זיי איבערצוצײַגן אַז ס'איז נישט פֿאַרבונדן מיט קיין סכּנות־נפֿשות און אַז דער טײַוול איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מע שטעלט זיך אים פֿאָר.

איך בין שוין געווען אַ געניטער גרענעץ־גייער, בין איך געגאַנגען פֿאָרויס, זיי צו ווײַזן אַז זיי האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן, זיי וועלן נישט אָנטרעפֿן אויף קיין שום שוועריקייטן. און פּונקט ווי איך זענען אויך זיי אַריבער די גרענעץ בשלום און מיר אַלע דרײַ זענען געקומען מיט מזל קיין פּאַריז.

מיר האָבן מיט פּריזאַנטן געשפּילט אַ שטיקל צײַט און איך האָב אַלע מאָל געבעטן דעם דירעקטאָר ער זאָל פֿאַר זיי מאַכן פּאַפּירן, ווײַל ס'איז פּשוט אַ סכּנה אַרומצוגיין אין גאַס אָן דאָקומענטן. איך האָב דאָך צוגעזאָגט די אַקטיאָרן, זיי זאָלן זײַן רויִק, זיי וועלן זיכער קריגן אַלע נייטיקע דאָקומענטן צו קאָנען זײַן לעגאַל און נישט דאַרפֿן ציטערן אויף טריט און שריט, מע זאָל זיי נישט אונטערכאַפּן צווישן אַ יאָ און אַ ניין.

דער דירעקטאָר מאַשקאָוויטש האָט זיך נישט געמאַכט הערן און נישט געלייגט קיין אַכט אויף מײַנע רייד. ער איז געווען זיכער אַז ס'וועט זיי אַלץ אַדורך בשלום און ס'וועט זיי גאָרנישט געשען. מע דאַרף נישט איבערטרײַבן. זיי וועלן אָפּשפּילן דעם סעזאָן און צוריקפֿאָרן קיין בעלגיע מיטן זעלביקן וועג מיט וועלכן זיי זענען געקומען.

אין אַן אָוונט, בעתן שפּילן, האָבן מיר באַמערקט הינטער די קוליסן זיך אַרומדרייען עטלעכע אינספּעקטאָרן פֿון דער געהיים־פּאָליציי, אין ציוויל. זיי זוכן מיט די אויגן, שנאַפּן, קוקן יעדערן אין די אויגן. שפּירן נאָך, ווי שמעקהינט, נאָך יעדער באַוועג פֿון די אַקטיאָרן און סטאַטיסטן.

די הויט איז אונדז געדרונצלט געוואָרן פֿאַר שרעק. ס'איז אונדז געוואָרן היים, אַ שווייס האָט אונדז באַשלאָגן. מיר האָבן אונטערן גרים געפֿילט ווי מיר קריגן אַלע קאָלירן אויפֿן פּנים, ווײַסנדיק אַז די צוויי חברים, לואַרקע און פּאָסטל, וואָס זענען אָן פּאַפּירן,

אומלעגאַל, וועלן אַ ליאַדע מינוט אַרעסטירט ווערן, באַקומען אַ שטראָף און ווערן אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

כ׳האָב זיך נישט פאַרלוירן און ס׳האָט זיך מיר איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן די לוּאַרקע גליקסמאַן. כ׳האָב זי אַראָפּגעפירט אין קעלער און מיט דער הינטערשטער טיר איז זי אַרויס פון טעאַטער און אַוועק צו זיך אין האָטעל.

פאַסטל האָט זיך פּונקט געפונען אויף דער בינע. ער האָט נישט געוווּסט פון גאָר נישט. אַ פריילעכער האָט ער געשיט זיין פראַזע ווי פון אַרבל אַרויס. כ׳בין גלייך אַרויף און האָב געגעבן מיט אים אַ שפּיל אָפּ אַ לינק סצענקעלע, זיך אַרומגעיאָגט מיט אים, ווי כ׳וואָלט אים געוואָלט אַרויסטרייבן, אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער און געגעבן אַ פיר אַראָפּ פון דער בינע. אַבי כ׳האָב אים נאָר געהאַט הינטער די קוליסן, האָב איך אים געגעבן אַ נעם אָן אונטערן אָרעם און אים אַראָפּגעלאָזט אין קעלער אַריין און אויך אים אָפּגעשיקט אין האָטעל דורכן הינטערשטן אַרויסגאַנג.

דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעטון מיט אַ פלינקייט און געשיקטקייט אַז קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט וואָס דאָ איז פאַרגעקומען און געמיינט אַז ס׳איז אַ טייל פון דער פּיעסע דאָס אַלץ, וואָס ס׳איז פאַרגעקומען אויף דער סצענע, ביי אַ היטערן געלעכטער פון עולם אין זאַל. די פּאָליציי-לייט זענען געווען פאַרנומען מיטן פאַרנעמען סטראַטעגישע פּאָזיציעס ביי די טירן דורך וואַנען די אַקטיאָרן וועלן דאַרפן אַרויסגיין נאָכן אויסגרימירן זיך. ווען מ׳האָט געענדיקט שפּילן האָבן זיי טאַקע יעדערן אַקטיאָר קאָנטראָלירט זיין אַרבעט-רעכט, די וויזעס און צי די קאַרטן זענען נישט קיין אויסגעגאַנגענע.

עפּעס האָבן זיי זיך יאָ געכאַפּט און זיך געפרעגט:

— ס׳זענען דאָך דאָ געווען נאָך אַקטיאָרן, ווו זענען זיי?

מ׳האָט זיי איינגערעדט אַז מער איז קיינער נישט געווען. עטלעכע אַקטיאָרן האָבן געשפּילט צו צוויי ראָלן און געווען אַנדערש גרימירט, האָט זיך זיי אַוודאי אויסגעוויזן אַז ס׳זענען דאָ נאָך. די געהיים-אַגענטן האָבן נישט אַזוי געגלייבט אָבער גאָר נישט געקאָנט מאַכן. זיי האָבן דאָך פאָרט נישט געזען ווי יענע

זענען אַוועק. און דעריבער געמוזט אָננעמען אונדזערע רייד פֿאַר אַן אמת.

פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך דער געשיכטע האָט שוין נישט געקאָנט זײַן קיין רייד, אַז די גליקסמאַן און פּאָסטל זאָלן ווײַטער קאָנען אויפֿטרעטן אין טעאַטער. מ׳איז שוין געווען איבערגעשראָקן פֿונעם איבערפֿאַל און מורא געהאַט אַז די פּאָליציי זאָל ווידער אַ מאָל נישט אָפּשטאַטן קיין אומגעבעטענעם וויזיט. דער חשד אַז ס׳פֿעלן אַקטיאָרן האָט מען נישט באַוויזן צו באַזײַטיקן פֿון די געהיים אַגענטן. ער איז זיכער בײַ זיי געבליבן טליען. זיי קאָנען דעריבער נאָך אַ מאָל אַרײַנפֿאַלן אומגעריכט און דעמאָלט וועט עס נישט אָפּגיין אַזוי גלאַטיק דאָס גאַנצע עסק.

אויף דער גיך האָט מען גענומען מאַכן פּראָבעס פֿון אַן אַנדערער פּיעסע, שוין אָן זיי ביידע. איך האָב פֿאָרגעוואָרפֿן דעם דירעקטאָר זײַן נאָכלאָזיקייט, וואָס ער האָט עס גענומען אַזוי גרינג און דורך דער גאַנצער צײַט נישט געמאַכט די פּאַפּירן פֿאַר די חברים און געפֿאָדערט, מע זאָל ביידע אַקטיאָרן באַצאָלן פֿאַרן גאַנצן חודש, ווײַל די שולד איז נישט זייערע נאָר זיינע, דעם דירעקטאָרס, וואָס די ביידע אַקטיאָרן מוזן אַוועק פֿון פּאַריז אין בעלגיע האָבן זיי איצט גאָר נישט וואָס צו טון און זיי מוזן זיך צוריק אומקערן קיין ווין צו זיך אַהיים.

דער דירעקטאָר מאַשקאָוויטש האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען. זיי האָבן געשפּילט עטלעכע טעג און ער וועט זיי באַצאָלן פֿאַר אַ גאַנצן חודש? ער איז נאָך נישט אַראָפּ פֿונעם זינען.

לוארקע גליקסמאַן און שמחה פּאָסטל זענען געווען פֿאַרצווייפֿלט. זיי האָבן מורא געהאַט אַפֿילו זיך צו באַווײַזן אין גאַס. איך האָב זיי באַרויִקט. ס׳איז נאָך נישט אַזוי געפֿערלעך. כ׳וועל שוין אַלץ דערליידיקן. כ׳האָב געפֿרוווט רעדן מיט די פּאַריזער ייִדישע אַקטיאָרן אַז זיי זאָלן צוזאַמען מיט מיר פֿאָדערן בײַ מאַשקאָוויטש אַז ער זאָל דאָס פּאָרל באַהאַנדלען מיט יושר. אָבער ס׳איז געווען גערעדט צו דער וואַנט. יעדער איינער האָט מורא געהאַט צו האָבן צו טון מיט אים. ער קען נעמען נקמה און נישט וועלן שפּעטער אַנגאַזשירן דעם וואָס וועט זיך אײַנשטעלן פֿאַר די צוויי

אַקטיאָרן און יענער וועט בלײַבן אויף דער פלײשבאַנק. ס'איז טרויעריק, אָבער דאָס איז דער ריינער אמת.

איך האָב איבערגערעדט דעם ענין מיט פּריזאַנטן און אים דערקלערט, אַז ער זאָל זײַן גרייט, אַז בײַ דער נאָענטסטער פּרע־מיערע פון דער נײַער פּיעסע וועל איך נישט אויפטרעטן ביז דער דירעקטאָר וועט נישט באַצאָלן דאָס וואָס קומט די צוויי באַ־עוולהטע חברים, די גליקסמאַן און פּאָסטל.

פּריזאַנט האָט מיר, פאַרשטייט זיך, געגעבן גערעכט. ס'האָט זיך אָנגערוקט דער טאָג פון דער פּרעמיערע. מע דאַרף שוין באַלד אָנהייבן די פאָרשטעלונג. נאָר איך האָב צײַט. איך דריי זיך אַרום אין פּאָיע. דער דירעקטאָר מאָשקאָוויטש ווערט אומגעדולדיק. ער גייט צו מיר צו און פרעגט מיך:

— וואָס טוט איר נאָך דאָ? פאַר וואָס גייט איר זיך נישט גרימירן, מע דאַרף דאָך שוין באַלד אָנהייבן שפּילן, און איר דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום?

— איך וועל פריִער נישט אַרויפגיין אויף דער בינע, ביז וואַ־נען איר וועט מיר נישט געבן דאָס געלט פאַר די גליקסמאַן און פּאָסטלען. איך האָב זיי געבראַכט און איך וועל נישט לאָזן אַז ס'זאָל זיי געשען אַן עוולה אין דער צײַט ווען זיי זענען אין גאַנצן נישט שולדיק.

מאָשקאָוויטש האָט אַן אויפגערעגטער גענומען שרײַען, און מיר געדראָט אַז ער וועט מיך צווינגען צו שפּילן. ס'זענען דאָ מיטלען.

— אַז איר וועט אַ סך רעדן — האָב איך אים געזאָגט — גיי איך אַרײַן אין זאַל און וועל דערציילן דעם עולם פאַר וואָס איך וויל נישט שפּילן.

ער האָט געזען אַז ער וועט מיט מיר גאָר נישט מאַכן, האָט ער אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט מיר. ער וועט זיי געבן אַ העלפט. איך האָב זיך אָבער נישט געלאָזט בייגן און געפאָדערט פאַרן גאַנצן חודש אַזוי פיל וויפל ס'קומט. ער האָט זיך באַראָטן מיט פּריזאַנטן. און אויך יענער האָט אים געהייסן מאַכן אַ שווײַג, ס'לוינט נישט אויפצוהייבן קיין גערודער. זאָל ער, מאָשקאָוויטש, בעסער באַצאָלן ווײַל די טענה איז אַ גערעכטע. און מאָשקאָוויטש

האָט מיר געגעבן דאָס גאַנצע געלט פֿאַר די צוויי אַקטיאָרן, אויס־געצאָלט ביז אַ סענט.

איך בין געווען זיכער, אַז דער דירעקטאָר, מאָשקאָוויטש, וועט מיר פֿאַר מײַן האַנדלונג בלײַבן אַן אייביקער שונא. ווי דער־שטוינט בין איך געוואָרן, ווען ער האָט מיך באַלד נאָך דער פֿרע־מיערע אַוועקגערופֿן אין אַ זײַט און מיר געזאָגט אויף זײַן שטייגער:

— קלאָס, גיב אַ לאַפּע, ביסט אַ יאַט, האָסט גוט געטון. כ׳בין דיר דאַנקבאַר פֿאַר דעם וואָס דו האָסט מיך נישט געבראַכט צו קיין עבירה. כ׳וואָלט זיך עס נישט געקענט מוחל זײַן. זיי זע־נען דאָך טאַקע נישט שולדיק און כ׳האָב אומזיסט זיי פֿאַרשאַפֿט עגמת־נפֿש. שוין פֿאַר דעם אַליין קומט זיי צו באַצאָלן אַנטשעדיקונג.

און מאָשקאָוויטש איז מיט מיר אַוועק זיך געזעגענען מיט לואַרקען און פּאַסטלען:

— איר זענט וואַזשנע אַקטיאָרן, זענט איר — האָט ער צו זיי געזאָגט — פֿאָרט געזונט און זאָרגט נישט, איך וועל אײַך נאָך ברענגען קיין פּאַריז.

די טײַערע חברים אַקטיאָרן, די צאַרטע און בחנטע לואַרקע גליקסמאַן און שמחה פּאַסטל האָבן עס, ליידער, נישט דערלעבט. שמחה פּאַסטל איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ און אין וועלכן לאַגער די שיינע לואַרקע גליקסמאַן איז אומגעבראַכט גע־וואָרן איז מיר ביז הײַנט נישט באַקאַנט. זאָלן אָט די דערמאָנונג־ווערטער וועגן די צוויי ליכטיקע ייִדישע אַקטיאָרן זײַן אַ באַשיידן קרענצל אויף זייערע אומבאַקאַנטע קברים.



קאַפּיטל עלף

מיט ד״ר פּאָול באַראַטאָוו אין פּאַריז

אין די צוואַנציקער יאָרן, באַלד נאָכן ערשטן וועלטקריג, האָט זיך אין דער בערלינער טעאַטער־וועלט גערעשט מיט אַן אַקטיאָר וואָס ווערט אַראָפּגעבראַכט פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד צו שפּילן די הויפּטראָלע אינעם פילם „דער קויפמאַן פון בערלין״. דער נאָמען פונעם שוישפּילער איז געווען באַגלייט מיט אַ טיטל „דאָקטער״, ער האָט זיך גערופן ד״ר פּאָול באַראַטאָוו.

שוין דער נאָמען אַליין האָט אַרויסגערופן צו זיך אַ באַזונדערן אינטערעס. אַ דאָקטער, אַן אַקטיאָר האָט זיך עפּעס נישט געפּאָרט. אַפילו אויף דער וועלטבינע איז עס געווען אַ זעלטנקייט אַזאַ פאַרשידוכטער נאָמען פון אַן אַקטיאָר מיט אַ דאָקטער. וואָרן ביידע זענען אַזעלכע פּראָפעסיעס וואָס פאָדערן, ווי אַ געליבטע, דעם גאַנצן מענטש, ער זאָל זיך אָפּגעבן אויסשליסלעך דער אויס־געווילטער, פונקט ווי אַ פידלער וואָס קען נישט זיין קיין ווירטואָז אויב ער ווידמעט זיין צייט און אויפמערקזאַמקייט אויף נאָך עפּעס אַנדערש, אויסער זיין פידל־שפּילעריי. דאָס זעלביקע איז מיט אַן אַקטיאָר און נאָך מער איז עס חל אויף אַ דאָקטער וואָס מוז זיין אַרייַנגעטון אין זיין מעדיצינישן באַרוף בלב־ונפש, גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, ווי מע זאָגט עס אין שפּאַס, און ס׳איז טאַקע געמיינט בוכשטעבלעך — ביי טאָג און ביי נאַכט, טאָ וועמער איז אָט דער פענאָמענאַלער מאַן — האָט עס אַלעמען פאַר־אינטריגירט — וואָס קען גלייַכצייַטיק זיין איבערגעגעבן ביידע פּראָ־פעסיעס און לעבן אַזוי אַרום אַ טאָפּלט לעבן, אַ לעבן, פון אַ דאָק־טער, וואָס מוז זיין פאַרבונדן מיט אַ שפּיטאָל, אַרומגערינגלט אין פאַרכישופטן קרייז פון קראַנקע, און אַ לעבן פון אַן אַקטיאָר, וואָס איז געקנופּט און געבונדן מיט דער בינע, פּראָבעס, רעפּערטואַר,

ראָלן, רעזשיסערן, גרים און זיך געפינען אין פאַרינגלטן קרייַז פון טעאטער-עולמס, פון פּובליקום און חוץ דעם פירן אַ באָהעמיש לעבן, פון נע-ונד, און שטענדיק זיך געפינען אונטערוועגנס.

כ׳האָב אַ סך געלייענט וועגן אַקטיאָרן, יידישע און אוניווערסאַלע. אין ערגעץ אָבער האָב איך נישט אָנגעטראָפן דעם דאָזיקן נאָמען. די סאַמע גרעסטע שוישפּילערס פון בערלין האָב איך געקענט פּערזענלעך, און מיט אַ טייל פון זיי אַפילו צוזאַמען געשפּילט אויף דער דייַטשער בינע. וועגן יידישע אַקטיאָרן איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַז אַלע זענען מיר געווען גוט באַקאַנט, טאָ ווער איז פאָרט אָט דער געהיימענישפולער דאָקטער-שוישפּילער און שוישפּילער-ראָקטער וואָס כ׳הער איצט זייַן נאָמען צום ערשטן מאָל?

איך ווייס בלויז וועגן אים דאָס וואָס די צייַטונגען שרייַבן, אַז ד״ר פּאַול באַראַטאָוו קומט פון דער רוסישער בינע. און אויב אָט דער רוסישער אַקטיאָר איז גרייט צו שפּילן אין אַ דייַטשן פילם — בין איך געקומען צו דער מסקנא — איז נישט אַנדערש, נאָר ער מוז זייַן אַ משלנודיקער, פון אַחינו בני-ישראל — אַ ייִד פון יידנלאַנד.

ווי נאָר די צייַטונגען האָבן געבראַכט די ידיעה אַז ד״ר פּאַול באַראַטאָוו איז געקומען קיין בערלין, האָב איך נישט געקענט אייַנרוען און בין אַוועק אים אויפזוכן, געוואָר ווערן אין וועלכן האָטעל ער שטייט איין. כ׳בין געווען יונג און נייַגעריק און האָב געוואָלט וואָס מער וויסן וואָס ס׳טוט זיך אין דער טעאַטער-וועלט און אויך ווער ס׳זענען די רעפּרעזענטאַנטן פון דער שיינער בינעקונסט און וואָס יעדער קינסטלער שטעלט מיט זיך פאָר.

כ׳בין דערגאַנגען זייַן אַדרעס און האָב זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן גרויסאַרטיקן האָטעל, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן, אים אָפּוואַרטן, ווען ער וועט זיך באַווייַזן פאַר דער טיר. און געטראַכט האָב איך בייַ זיך, אַז אויב מייַן השערה איז אַ ריכטיקע, וועל איך צו אים פּראָסט און פּשוט צוגיין און אים דערלאַנגען אַ ברייטן, יידישלעכן שלום-עליכם אַ ייִד אַ אַקטיאָר.

דאָס בילד זייַנס האָב איך געהאַט אויסגעשניטן פון דער צייַטונג אַזוי אַז כ׳האָב נישט געהאַט קיין ספק אַז כ׳וועל אים גלייַך דערקענען. שטיי איך מיר אַזוי און וואַרט גערולדיק. אַ

האָטעל איז דאָך נישט קיין תפיסה, ער מוז דאָך אַ מאָל פון דאָרט אַרויסקומען. דאָס וואַרטן אויף זײַן אַרויסקום האָט מיך אַרײַנגע־בראַכט אין אַ פיבער.

אויף וויפל איך האָב געלייענט, און געוווּסט וועגן לעבן פון אונדזערע גרעסטע אַקטיאָרן, וואָס האָבן אויף דער בינע פאַרקער־פערט מיט זיך פרינצן און קיניגן, גראַפן און באַראָנען, זענען די מערסטע פון זיי אַרויסגעוואַקסן פון פאָלק פון עמך־שער און אײַזן, און זענען באַשטאַנען פון משוררים, נישט־דערגאַנגענע חזנים, שנײַדער־געזעלן, היטל־מאַכערס, זייגער־מאַכערס, צי אַנדערע מאַ־כערס. קיינער פון זיי האָט, חלילה, נישט געזינדיקט מיט קיין אַריסטאָקראַטישן יחוס.

ס׳איז מיר, דעריבער, שוין געווען אינטערעסאַנט אָנצוקוקן דעם ערשטן ייִדישן אַקטיאָר פון אַדעליקן אָפּשטאַם, ווי ער האָט אויסגעזען אויפן בילד. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן צווייפלען אין זײַן ייִדישקייט און געטראַכט, זיך אָפּצוטראָגן פונעם וואַכפּאָסטן, וואָס כ׳האָב פרײַוויליק פאַרנומען בײַ זײַן האָטעל־טיר. אין דער זעלבי־קער צײַט אָבער איז מײַן נייגיריקייט אים צו זען געוואָרן נאָך גרעסער און כ׳בין ווײַטער אַ געדולדיקער געבליבן וואַרטן אַזוי אויף דער גאַס.

מיט אַ מאָל זע איך ווי ס׳גייט אַרויס פון האָטעל אַ מאַן מיט אַן אויסערגעווייטלעכער מאַיעסטעטישער פיגור, אָנגעטון מאָדנע, ווי איינער וואָס קומט פון עפּעס אַ לעגענדאַריש לאַנד, אין אַ שוואַרצער פעלערינע מיט אַ שוואַרצן קינסטלער־שלייף, במקום אַ קראַוואַט מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ און מיט אַ שטעקן אין האַנט. זײַן גיין, זײַן האַלטונג, זײַן געשטעל — אַלץ האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבײַגייערס אין גאַס. איך בין שוין אין גאַנצן געווען צעטומלט און האָב געספּקט צי אָט די שלאַנקע סטאַטוע איז עס טאַקע דער אַקטיאָר ד״ר פּאָול באַראַטאָוו.

נאָך זײַן אַרויסגיין האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און בין אַרײַן אינעווייניק אין האָטעל און אַ נערוועזער זיך געפרעגט צי כ׳קאָן רעדן מיטן דאָקטער, דעם שוישפּילער באַראַטאָוו.

דער האָטעל־דינער האָט מיך אָנגעקוקט, ווי כ׳וואָלט געווען

נישט אין גאַנצן בײַ די קלאָרע געדאַנקען, אַזוי צעטראָגן האָב איך מסתמא אויסגעזען, און מיר רויִק געזאָגט מיט קאַלטן גלײַכגילט:

— ער איז נאָר וואָס אַרויס.

— ווער? אַט דער אין דער פּעלערינע?

— יאָ, דער הויכער מיטן שטעקן...

כ׳האָב דעם דינער געלאָזט מיט אַן אָפֿן מויל און ווי אַ ווינט בין איך אַרויס פֿון האָטעל, און אים גענומען נאָכלויפֿן, ער זאָל מיר נישט אַ מאָל פֿאַרשווינדן ווערן פֿון אויג. אינעם גאַסיקן גערודער, פֿול מיט מענטשן, האָב איך זיך קוים דורכגעקריגן, געגעבן אַ לויף צו צו אים און געוואָלט באַגריסן אַ גליקלעכער וואָס כ׳האָב אים ענדלעך דערגרייכט.

דער הויכער עלעגאַנטער הער האָט מיך זײַטיק געגעבן אַ קוק אָן מיט זײַנע שרעקלעך גרויסע אויגן, אַז כ׳האָב דערפֿילט, ווי אַ ציטער וואָלט מיר אַדורך איבערן לײַב. פֿון זײַן שאַרפֿן, שנײַדיקן באַצווינגענדיקן בליק בין איך געבליבן שטיין ווי אַ פֿאַר־היפּנאָטיזירטער, נישט קאָנענדיק אַרויסברענגען קיין וואָרט פֿון זיך און ווי אַ פֿאַרשעמט חדר־יִינגל בין איך פֿון אים אַנטלאָפֿן, ווי פֿונעם טײַוול, געלאָפֿן ווו די אויגן האָבן מיך געטראָגן.

***

אַלע צײַטונגען זענען צו מאָרגנס נאָך זײַן קומען קיין בערלין אַרויס מיט לויב־געזאַנגען. די אָפּהאַנדלונגען וועגן ד״ר פּאַול באַראַטאַווס פּאָזיציע אויף דער רוסישער בינע זענען געווען באַ־גלייט מיט זײַנע בילדער אין פֿאַרשידענע ראָלן און פּויזעס. מ׳האָט געשריבן וועגן אים, ווי וועגן דעם גרעסטן סטאַר, אַז פּאַוועל גריגאָריעוויטש באַראַטאָוו איז דער „ליבלינג״ פֿון דער אָדעסער רוסישער בינע, אַז זײַנע פֿאַרערער פֿאַרגעטערן אים, מע טראָגט אים ממש אויף די הענט. מיט קיין איין וואָרט איז אָבער נישט געווען דערמאָנט וועגן זײַן אָפּשטאַם, פֿון וואַנען ער קומט אַרויס, פֿון וואָסערע קרײַזן און שיכטן. וועגן אים פּערזענלעך, נישט ווע־גן זײַן שפּילן און פּאָזיציע אין דער טעאַטראַלער וועלט איז אַלין

פאַרשוויגן געוואָרן. ער גופא, דער מע:טש איז געבליבן ווי פאַר־הוילן, ווי אין אַ געדיכטן נעפּל.

ערשט, ווען כ׳בין געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַק־טיאָר, בין איך דערגאַנגען אַז דער דאָקטער־שוישפּילער פּאָול.־פּאַ־וועל באַראַטאָוו, איז פון יידישן אָפּשטאַם, אַז ער איז אַוועק פון דער נישט־ יידישער בינע, האָט זיך אײַנגעגלידערט אין דער יידי־שער אַקטיאָרן־משפחה און שפּילט יידיש טעאַטער. כ׳האָב אין האַרץ בײַ זיך באַדויערט, וואָס ס׳האָט מיר דעמאָלט אין דער לעצ־טער מינוט אויסגעפעלט דרייסטקייט דאָרט אין בערלין און האָב זיך נישט באַקענט מיט אים. אַזוי גיך ווי כ׳בין צו אים צו, אַזוי גיך בין איך פון אים אַוועק, טאַקע ווי אַ באַנאַרישט יינגל.

***

אין יאָרן אַרום, אָנהייב דרײַסיקער, בין איך אַנגאַזשירט גע־וואָרן דורכן טעאַטער־דירעקטאָר מאָשקאָוויטש צו שפּילן אין פּאַריז מיט ד״ר פּאָול באַראַטאָוו. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן מיט וואָסערע געפילן פון עמאָציע איך האָב אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט אויפצוטרעטן צוזאַמען מיטן דאָזיקן שוישפּילער, וואָס ער האָט מיר בשעתו פאַראינטריגירט און ס׳האָט מיר געפעלט די געוואַגטקייט אַפילו זיך בלויז באַקענען מיט אים.

ווען מיר האָבן זיך געטראָפן ס׳ערשטע מאָל אויף פּראָבעס אין טעאַטער, האָב איך זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן און אים גע־זאָגט אַז נאָך אין בערלין האָב איך געזוכט זיך צו באַקענען מיט אים. כ׳בין צו אים צוגעלאָפן מיט אַ גרייטן פּזמון וועגן אים פול מיט אָנטציקונג, נאָר זײַנע גרויסע אויגן האָבן אויף מיר אויסגע־איבט אַזאַ דרוק, אַז כ׳בין פון אים אַנטלאָפן, ווי פון עפּעס נישט דערגרייכיקס, וואָס מע קאָן נישט צו דעם דערלאַנגען.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען ער האָט זיך, נאָך אַזוי פיל יאָרן דערמאָנט אין יענער נישט צושטאַנד געקומענער באַ־געגעניש אויף דער גאַס נישט ווייט פון האָטעל, ווו ער איז אײַנגע־שטאַנען אין בערלין. און מיר האָבן זיך ביידע געמיטלעך צעלאַכט.

א גרופע אַקטיאָרן און שרייבערס מיט ד״ר פּאָול באַראַטאָוו (אין צענטער) בעת זיינע גאַסטראָלן אין מאָנטעווידעאָ; אויפן בילד זעט מען: בנציון פּאָליפּאַדע, ווילי גאָלדשטיין, דוד אָרזוך, סאַשיע ראָזענטאַל, משה אָרזוך, ד״ר שאַבעלזאָן, פידעלמאַן, פעדראָ שפּרינבערג, סאָניע לאַכמאַן, יצחק לאַכמאַן, חיים בראַקאַזש, אַנדזשע ראַפּעל, פרוי שפּרינבערג, קאַדיע פלאַווינאַ, אָסיאַש ראַפּעל, ד״ר פּאָול באַראַטאָוו, זשעני גאָלדשטיין, סאַמועל גאָלדענבורג, מרים לערער, אַברהם שוואַרץ, ברעסטאָוויצקי, זלמן הירשפעלד, זישע גאָלד.

צווײ פּיעסן האָבן מיר דעמאָלט געשפּילט „דוד גאָלדנער" פון לאַ־װיטינאַ, און אויגוסט סטרינדבערגס „דער פאָטער".

דער גרויסער קינסטלער אויף דער רוסישער בינע מיט אַ סך טעאַטער־קולטור, האָט אָבער אויף דער יידישער בינע נישט געקענט אויסניצן אין דער פולער מאָס זײַן קינסטלערישע דערפאַרנקייט פונעם רוסישן טעאַטער. ס'קאָן זײַן אַז דאָס איז געװען צו־ליב דעם, וואָס ס'איז אים אָנגעקומען נישט גרינג דאָס אַריבערגיין פונעם פליסנדיקן רוסיש אין זײַן מויל צום יאָרנלאַנגן אָפּגעוווינטן באַנוץ פון דער יידישער שפּראַך וואָס האָט געקלונגען נישט־עכט, פרעמדלעך און נישט היימיש אויף די יידישע בינע־ברעטער.

ס'איז אים אָפּט מאָל שווער געװען צו בינדן די פּראָזן. אָט איז מיר פאַרבליבן אין געדאַנק די פראַזע, וואָס ער האָט געזאָגט אין דער ערשטער פּיעסע: „דוד גאָלדנער האָט געשטאָרבן"... אַנשטאָט איז געשטאָרבן. זײַן רעדן אַ נישט־פליסיקן, האַלב־פאַרגוייִשטן יידיש האָט אָבער געהאַט אַ געװיסן חן. אין דער ראָלע פון סטרינדבערגס „פאָטער" איז ער געװען, בײַ אַלע זײַנע שפּראַכלעכע חסרונות אומפאַרגלײַכלעך, ממש װוּנדערלעך. ער האָט מיר מיט זײַן שפּילן דערמאָנט אין איינעם פון די גרעסטע דײַטשע שוי־שפּילערס, פּאַול וועגנער וואָס איז געװען דער בעסטער פאַרקער־פּערער פון אָט דער ראָלע.

אין „דער פאָטער" האָב איך געהאַט געשפּילט דעם סאָלדאַט נייט מיטן גרויסן יוליוס אַדלער. די זעלביקע ראָלע האָב איך געשפּילט בײַ באַראַטאָװ. אָבער ד ע ם דאָזיקן טיפּ האָט באַראַטאָװ אויפגעשטעלט אין גאַנצן אויף אַן אַנדער פלאַך, הגם איך האָב געצווייפלט צי זײַן אויפפאַסונג פון דער ראָלע איז אַ ריכטיקע.

צווישן די באַזוכער אין טעאַטער זענען געװען אַ סך נישט־יידן, וואָס זענען געקומען זען שפּילן באַראַטאָװן. איבערהויפּט נישט־יידישע שוישפּילערס און צווישן זיי דער באַרימטער פראַנצייזישער אַקטיאָר העגרי באָער. נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער אַרונטערגעקומען הינטער די קוליסן באַגריסן באַראַטאָװן מיט זײַן פאַרטנערין, די אַקטריסע שלופּקאָוויטש. ס'האָט מיך אָבער געװוּנדערט וואָס אויך מיך האָט ער האַרציק באַגריסט כ'האָב אים

דעמאָלט געפֿרעגט צי די ראָלע פֿונעם סאָלדאַט נייט איז דורך מיר ריכטיק געשפּילט געוואָרן.

— יאָ, מעסיע! — האָט ער מיר מיט זיכערקייט אין טאָן גע־ענטפֿערט — דערפֿאַר טאַקע באַגריס איך דיך.

פֿון דעמאָלט אָן, ווען ס׳איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן די ראָלע פֿון נייט, האָב איך זי געשפּילט אַזוי ווי באַראַטאָוו האָט זי געשטעלט.

ד״ר פּאָול באַראַטאָוו האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן נאָמען ווי אַ קינסטלער פֿון פּאַרנעם אין דער פּאַריזער טעאַטער־וועלט. און ביי אונדז, אַקטיאָרן, ווי אַ קאָרעקטער פֿיינער, האַרציקער חבר און מענטש.

***

סוף דרייסיקער יאָרן האָט ד״ר פּאָול באַראַטאָוו געשפּילט ביי אונדז אין בוענאָס־איירעס אין „סאָלעיל״־טעאַטער. כ׳האָב דעמאָלט מיט אים נישט מיט געשפּילט, ווייל כ׳בין געווען אַנגאַזשירט ביי מיין קוזין אַדאָלף מידע אין טעאַטער „מיטרע״.

פֿינאַנציעל איז באַראַטאָוון נישט געגאַנגען צו גוט אין בוענאָס־איירעס, נישט געקוקט אויף זיינע פּראַכטיקע ספּעקטאַקלען, וואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט אויף אַ הויכער מדרגה, ווי שלום אַשס „גאָט פֿון נקמה״, „מאַשקע חזיר״ פֿון י. ד. בערקאָוויטש, שלום־עליכמס איידעם, דער איבערזעצער פֿון אַלע ווערק פֿון זיין גרויסן שווער; „דוד גאָלדנער״, „דער פֿאָטער״ און נאָך אַזעלכע פּאַרנעמיקע אויפֿ־פֿירונגען.

ביים געזעגענען זיך מיט מיר, פֿאַר זיין אַוועקפֿאָרן פֿון בוע־נאָס־איירעס, האָט מיר באַראַטאָוו געזאָגט, אַז ער מוז דרינגענדיק פֿאָרן צום גרויסן באַרימטן טענצער פֿרעד אַסטער.

— איר זענט אַנגאַזשירט — האָב איך אים געפֿרעגט — צו שפּילן מיט אים אין אַ פֿילם?

— ניין, — האָט ער געזאָגט מיט אַן ערנסטן טאָן — כדי צו קאָנען האָבן אַ פֿינאַנציעלן סוקצעס ביים יידישן טעאַטער איז ווייניק צו זיין דאָס וואָס איינער איז, מע דאַרף אויך קאָנען טאַנצן,

פּײַפֿן, מאַכן קאָזשלקעס, זינגען באַנאַלע קופּלעטן, זיך רײַסן דעם גאָרגל אויף דער בינע, אַז די ווענט זאָלן ציטערן.

און אַזוי ווי איך צווייפֿל צי אַפֿילו אַזאַ וועלטבאַרימטן טענצער, ווי פֿרעד אַסטער, וועט געלינגען אַרויסצוקריגן פֿון מיר אָט די אַלע נייטיקע אייגנשאַפֿטן, וואָס דער איצטיקער ייִדישער טעאַטער קאָן זיך אָן דעם נישט באַגיין, וועל איך זײַן געצווּנגען אויפֿצוגעבן מײַן ווײַטערדיקן שפּילן אין ייִדישן טעאַטער. און ער האָט מער נישט געשפּילט.

די פֿאַרביליקטע כאַפּ-לאַפּ-מאַכערײַקעס וואָס האָבן דאָס ייִדישע טעאַטער אַרײַנגעשטופּט אין אַ טעמפּן ווינקל, האָבן פֿאַרטריבן דעם גרויסן קינסטלער ווי ד״ר פּאַול באַראַטאָוו, וואָס איז געווען אָן אמתע באַשיינונג פֿאַרן ייִדישן טעאַטער. ער איז שטיל אַראָפּ פֿון דער ייִדישער בינע און אַוועק קיין האָליוווּד, ווו זײַן פֿרוי האָט געהאַט אַ געשעפֿט פֿון רעגיאָנעלע מתנות-אַרטיקלען פֿאַר טוריסטן.

מיט זײַן אַוועקגיין פֿון ייִדישן טעאַטער איז דער פּלאַץ זײַנער אויפֿן אויבן אָן, אויף דער מזרח-וואַנט, געבליבן ליידיק.

קאַפּיטל צוועלף

אין שאָטן פון אַ שלים־מזלדיקער אַקטריסע

נאָכן פאַרענדיקן זיינע גאַסטשפּילן האָט זיך היימי פּריזאַנט אַרומגעזען אַז פּאַריז איז — פּאַריז, איינע אין דער וועלט, באַרימט ווי די שטאָט פון ליכט, ווײַן און פרוי, אַ פריילעכע שטאָט, וווּ אַפילו אַן עלנטער פילט זיך נישט אַזוי עלנט. דער עיקר איז פּאַריז אַ שטאָט, וווּ מע קאָן פאַרדינען געלט בײַם ייִדישן טעאַטער אויף אַ בכבודיקן אופן. און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרבלײַבן אַ פּאַריזער אויף אַ שטיקל צײַט, לעבן צווישן היימישע ייִדן, קולטור־מענטשן, טעאַטער־ליבהאָבערס; אַ ישוב וואָס באַשטייט פון עמך און ווייסט אָפּצושאַצן אַ ייִדישן שרײַבער, פילט אוים אַ זאַל אויף אַ פאָרשטעלונג און לויפט אין טעאַטער אַרײַן זען אַ ייִדישן אַקטיאָר, האָט ליב און פאַרערט אים. טאָ וואָס דאַרף מען נאָך?

אין אַ טאָג האָבן זיך אין פּאַריז באַוויזן בן־עמי און בערטאַ גערסטען, אַראָפּגעקומענע פון ניו־יאָרק. קיינער האָט נישט געוווּסט צי זייער קומען איז געווען אַ צופעליקע זאַך, פּריוואַט, אָדער זיי זענען אַנגאַזשירט געוואָרן דורך וועמען צו שפּילן ייִדיש טעאַטער.

דאָס ריזיקע טעאַטער „מוטואַליטע" איז שוין פון פריִער גענומען געוואָרן פון היימי פּריזאַנט, וואָס האָט אָנגעהויבן אַנגאַזשירן אַקטיאָרן צו שפּילן מיט בן־עמי און בערטאַ גערסטען. די ערשטע וואָס זענען אַנגאַזשירט געוואָרן זענען געווען ענריקע טשײַקאָווסקי, באַקאַנט ווי טשײַקאַ; און איך. זיצן מיר אַזוי אין קאַפע מיט די געסט, אַ גרופּע אַקטיאָרן, היימי פּריזאַנט, טשײַקאַ און מיר טרינקען אַ קאַװעלע, שמועסן וועגן דער נײַער אויפפירונג, וועגן צוגעפּאַסטע ראָלן. און אָט קומט אַרײַן דער סופליאָר ווינקלער און דערציילט אונדז אַז ס'איז געקומען פון אַמעריקע אַן אַקטריסע. און ער רופט אָן איר נאָמען ווען פּריזאַנט האָט דערהערט ווער ס'איז געקומען, האָט ער אויסגעשריגן:

— אוי אַ בראָך, מיר זענען פּאַרטיק. זי קומט נישט מיטן לײדיקן. זי ברענגט מיט זיך שטענדיק אַן אומגליק. ווו זי זאָל זיך נישט באַווײַזן מוז געשען עפּעס פּאַטאַלס.

אַן איבערגענומענער פון דער וואָזשנער בשורה דערציילט אונדז פּריזאַנט אין אַ קאָמישן טאָן, אַז בעת ער האָט געשפּילט אין פלאָרידע מיט אַ גרויסער טרופּע און אַלץ איז געגאַנגען ווי געשמירט האָט זיך פּלוצעם געיאַוועט די אַקטריסע און טאַקע באַלד צו מאָרגנס איז אין קאַליפאָרניע פּאָרגעקומען אַן ערד-ציטערניש, און אוים טרופּע, אוים טעאַטער. מ׳ האָט שוין מער נישט געשפּילט.

איך האָב די אַקטריסע שוין געקענט, און אַזוי בײַם עסן דערצייל איך עפּעס וועגן איר און הייב זיך אָן שטיקן. אַ ברעקע־לע ברויט איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז און נישט-אַהין, נישט-אַהער. ס׳הייבט מיר אָן אויספּעלן לופט. איך מאַך מיט די הענט, מע זאָל מיר העלפן. איך נעם זיך שטיקן. פון די אַנדערע טישלעך לויפט מען צו. ס׳ווערט אַ טומל. ענריקע טשײַקאָ האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט צוגעלייגט זײַן מויל צו מײַנס און געגעבן אַ שטאַרקן בלאָז און ס׳קרישקעלע ברויט, פאַררויטלט פון בלוט, איז אַרויס פון דער קעל וואָס איז געוואָרן צעראַצט. אַ דאַנק טשײַקאָ, וואָס האָט מיר געגעבן קינסטלעכע לופט, בין איך אָפּגע־ראַטעוועט געוואָרן און אָפּגעקומען מיט בלויזער טויטשרעק.

אַ בלייכער האָט זיך פּריזאַנט אָפּגערופן:

— נו, איר זעט שוין? אָט האָט איר דעם ערשטן קרבן. זי האָט זיך נאָך פאַר קיינעם נישט באַוויזן און דער שטן, וואָס באַ־גלייט זי, ווײַזט שוין וואָס ער קען... דער בעל-משחית פּראָוועט שוין זײַנע שטיק.

אָך און וויי איז דעם מענטש וואָס שוישפּילערס באַטראַכטן אים פאַר אַזעלכן וואָס דער שלים-מזל גייט אים נאָך און אַלץ וואָס געשעט אַרום, יעדער פּאַטאַלער צופאַל ווערט אַרויפגעלייגט אויפן געשטעמפּלטן, וואָס ברענגט מיט זיך אומגליק אומעטום ווו ער קומט און גייט, און די גאַנצע שולד וואַרפט מען אַרויף אויף אים. וויפל מע קען מײַדט מען אים אויס, מע אַנטלויפט פון אַזעלכן ווי פון אַ פײַער.

מיר האָבן דעמאָלט געמאַכט פּראָבעס פון „שמשון און דלילה“

הײמי פריזאַנט

וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן בראָש מיט בן־עמי און בערטאַ גערסטען. די פּראָבעס זענען פאָרגעקומען אין אַן אָפּגעדונגענעם קליינעם זאַל. בן־עמי האָט רעזשיסירט אויף אַ גרויסמייַסטערישן אופן און ס׳האָט זיך באַקומען אַ קינסטלערישע אויפירונג פון אַ קאַמער־טעאַטער.

די קינסטלער־געסט, וואָס דער רום זייערער איז געגאַנגען פאַר זיי פאָרויס, זענען געווען אַ גוטע גאַראַנטיע אַז דאָס ריזן־טעאַטער זאָל גיך ווערן אויספאַרקויפט און לאַנג פאַר דער פּרע־מיערע איז שוין אין קאַסע נישט געווען צו קריגן קיין בילעטן.

ווען בן־עמי האָט זיך באַוויזן אויף דער העל־באַלויכטענער בינע איז אין זאַל אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלויזן. דאָס גלייַכן האָט דער עולם געשטורעמט פון באַגייַסטערונג ווען אויף דער סצענע איז אַרויף די קינסטלערין בערטאַ גערסטען.

איך האָב געשפּילט די ראָלע פונעם מעבל־סוחר, דעם ליבע־קאָנקורענט. איך בין געשטאַנען הינטער דער בינע און האָב גע־וואַרט אויף מייַן אויפטריט. היימי פּריזאַנט, דער אימפּרעסאַריאָ, האָט נישט אָנטיילגענומען אין דער פּיעסע. ער איז געשטאַנען לעבן מיר און נאָכגעפאָלגט יעדער באַוועג פון בן־עמי. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ שטים פון עולם אין זאַל:

— העכער!

פּריזאַנט האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט:

— דו הערסט? פאַר דעם געשריי האָב איך מורא.

ער איז געווען גערעכט, פּריזאַנט. ס׳איז געווען וואָס מורא צו האָבן. אַלע אַנדערע אַקטיאָרן האָבן שוין גענומען רעדן הע־כער. פאַרשטייט זיך אַז מיטן געהעכערטן טאָן פונעם טעמבער האָט זיך שוין דאָס שפּילן באַקומען נישט אַזוי ווי ס׳איז געוואָרן רעזשיסירט. ווייַל אַז מע ענדערט דאָס קול, ענדערן זיך שוין אויך די באַוועגונגען, דער טעמפּאָ פון דער אַקציע, אַפילו די טריט וואָס איינער שטעלט אויף דער בינע ווערן אומרויִקער, נערווע־זער, האַסטיקער.

בן־עמי, וואָס האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי זיינע פּרינציפּן בנוגע דעם קינסטלערישן אופן פון דער איינגעשטעלטער רעזשי, האָט זיך נישט גערעכנט מיטן קאַפּריז פון דאָרט איינעם אַ צו־



דער בינע־מײַסטער יעקב בן־עמי בעת זײַנע
גאַסטשפּילן אין 1946 אין בוענאָס־אײַרעס

שויער וואָס איז טויב אויף ביידע אויערן. באַלד אָבער האָט זיך דערהערט אַ פרישער „העכער!" אויף זײַן, בן־עמים חשבון און נאָך אַ מאָל:

— העכער! העכער!

ווידער האָט בן־עמי נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער רע־אַקציע פון די עטלעכע צושויערס וואָס האָבן געבעטן רעדן העכער, און ער האָט זיך געהאַלטן פאַרעקשנט בײַ זײַן אופן פון שפילן מיט אַ געדעמפּטער שטים, וואָס שאַפט אַן אַנגעצויגענע שטימונג אויף דער בינע. אין דער פיעסע קומט פאָר אַ סצענע, ווו בן־עמי ווײַזט אַן אַקטיאָר ווי ער דאַרף שפילן זײַן ראָלע. אין דעם מאָמענט האָט זיך אַ יידענע אין זאַל צעשריגן:

— קוק אים נאָר אָן! זע נאָר ווער ס'לערנט אַנדערע שפילן!

באַלד האָט זיך פון עולם דערהערט עטלעכע שטימען, געווענדט צו דער יידענע:

— פאַרמאַכט אײַער פיסק, איר גראָבער פליגל!

מער האָט מען נישט באַדאַרפט, ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. אַ סך האָבן זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער. דאָס פובליקום האָט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים. איין טייל וואָס האָט אַזוי פיל פאַרשטאַנען אין טעאַטער ווי די יידענע, און דער צווייטער טייל וואָס האָט אין בן־עמים שפילן געזען דעם גרויסן קינסטלער. פון פאַרזעצן ווײַטער דאָס שפילן האָט שוין נישט געקאָנט זײַן קיין רייד. די געשרייען און גוואַלדן פון עולם זענען געווען נישט אײַנצושטילן.

בערטאַ גערסטען איז אַרויף אויף דער בינע און געוואָלט באַרויִקן דעם עולם. דער שטורעם אין זאַל איז שוין געווען ווי אַן אומגעצוימטע סטיכיע. קיינער האָט שוין נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר און אין גרויס אויפרעגונג האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט נישט קיין פּאַסיק וואָרט וואָס האָט באַליידיקט די טומלערס. און צווישן די צוויי צדדים אין זאַל איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג.

די פײַערלעשערס, וואָס ווערן געשיקט אין טעאַטער אַרײַן צו יעדער פאָרשטעלונג, אויף צו האַלטן וואַך, האָבן זיך באַוויזן און געוואָרנט דעם עולם, אַז אויב די צעהיצטע געמיטער וועלן זיך נישט אײַנשטילן און באַרויִקן, וועט מען לאָזן אויף זיי אַ

בערטאַ גערסטען

קאַלטן שטראָם פון די וואַסער-קישקעס און אַלעמען אַרויסטרײַבן פון זאַל. נאָר אויך די וואָרענונג פון די פײַערלעשערס האָט ווייניק געהאָלפן אָפּשטעלן ס׳געשלעג. ערשט ווען דער קאַלטער „דוש״ איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג האָט דער עולם גענומען לויפן ווי ס׳וואָלט אויף אַן אמת אויסגעבראָכן אַ שריפה. די פאָרשטעלונג איז שוין אַזוי פאַרבליבן אַ נישט-דערשפּילטע. דאָס וואָס די אַקטיאָרן האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן האָבן פאַרענדיקט די פײַערלעשערס.

מע קען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי די קינסטלער-געסט און מיר אַלע שוישפּילערס האָבן זיך געפילט נאָך אַזאַ ספּעקטאַקל.

אין גאַנצן אַ צערודערטער האָט פּריזאַנט כסדר געחזרט דעם פּזמון:

— איך האָב געוווּסט אַז ס׳וועט געשען אַן אומגליק. דאָ ווו די פּאַטאַלע אַקטריסע באַווײַזט זיך, גייט עס נישט אַדורך גלאַטיק. עפּעס מוז געשען און ס׳איז געשען.

— וועסט מיר מוחל זײַן פאַר מײַן אַפּיקורסות — האָב איך זיך אָנגערופן צו פּריזאַנטן — דאָ איז קיינער נישט שולדיק נאָר דו אַליין. דו האָסט באַדאַרפט וויסן אַז בן-עמים קאַמעראַל-שפּיל איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ ריזן-טעאַטער, ווי „מוטואַליטע״, ווו ס׳גייען אַרײַן עטלעכע טויזנט מענטשן, דו האָסט געוואָלט רײַך ווערן מיט איין מאָל, טראַגסטו אַליין די קאָנסעקווענצן, אָט האָסטו די פאָלגן, צום עולם איז גאָרנישט דערגאַנגען, האָט ער געסקאַנדאַלעוועט, עולם איז נישט קיין גולם.

— רעד נישט קיין נאַרישקייט — איז פּריזאַנט באַשטאַנען אויף זײַנס — דו פאַרשטייסט נישט וואָס ס׳הייסט, זיך צו געפינען אין שאָטן פון אַ שלים-מזלדיקע אַקטריסע, מיט אַ בלויזן בליק קאָן זי דערהרגענען אַ מענטש. דו ווייסט וואָס ס׳הייסט אַן עין-הרע? באַהיט זאָל מען ווערן!

און אפשר — האָב איך געטראַכט — איז היימי פּריזאַנט גערעכט. ווער קען וויסן?

דער גאַנצער אינצידענט מיט די אַבסטרוקציעס אין טעאַטער-זאַל און דאָס איבעררײַסן דאָס שפּילן נישט קאָנענדיק פאַרענדיקן די פאָרשטעלונג איז געווען די טעמע פון טאָג אויף די שפּאַלטן

פון דער יידישער פרעסע. מ'האט געהאלטן אין איין שרייבן וועגן דעם טרויעריקן פאל. פארשידענע מיינונגען זענען ארויסגעזאגט געווארן. אלע זענען אבער געווען איינים צווישן זיך, אז בן-עמי און בערטא גערסטען דארפן נישט פארלאזן פאריז. זיי מוזן ווייטער שפילן.

קיינער האט נישט געוווסט אז אויך היימי פריזאנט האט געהאלטן די מיינונג פאר א ריכטיקע. באלד אויף מארגנס, נאכן פארפאל האט ער געדונגען דעם שיינעם אינטימען קאנצערט-טעאטער „מאילא" און מ'איז צוגעטרעטן צו נייע פראבעס פון דער פיעסע „א גרוס פון יענער וועלט", וואס שפיגלט אפ א שטיק יידיש לעבן פון רוסלאנד און אמעריקע.

אלע טעאטער-מענטשן האבן פארויס געזאגט אז ס'וועט נישט זיין פאר וועמען צו שפילן. דער עולם וועט נישט קומען זען בן-עמי נאך דער געשיכטע וואס האט זיך אפגעשפילט אין „מוטואליטע"-טעאטער.

ווי דערשטוינט זענען אבער אלע געווארן, אז גלייך ווי ס'האט זיך באוויזן דער ערשטער אנאנס וועגן דער נייער אויפפירונג פון בן-עמי מיט בערטא גערסטען אין נייעם טעאטער-זאל „מאילא", האט מען געזען א גרויסע באוועגונג ביי דער קאסע פון טעאטער. דער פארפארקויף פון בילעטן איז געגאנגען אויף דער גאנצער פארע. און ביז צום טאג פון דער פרעמיערע איז דאס טעאטער געווען כמעט ווי אויספארקויפט.

אין אט דער נייער פיעסע האט בן-עמי געוויזן ווער ער איז, וואס ער קען און וואס ער שטעלט מיט זיך פאר. און אז נישט אומזיסט איז ער באליבט געווארן ווי איינער פון די בעסטע יידיש-אוניווערסאלע קינסטלערס, וואס האט זיך כשר פארדינט דעם געהויבענעם טיטל. מיט באגייסטערטע אפלויזן, בראוואס און אנערקענונג זענען בן-עמי און בערטא גערסטען באגלייט געווארן פונעם פאריזער עולם און פונקט אזוי אויך פון דער פרעסע וואס האט זיך ווארעם אפגערופן וועגן די קינסטלער-געסט און וועגן דעם הויכן ניווא פון זייער שפילן.

קאַפּיטל דרײַצן

מיט בן־עמי אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו שפּילן מיט בן־עמי אַ סך מאָל אין פֿאַרשידענע לענדער. כ׳בין אויך געווען באַטייליקט מיט אים אין אַ טורנע איבער צפֿון־אַמעריקע צוזאַמען מיט בערטאַ גער־סטען און אַברהם טייטעלבוים, דער מחבר פֿונעם בוך וועגן שעקספּירן.

אין מײַן לעבן וועל איך אָבער נישט פֿאַרגעסן די ראָלע פֿון בעטהאָווען וואָס בן־עמי האָט מיט זיך מאָנומענטאַל פֿאַרקערפּערט און זי דערהויבן צו די העכסטע הייכן ווי אַן אומשטערבלעכן דענקמאָל פֿונעם געניאַלן טויבן מוזיקער אויפֿן פּיעדעסטאַל פֿון דער טעאַטער־קונסט, אין דער פּיעסע „דאָס לעבן פֿון בעטהאָווען״ פֿון מ. זשימאַזש, איבערגעזעצט פֿון רוסיש דורך דוד מייקאָוויטש.

דער ייִדיש־דײַטשער דיכטער הײַנריך היינע איז געווען דער איינציקער וואָס האָט קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט דורך זײַן פּען די געשטאַלט און אייגנשאַפֿטן פֿון בעטהאָווענס פֿאָטער, יאָהאַן בעטהאָווען.

ווען כ׳בין געווען אין דײַטשלאַנד איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אָט די שילדערונג, וואָס האָט מיר אַ סך געהאָלפֿן צו פֿאַרקערפּערן די ראָלע פֿון בעטהאָווענס פֿאָטער.

די פּיעסע „דאָס לעבן פֿון בעטהאָווען״ איז רעזשיסירט גע־וואָרן פֿון בן־עמי מיט דער הילף פֿונעם שפּאַנישן שוישפּילער און רעזשיסער נאַרסיסאָ איבאַניעס מענטאַ און זי איז געשפּילט גע־וואָרן מיט אַ גרויסן פֿינאַנציעלן און מאָראַלישן דערפֿאָלג אין בוע־נאָס־אײַרעסער „סאָלעיל״־טעאַטער אין 1947 אונטער דער דירעק־ציע פֿון שטראַמער, פֿעלץ, נאַרעפּקין און פֿעלדבוים.



מאַקס קלאָס (רעכטס) אין דער ראָל פון יאָהאַן בעטהאָווען, דער פאָטער פון קאָמפּאָזיטאָר בעטהאָווען, אין דער פאָרשטעלונג „דאָס לעבן פון בעטהאָווען" פון מ. זשימאָזש, איבערגעזעצט פון רוסיש: דוד מייקאָוויטש, אויפגעפירט אין יידיש פון בן־עמי מיט דער רעזשיסערישער הילף פון נאַרסיסאָ איבאַניעס מענטאַ, אין טעאַטער „סאָלעיל" און אין „סמאַרט"־טעאַטער און בוענאָס־איירעס; לינקס: יוסף שיין אין דער ראָל פון מוזיקער היטענברענער

פון „סאַלעיל״ זענען מיר שפּעטער אַריבערגעגאַנגען אין „סמאַרט״-טעאַטער ווו אויך דאָ איז די זעלביקע פּיעסע געשפּילט געוואָרן מיט גאָר אַ גרויסן סוקצעס.

אין אַ יאָר אַרום, אין 1948, זענען מיר — אַ טרופּע אין באַשטאַנד פון איין און צוואַנציק אַקטיאָרן בראָש מיט בן-עמי און בערטאַ גערסטען — אונטער ז'ער זעלביקער דירעקציע פון „סאַלעיל״-טעאַטער געפלויגן מיט אַן אַוויאָן קיין סאַנטיאַגאָ דע טשילע. מיר האָבן דאָרט, אין טשילע, אויפגעפירט צוויי ספּעקטאַקלען: „אַ פאַן ווערט געבוירן״ פון בן-העכט און „בעטהאָווען״. דער דערפאָלג פון ביידע פּיעסעס איז געווען ממש אַ סענסאַציאָנעלער. אַ סך טשילענער פּערזענלעכקייטן, נישט-יידן, האָבן באַזוכט די פאָרשטעלונגען, און אַ פּראָפעסאָר פון דער קונסט-אַקאַדעמיע האָט פאַר די סטודענטן געהאַלטן אַ באַלערנדיקן רעפעראַט וועגן די געשטאַלטן-העלדן פון דער פּיעסע. ער האָט באַלויכטן דעם ווערט און וויכטיקייט פון די פאָרשטעלונגען וואָס באַרייכערן דעם אוצר פון דער אוניווערסאַלער דראַמאַטורגיע און געלויבט די יידישע אויפפירערס און אויספירערס וואָס שטייען אויף אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה.

דער עולם אַקטיאָרן איז געווען אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג און נאָכן פאַרענדיקן די גאַסטראָלן האָט מען זיך אַריינגעזעצט אין אַוויאָן, זיך אומצוקערן צוריק קיין בוענאָס-איירעס.

ביים צוריקפליען איז דער אַוויאָן, וואָס האָט זיך געפינען איבער די קאָרדילערן-בערג, אַריין אין אַ לופטגרוב, אַ לופט-חלל און האָט מיט אַ מאָל געגעבן אַ פאַל אויף גאַנצע פינפהונדערט מעטער די טיף. ס'האָט געפעלט נישט מער ווי נאָך אַ הונדערט מעטער אַז ער זאָל צעשמעטערט ווערן אויף שטיקער. בעתן פאַלן האָבן זיך אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס פון פּאַניק און פחד. פּעקלעך זענען געפאַלן אויף די קעפּ. מענטשן, וואָס זענען נישט געווען צוגעבונדן מיט די רימענס צו די זיצפלעצער, זענען געפלויגן, ווי געטראָגן פון אַ שטורעמווינט. ס'האָבן זיך געהערט הילפרופן, היסטערישע געשרייען פון פרויען און קינדער, קרעכצן פון מענער. אַן אַלטע פראַנצויזישע דאַמע האָט אין דער גאַנצער סומאַטאָכע, וואָס האָט געשמעקט מיט סכנות-נפשות, געהאַלטן די שפּייזקאַרטע

אין האַנט און שאַרף פּראָטעסטירט, געהאַט טענות צו די אַוויאָן־באַדינערס, הלמאַי איז דאָס האַסטיק אַראָפּלאָזן זיך פֿונעם אַוויאָן נישט אָנגעגעבן אײנעם מענו. אין אונדזער צערודערטן נערוון־צו־שטאַנד האָבן מיר נאָך געמוזט שמייכלען צוליב די טענות פֿון דער עלעגאַנטער פּראַנצויזישער דאַמע וואָס האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפֿון וואָס אָט־אָט געפֿינען מיר זיך ביַים ראַנד פֿון תהום, באַדראָט פֿון דער געפֿאַר אַריַינצופֿאַלן אינעם אָפֿענעם פּיסק פֿון די אָפּגרונטטאָלן פֿון די בערג.

דאָס וויַיטערדיקע פֿליִען איז געווען באַגלייט פֿון אַ שטורעם וואָס האָט געשליַידערט דעם אַוויאָן ווי אַ קינדער־באַלעם, הין און צוריק אין דער לופֿטן.

מיר זענען אָנגעקומען אויפֿן בוענאָס־איַירעסער פֿליפֿעלד אין עסעיסאַ מיט אַ גרויסער פֿאַרשפּעטיקונג. צוויי אַמבולאַנסן האָבן אונדז אָפּגעוואַרט. די מאַנשאַפֿט פֿון אַוויאָן האָט אין מיטן פֿליִען געמאָלדן וועגן די סכנות אין וועלכע ס׳געפֿינט זיך די לופֿטמאַשין. צום גליק זענען מיר, אַלע אַקטיאָרן, און אויך דער גרעסטער טייל פּאַסאַזשירן, אָפּגעקומען מיט בלויזער טויטשרעק, טרוקענע קלעפּ און צעשטרייטע נערוון, וואָס ס׳האָט אָבער נישט געקענט פֿאַר־טונקלען אין אונדז די גרויסע ליכטיקע פֿרייד פֿון אונדזער אָפּגע־האַלטענעם טריומף ביַי ייִדן, ווי נישט־ייִדן, אין דער הויפּטשטאָט פֿון טשילע, אַפֿילו ווען מיר האָבן זיך געפֿונען אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט.



קאַפּיטל פערצן

די וואַרשעווער בינע־קינסטלערס אין פּאַריז

ווען ס׳האָט זיך געשטעלט דער נײַער טעאַטער־סעזאָן, זענען געקומען קיין פּאַריז אידאַ קאַמינסקי מיט זיגמונט טורקאָוו און זײַן יינגסטער ברודער, יצחק טורקאָוו־גרודבערג. דער אימפּרעסאַריאָ איז דאָס מאָל געווען דער שוין דערמאָנטער הענרי לאַכטיקער. ער האָט מיר געשיקט אַ טעלעגראַם קיין אַנטווערפּן, אַז ער שיקט מיר אַרויס אַלע נייטיקע פּאַפּירן, כ׳זאָל זיך קאָנען באַטייליקן אין דער טרופּע. ווי אַן אויסלענדער האָב איך יעדער מאָל ווען כ׳בין געקומען קיין פּאַריז געמוזט באַנײַען די אַרבעטרעכט בכדי צו קאָנען אַרבעטן לעגאַל אין פראַנקרײַך.

לאַכטיקערס פאַרבעטונג האָט מיך אַרײַנגעבראַכט אין אַ גע־הויבענער שטימונג. פאַר מיר איז עס געווען אַ גרויסער כבוד צו שפּילן מיט אַזעלכע באַרימטע און חשובע בינע־קינסטלער. פאַר־שטייט זיך אַז כ׳האָב דעם אָנבאָט אָנגענומען מיט גרויס פאַרגע־ניגן. ביז מײַנע פּאַפּירן זענען אָנגעקומען קיין אַנטווערפּן האָט מען דערווײַל אין פּאַריז געמאַכט פּראָבעס מיט אַלע איבעריקע אַנגאַ־זשירטע אַקטיאָרן.

אין די צײַטונגען האָט מען רעקלאַמירט אויפן גרויסן שטיי־גער די קינסטלער־גאַסטראָלערן פון וואַרשע. ס׳זענען אויך געווען אויסגערעכנט די ראָלן וואָס יעדער וועט שפּילן. דער דאַרפּיונג ווערט געשפּילט דורך זיגמונט טורקאָוו. ווי דער גאַסט און סטאַר פון דער טרופּע, איז קלאָר אַז ער דאַרף שפּילן די הויפּטראָלע. אידאַ קאַמינסקי שפּילט די ראָלע פון נאַטאַשע. און יצחק גרוד־בערג — זלמנקע.

דער פּאַרטייל פון די ראָלן — איז געווען פאַר מיר פאַרשטענד־לעך — איז אַ ריכטיקער און צוגעפּאַסטער. און כ׳האָב עס אויך

זיגמונט טורקאָוו

באַרעכטיקט. זיי דאַרפן דאָך זײַן די אַטראַקציע — די קינסט־לער־געסט פון וואַרשע! כ׳האָב נאָר געטון אַ טראַכט, וואָס זשע וועל איך שפּילן? וואָסער ראָלע בלײַבט איבער פאַר מיר? און מיט אַט די מחשבות בין איך געקומען קיין פּאַריז.

גלײַך אין אָוונט האָב איך זיך געיאָוועט אין טעאַטער אויף די פּראָבעס. אַלע זענען געווען גוט אויפגעלייגט, אין אַ גוטער שטימונג. יעדער איינער האָט זיך גוט געפילט אין דער ראָלע וואָס ס׳איז אים צוגעטיילט געוואָרן. די אַטמאָספערע איז געווען אַ וואַרעמע און אַ הייטערע. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז כ׳בין דאָ אַ פינפטער ראָד צום וואָגן. נישט מײַן נאָמען איז געווען דער־מאָנט אין די אַפישן און אַנאָנסן, נישט איך ווייס וואָס כ׳וועל שפּי־לן. כ׳בין געשטאַנען אין אַ זײַט, ווי אַ צושויער, „אַ פּריוואַטער", ווי די אַקטיאָרן רופן אַלע נישט־אַקטיאָרן.

ווי נאָר זיגמונט טורקאָוו האָט מיך דערזען איז ער גלײַך צו מיר צוגעקומען, ווי ער וואָלט מיך געווען אויסגעקוקט. ער האָט גאָר נישט געפרעגט, גאָר נישט געזאָגט, נאָר מיר דערלאַנגט מײַן „ראָלע", אָן אַ וואָרט. איך גיב אַ קוק: ס׳איז די ראָלע פונעם דאָרפ־יונג. מאַך איך צו אים:

— זײַט מוחל, חבר טורקאָוו, איר האָט זיך טועה געווען. דאָס איז דאָך נישט מײַן ראָלע. איר האָט מיר געגעבן אייער ראָלע פונעם דאָרפיונג.

— ניין, זײַט רויק — באַווײַזט זיך אויף זײַן לענגלעך אָוואַל פּנים אַ לײַכט שמייכעלע, קוים צו באַמערקן — איר שפּילט די ראָלע פונעם דאָרפיונג.

— איך גאָר? — שרײַ איך אויס, נישט צוגלייבנדיק זיך — איך אין דער הויפּטראָלע?

— יאָ, איר —לייגט טורקאָוו אַרויף זײַן האַנט אויף מײַן אַקסל — איר מיט אײַער געדיכטן קאָפּ ׳העלע לאָקנהאָר און אײַער קרעמ־פּער פיגור, זענט איר דער פּאַסיקסטער פאַר דער דאָזיקער ראָלע. זי איז ווי אָנגעמאָסטן אויף אײַך.

— אויב אַזוי — קוק איך אויף די בלעטלעך וואָס כ׳האַלט אין דער האַנט — פאַרשטיי איך דאָ שוין גאָר נישט. איר האָט זיך דאָך אַנאָנסירט אַז איר וועט שפּילן די ראָלע?

אידאַ קאַמינסקי

— ס׳איז געווען אַ טעות פון דער צײַטונג.

— חבר טורקאָוו, מײַנט נישט, חלילה, אַז איך האָב מורא צו שפּילן די ראָלע. כ׳דערשרעק זיך נישט פאַר אַ הויפּטראָלע. כ׳האַלט עס פאַר אַ גרויסן כבוד פאַר מיר. איר פאַרשטייט דאָך אַליין אַז כ׳קאָן פריער נישט אָננעמען דעם פאַרשלאָג ביז מע וועט נישט פאַרריכטן דעם פעלער אין דער צײַטונג.

— דער נאָענטסטער נומער גייט ערשט אַרויס סוף וואָך. מיר האַלטן דאָך הײַנט ערב שבועות מע וועט דאָך נישט דאַרט אַרויסגעבן צו ליב אײַך אַ ספּעציעלן נומער אין סאַמע יום־טוב. מע קאָן דאָ גאָר נישט ענדערן, ווײַל מיר הייבן אָן שפּילן איידער די צײַטונג גייט אַרויס.

— טוט מיר לייד, חבר טורקאָוו, וועל איך נישט שפּילן. דער עולם וועט פײַפן ווען מע וועט זען מ י ך אין דער ראָלע אַנשטאָט א ײַ ך.

— איך האָב אין מײַן לעבן נישט געשפּילט די ראָלע פונעם דאָרפסיונג — וויל מיך טורקאָוו איבערצײַגן — נאָר פּראָקאָפּ.

— דאָס איז פאַר מיר אַ קנאַפּע טרייסט — באַשטיי איך אויף ס׳מײַניקע — דאָס ווייסן מ י ר, אָבער נישט דאָס פּובליקום. ווי קאָן מען אָננעמען אַ ראָלע צו זײַן אויסגעשטעלט אויסגעפײַפט צו ווערן פון אַזאַ ריזיקן עולם? איר ווייסט דאָך אַליין, גאַנץ פּאַריז האָט זיך געגרייט צו קומען זען די פאָרשטעלונג, וואָס ווערט געשפּילט פון קינסטלערס וואָס האָבן אַ שם איבער דער גאַנצער וועלט ווי די גרעסטע וואָס פוילן האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. ניין, כ׳קאָן עס פאַר קיין פאַל נישט טון...

כ׳האָב אים, טורקאָוון, צוריקגעגעבן די ראָלע. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס צוזאָגן מיר גאָלדענע גליקן מצד אידאַ קאַמינסקי. כ׳וועל זיך דאָך נישט גיין אויסשטעלן צו נאַר. אַז מע וויל גאָר הייסט דאָך עס געפּירט דעם עולם אין באָד אַרײַן. יעדער רעאַקציע פון פּובליקום וועט זײַן אַ גערעכטער און איך וועל דאָ דאַרפן זײַן דאָס כפּרה־הינדל. נאָך וואָס דאַרף איך עס, מוחל דעם האָניק פון דער הויפּטראָלע און מוחל דעם בים פונעם אויפגעבראַכטן און אַנטוישטן פּובליקום. כ׳וועל זיך נאָר אײַנשפּאָרן חרפּות און בושות און קאַפּ־וויטיק אויף אַ צוגאָב.

מאַקס קלאָס אין דריי פאַרשידענע כאַראַקטער־ראָלן: רעכטס אין דער ראָל פון דעטעקטיוו אין דער אָפּע־רעטע „די קליינע גנבטע", דער שדכן אין „יאָסעלע סאָלאָוויי" און דער דירעקטאָר שטשופּאַק אין שלום עליכמס „בלאָנדזשענדיקע שטערן"

ערשט דער איינפאלערישער פארשלאג פון יצחק גרודבערג, וואס כ'האב אים ליב געקריגן גלייך פון דער ערשטער מינוט פון אונדזער באקענען זיך, האט אויפגעפלאנטערט דעם גאנצן אומאנגענעמען קנויל און האט געווירקט אויף מיר אז כ'זאל אננעמען די ראלע. ער האט פארגעשלאגן אז מע זאל אנאנסירן דעם טעות פון דער בינע אראפ פארן אנהייב פון דער פארשטעלונג. דאס איז געווען אן אויסוועג פון דער לאגע. און כ'בין, פארשטייט זיך, באלד איינגעגאנגען אויף דעם.

איצט איז מען שוין רויק צוגעטרעטן צו די פראבעס. אלע שוישפילערס האבן שוין זייערע ראלן געקענט פון פריער ווייל זיי האבן שוין געהאט הינטער זיך פולע צען פראבעס נאך איידער איך בין געקומען קיין פאריז. דעם זעלביקן טאג איז אין אוונט ווידער געווען פראבע. ווי דערשטוינט זענען אלע געווארן ווען זיי האבן געזען אז כ'קען די גאנצע ראלע פולשטענדיק פון אויסנווייניק און דארף קיין איין מאל נישט אריינקוקן אין די בלעטלעך! אין פארלויף פון די געציילטע עטלעכע שעה האב איך אויסגעלערנט די גאנצע ראלע. אט דער זכרון פון אויסלערנען א ראלע אין דער גיך דינט מיר ביזן היינטיקן טאג.

מ'האט פאר מיר געהאט דעם ריכטיקן פאסיקן קאסטיום און כ'בין געקומען א גרייטער צו דער פרעמיערע. דאס טעאטער „מוטואליטע" איז געווען איבערפולט. כ'האב געווארט, מע זאל ארויסגיין און אנאנסירן פון דער בינע דעם טעות פון די ראלן אזוי ווי ס'איז געווען אפגערעדט פון פריער. אבער א נעכטיקער טאג. קיינער גייט נישט ארויס פאר דער בינע, מע מעלדעט גארנישט, מע מאכט זיך נישט וויסן. קיינער רירט זיך נישט פון ארט. וואס איז געשען? גאר פשוט. מ'האט מורא אז אויב מע וועט מעלדן פאר דער פארשטעלונג וועלן א סך מענטשן פראטעסטירן און אנמאכן דעם אמתן טומל, אז מ'האט זיי אפגענארט און ס'קאן נאך קומען צו נישט קיין היימלעכע קאנסעקווענצן אויך.

ווידער א מאל האט מיך דער איידעלער קלוגער יצחק איינגענומען און בארויקט, אז ער שטייט ביי דער זייט און ווי נאר ס'וועט עפעס געשען, וועט ער ארויף אויף דער בינע און דערקלערן דעם אומשולדיקן טעות.

נו, ס׳איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן ווי מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט פאַר מורא און אויפרעגונג. מײַן אויפטריט איז אָוועקגע־שטעלט געוואָרן אויף אַזאַ אופן אַז ס׳מוז קומען אַן אַפּלויז. גרוד־בערג האָט געהאַלטן וואָרט, ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, גרייט צו רעאַגירן אין פאַל פון אַ געדרודער. און ווען ס׳איז געקו־מען מײַן אויפטריט בין איך אַרויף אויף דער בינע מיט שטורעם, אפשר אַ ביסל איבערגעטריבן צוליב מײַן אויפגערעגטקייט. אין זאַל איז אויסגעבראָכן אַ שטורמישער אַפּלויז וואָס האָט אָנגעהאַל־טן עטלעכע מינוטן.

איך טראַכט בײַ זיך דער בראָך איז פאַרטיק. די מענטשן מיינען אוודאי אַז זיי האָבן פאַר זיך זיגמונט טורקאָוו. איך האָב אָנגעהויבן רעדן און אויף אַ רגע האָט זיך געהערט פונעם עולם אַ לייכטן געזשום. אָבער בײַ די סצענעס, ווו ס׳איז געווען פאָרגעזען אַן אַפּלויז, איז ער געקומען גלײַך ס׳וואָלט גאָר נישט געווען. כ׳האָב געשפּילט גענוי ווי ס׳האָט אָנגעוויזן די קינסטלע־רישע פּרעכטיקע רעזשי פון זיגמונט טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקי.

ענדלעך האָט זיך געענדיקט דער ערשטער אַקט. די קורטינע איז געפאַלן מיט רעש באַגלייט מיט אַ שטורעם פון רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן, און די בראַוואָ־אויסגעשרייען האָבן לאַנג אָנגע־האַלטן הינטער דער אַראָפּגעלאָזטער פאָרהאַנג.

אין צווייטן אַקט איז אויפגעטרעטן פּראָקאָפּ, וווּנדערלעך גע־שפּילט פון זיגמונט טורקאָוו. ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע האָבן מיר געמיינט אַז ס׳טעאַטער וועט אײַנפאַלן פון די הילכיקע בראַוואָס. ס׳האָט געדויערט לאַנגע מינוטן ביז טורקאָוו האָט געקאָנט אָנהייבן רעדן. ער איז געווען אויסערגעוויינטלעך שטאַרק אין דער ראָלע וואָס ער האָט קינסטלעריש אויסגעהאַמערט ווי אַ בראָנדזענער סקולפּטור.

אין דער פּיעסע איז דאָ אַ סצענע פון אַ מאַרק ווו ס׳קומט פאָר אַ געשלעג צווישן דאָרפיונג און אַ גרופּע שלעגערס. צו דער סצענע זענען אָנגאַזשירט געוואָרן עטלעכע שקצים, ווי סטאַטיסטן, מ׳האָט זיי אויסגעלערנט ווי אַזוי זיך צו שלאָגן אַז איך דער דאָרפ־יונג זאָל אַרויס דער געווינער. מ׳האָט זיי דערקלערט אַז איך

דאַרף זײַן דער שטאַרקער און בײַם געשלעג דאַרף איך אַלע גובר זײַן, כדי צו געפינען חן אין נאַטאַשעס אויגן ווי אַ העלדישער פישער.

ווען ס'איז געקומען צו דער סצענע האָט מען זיך גענומען שלאָגן. איך האָב זיי דערלאַנגט קלעפּ און זיי — מיר, און פּלוצעם באַקום איך אַ טראַמאַסק פון איינעם פון די גוייִשע סטאַטיסטן, אַז כ'דערזע די עלטער־באָבע פאַר די אויגן. דער קאָפּ האָט זיך מיר אַזש פאַרדרייט. כ'באַוויַיז נישט צו קומען צו זיך פונעם קלאַפּ, קריג איך אַ צווייטן שאָס. כ'זאָג זיי שטיל, זיי זאָלן אויפהערן, איך דאַרף דאָך זיין דער העלד. וואָס העלד, ווען העלד, אַ נעבעך־טיקער טאָג, איך כאַפּ קלעפּ פון אַלע זײַטן. האָב איך פאַרשטאַנען אַז די שקצים האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט זיך נישט צו לאָזן פונעם „זשוויף", פונעם ייִד, הייסט עס, און אים קאַטעווען וויפל ס'וועט אַרײַן. דאָ האָט זיך אין מיר צעקאָכט דאָס בלוט, ווי אַזוי צו דערלאַנגען ריכטיקע קלעפּ האָב איך געלערנט נאָך אין מכבי אין דײַטשלאַנד און כ'האָב אָנגעהויבן האַקן אויף רעכטס און לינקס. בײַ עטלעכע האָט זיך באַוויזן בלוט פון מויל. מ'האָט זיך געשלאָגן אויף אַ רעכטן־אמת און די סצענע איז די גאַנצע צײַט באַגלייט געוואָרן מיט אַפּלויזן פונעם עולם אונטן אין זאַל צוליב די עכטע נישט געקינצלטע קלעפּ וואָס יעדער איינער האָט אַרײַנגעכאַפּט. דאָס פּובליקום האָט נישט געוווּסט אַז דאָס איז געשען בייזוויליק, אַז די חברה האָט זיך אויף מיר פאַרמאָסטן און איך האָב זיך אויף אַן אמת באַדאַרפט פאַרטיידיקן. נאָך דעם ווי דער אַקט האָט זיך געענדיקט האָבן מיר זיך אַלע איבערגעבעטן. כ'האָב זיי געוואָרנט אַז בײַ דער קומענדיקער פאָרשטעלונג זאָלן זיי מער נישט אָפּטון אַזאַ נאַרישקייט, ווײַל דאָס מאָל האָב איך געהאַט מיט זיי אײַנזען און זיי געשאַנעוועט. נאָך אַ מאָל, אַז כ'וועל דאַרפן געבן קלעפּ, וועלן זיי דרײַ טעג דאַרפן ליגן אין בעט. זיי האָבן מיר געקלאַפּט אין פּלייצע פאַר מײַן שטאַרקן ווידערשטאַנד און מיר האָבן אויסגעטרונקען לחיים אויפן געשלאָסענעם שלום.

די סצענע ווען פּראָקאָפּ (זיגמונט) דערוויסט זיך אַז זײַן טאָכטער נאַטאַשע (אידאַ) איז פאַרפירט געוואָרן פון יאַנקלען, דעם דאָרפיונג, וואָס ס'שפּילט זיך אָפּ צווישן טאַטע און טאָכטער, וועל איך אין מײַן לעבן נישט פאַרגעסן. נאָר אַזעלכע קינסטלערס, ווי

זיגמונט טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקי האָבן זיך געקאָנט דערהייבן צו אַזאַ גרויסקייט, דורכפֿירן אַזוי קינסטלעריש עכט די אויסער־געוויינטלעך שווערע סצענע. דער צאַרטער יצחק גרודבערג האָט באַשײַנט די בינע מיט זײַן קאָמפּליצירטער ראָל פֿון זלמנקע וואָס איז געווען רירנדיק אין זײַן יעדער קער און ווענד. אַנדערע אַק־



יצחק
טורקאָוו
גרודבערג

טיאָרן באַטראַכטן די ראָלע ווי אַ פּשוטע. ווי אַנדערש אָבער איז זי אַרויסגעקומען און אויסגעשפּילט געוואָרן דורכן איידעלן און אינטעליגענטן יצחק גרודבערג וואָס האָט זי אויפגעפּאַסט אויף זײַן אופן, און זי אַרויסגעבראַכט מיט אַלע ניואַנסן פֿון אַ גאַנצער גע־שטאַלט.

צוליבן קאָלאָסאַלן דערפֿאָלג פֿונעם „דאָרפּסיונג" — נישט גע־קוקט אויף דעם וואָס דאָס טעאַטער „מוטואַליטע" נעמט אַרײַן עטלעכע טויזנט מענטשן און איז ביי דער גרעסטער פֿאָרשטעלונג געווען איבערגעפּולט — האָט די פּיעסע געמוזט געשפּילט ווערן עטלעכע מאָל, און יעדער מאָל איז געקומען מער עולם ווי מ׳האָט דערוואַרט.

ווי די לעצטע פאַרשטעלונג איז געשטעלט געוואָרן גאָגאָלס „רעוויזאָר", איבערגעזעצט פון רוסיש דורך ז. סעגאַלאָוויטש. די ראָלע פון כליעסטאַקאָוו האָט געשפּילט מיט אַ סך טעמפּעראַמענט אידאַ קאַמינסקי. זיגמונט טורקאָוו אין דער ראָלע פון גאָראָדניטשי, האָט דאַכט זיך נישט געהאַט קיין קאָנקורענט וואָס זאָל אים קאָנען פאַרטרעטן. איך זע אים נאָך איצט אינעם אויסגעצייכנטן גרים, אין זײַן גאַנצן פאַרנעם, מיטן פאַרענדערטן שטים-אָרגאַן אויף אַרויס־צוברענגען די טיפּישע רוסישע שפּראַך. ער האָט גערעדט יידיש און ס'האָט אין זײַן מויל געקלונגען רוסיש. דאָבטשינסקי און באָבטשינסקי האָבן געשפּילט יצחק גרובערג און איך. איך ווייס נאָר, אַז די פראַנצויזישע טעאַטער-קריטיקערס האָבן געראָטן די פראַנצויזישע אַקטיאָרן צו גיין זען ווי ס'ווערט געשפּילט „דער רעוויזאָר" פון דער יידישער טרופּע.

כ'האָב נאָך שפּעטער געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט זיגמונט טורקאָוו אין פּאַריז אין זײַן אויפפירונג פון וויקטאָר הוגאָס „דער גלאָקנציער פון נאָטערדאַם" און אין מאָליערס „דער קאַ־גער". ביי דער לעצטער פּיעסע האָט טורקאָוו פאַרלוירן בעת אַ געוועט. ער האָט זיך געוועט מיט מיר אַז כ'וועל נישט קענען אויסלערנען די ראָלע פונעם זון אין פאַרלויף פון צוויי טעג. און איך האָב די ראָלע זיך אויסגעלערנט אין איין טאָג.

אידאַ קאַמינסקי איז נאָך דעם געקומען קיין בעלגיע. און כ'האָב ווידער געהאַט די געלעגנהייט צו שפּילן מיט איר אַ ריי פּיעסן.

צווישן זיי האָבן מיר אויפגעפירט „דער דזשאַז-זינגער" מיט אידאַ קאַמינסקי אין דער הויפּטראָל פונעם דזשאַז-זינגער. זי איז פאַר אַלע געווען אַן אמתע איבעררואַשונג. מיר האָבן נישט גע־ווּסט אַז זי זינגט אַזוי שיין און שפּילט קלאַוויר. באַזיצנדיק די אַלע מעלות, ווי אַ צוגאָב צו איר קינסטלערישער באַגאַבטקייט, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי אויסגעצייכנט טרעפלעך אידאַ איז געווען אין דער ראָלע פונעם דזשאַז-זינגער. מיר אַלע, אַ חוץ זיגמונט טורקאָוו וואָס האָט אין דער פּיעסע נישט געשפּילט, זע־נען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעזונגענער כאַליאַסטרע פון לײַכט־זשאַנערדיקע אַקטיאָרן, ווי פון אַ רעווי-טעאַטער.

מיט עטלעכע יאָרן צוריק, ווען זי איז געקומען פון פּוילן מיט

אַ טרופּע קיין בוענאָס־אײַרעס, האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט און פּאָר פֿרייד זענען אונדזערע אויגן פֿאַרלאָפֿן געוואָרן מיט אַ פֿײַכטן גלאַנץ פֿון טרערן. נישט לאַנג צוריק האָב איך פֿון איר באַקומען אַ בריוו פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווו זי שרײַבט מיר, אַז ווען זי וואָלט געהאַט אַ סטאַביל טעאַטער, וואָלט זי מיך גערן אַנגאַ־זשירט.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען כ׳האָב געוויילט אין ישראל, האָב איך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין בת־ים. פֿון דער ווײַטנס האָט מיך דערזען יצחק גרודבערג און נאָך אַן איבעררײַס פֿון קנאַפּע דרײַסיק יאָר האָט ער מיך גלײַך דערקענט און אויסגעשריגן:

— קלאָס, חבר מײַנער!

מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און פֿון געריררטקייט האָבן מיר ביידע נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. ער האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין שלום אַשם הויז, ווו ער איז געווען דער פֿאַר־וואַלטער פֿונעם שלום אַש־מוזיי, מיך אַרומגעפֿירט איבער די צי־מערן און מיר דערקלערט דעם באַטײַט פֿון אַלצדינג וואָס דאָרט געפֿינט זיך. צום סוף האָט ער מיר געשאָנקען זײַן בוך „י. ל. פּרץ דער וועקער" און עס דעדיקירט מיט די ווערטער. „פֿאַר מײַן אַלטן חבר דעם יונגן מאַקס קלאָס, מיט פֿרײַנדשאַפֿט". אַזוי לאַנג ווי מײַ־נע אויגן וועלן זײַן אָפֿן ווערטו, יצחק טורקאָוו־גרודבערג, שטענ־דיק לעבן אין מײַן האַרץ.

***

אין 1968, בעת כ׳האָב זיך געפֿונען אויף אַ טורנע איבער־דרום־און צענטראַל־אַמעריקע און נישט געקאָנט קומען אין צײַט צום בוענאָס־אײַרעסער טעאַטער־סעזאָן, האָב איך צוליב דעם פֿאַר־לוירן אַ שאַנס צו שפּילן מיטן זעלטענעם מענטש, דעם אומפֿאַר־גלײַכלעכן שוישפּילער און רעזשיסער, זיגמונט טורקאָוו, וואָס כ׳האָב אַ סך פֿון אים געלערנט.

זיגמונט טורקאָוו און זײַן פֿרוי ראָזע האָבן דעמאָלט געשפּילט אין מיטרע־טעאַטער זײַן באַאַרבעטונג פֿון שלום־עליכמס „בלאָנ־דזשענדיקע שטערן", וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ קונסט־

פאַרשטעלונג אין בעסטן זינען פונעם וואָרט. כ'האָב געהאַט גרויס עגמת-נפש וואָס ס'איז מיר נישט מעגלעך געווען צו שפּילן מיט טורקאָוון וואָס כ'האָב געהאַט צו אים אַ באַזונדערן טיפן סענטי־מענט.

ווען כ'האָב זיך שוין דאָ געפונען צוריק אין בוענאָס-איירעס, האָב איך אָפּט טורקאָוון אויסגעדריקט מײַן באַדויערן צוליב דעם, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז כ'האָב נישט געקאָנט מיטשפּילן מיט אים, אין דער צײַט ווען ער האָט אויף מיר אויסגעשטעלט...

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אַ שוישפּילער פון דער טרופּע, וואָס האָט געשפּילט צוויי וויכטיקע ראָלן, איז דרינגענדיק גע־שיקט געוואָרן פון דער מיטרע־דירעקציע צו דערליידיקן אַ ריי געשעפטלעכע ענינים אויף דער פּראָווינץ. מיט גרויסער פרייד האָט איך פאַרטראַטן די צוויי ראָלן.

זיגמונט טורקאָוו האָט זיך שוין דעמאָלט, ליידער, נישט געפילט גוט אין געזונט, בײַ די פאַרשטעלונגען אָבער האָט מען גאָר נישט באַמערקט. דער זעלביקער ברען, דאָס זעלבע פייער ווי אַמאָל. זײַן אויסערגעוויינטלעכע קלינגעוודיקע שטים האָט אַפילו אונדז שוי־שפּילערס אַרײַנגעבראַכט אין באַגײַסטערונג.

פּלוצעם בײַ אַ פאַרשטעלונג איז אים באַפאַלן אַ שלוקעכץ, וואָס האָט אים שטאַרק דערקוטשעט. כמעט ביי יעדער וואָרט האָט עס אים אַטאַקירט. מיר, אויף דער בינע, האָבן זיך פשוט פאַרלוירן, און איינער האָט דעם צווייטן געפרעגט מיט די בליקן: וואָס אַזוינס איז מיט אים געשען?

שפּילנדיק די ראָלע פון אברהם גאָלדפאַדען האָט זיגמונט טור־קאָוו דאָך נישט פאַרלוירן דעם הומאָר, און ער האָט זיך נאָך גע־וויצלט איבער זײַן שלוקעכץ. ליידער, איז עס נישט געווען קיין וויץ. ער האָט געמוזט אינטערנירט ווערן אין יידישן שפּיטאָל. נאָכן אָפּליגן עטלעכע טעג איז ער אַרויס. אָבער ער האָט שוין ווײַטער נישט געשפּילט. ער איז צוריקגעפאָרן אַהיים קיין ישראל, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און געבענקט דערנאָך ווען ער האָט זיך געפונען אין חוץ-לארץ.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס כ'האָב געהאַט דעם

כּבֿוד צו שפּילן מיטן באַליבטן גרויסן ייִדישן פֿאָלקס־אַקטיאָר, זיג־מונט טורקאָוו, וואָס האָט אַרײַנגעשריבן אַ ווּנדערלעך שײן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿונעם ייִדישן טעאַטער. זײַן ליכטיקער אָנדענק וועט אייביק לעבן בײַ אונדז, אין אונדזערע הערצער, בײַ די וואָס האָבן מיטגעשפּילט מיט אים, און בײַ די וואָס האָבן אים געזען שפּילן, בײַ זײַנע צאָלרײַכע באַגײַסטערטע צושויערס און פֿאַרערערס, וואָס ווילן אים און זײַנע ווּנדערלעכע קרעאַציעס קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן.

קאַפּיטל פֿופֿצן

פֿאַרענגלישטער יִדישער אַקטיאָר פֿון רומעניע

אין דער צײַט װען כ׳האָב געװױנט אין אַנטװערפּן, בין איך אָפּט אַנגאַזשירט געװאָרן צו שפּילן אין לאָנדאָן. דער אומשטערבלעכער שלום-עליכם, װאָס האָט געהאַט באַזוכט ענגלאַנד, האָט אין זײַנע רײזע-באַשרײַבונגען זיך אױסגעדריקט: „לאָנדאָן, פֿאַר װאָס ברענסטו נישט?״ זיכער זענען דעמאָלט די באַדינגונגען געװען אַזעלכע, אַז ס׳האָט דעם גרױסן פֿאָלקשרײבער אונדזערן אַרױסגעבראַכט פֿון די כּלים און אַ פֿאַרביטערטער האָט ער די לאָנדאָנער געלטזעק אַרײַנגעזאָגט אין טאַטן אַרײַן פֿאַר זײער קאַלטקײט, גלײַכגילטיקײט און שטײַפֿקײט, װאָס קײן שום זאַך קען זײ נישט באַגײַסטערן, נישט רירן און נישט אַרױסרופֿן בײ זײ דעם מינדסטן סענטימענט און אינטערעס.

באַלד בײַם אָנקומען קײן לאָנדאָן פֿאַרדרײט זיך דיר דער קאָפּ פֿונעם שאַרפֿן ריח פֿון װירדזשינאַ-טאַבאַק אויף טריט און שריט. די ענגלישע ציגאַרעטן האָבן אַזאַ שטאַרקן גערוך אַז מע פֿילט אים אַ מײל פֿון דער װײַטנס. פֿאַר דער צײַט אָבער האָט זיך לאָנדאָן אַ סך געביטן. ס׳זענען אױסגעװאַקסן הױכע שײנע מאָדערנע געבײדעם. איר טרעפֿט הײַנט אױסגעברײטערטע רחבֿותדיקע בולװאַרן, מאָדערנע קאַפֿע-הײזער, אַפֿילו די פּלעצער פֿון די װיסקי-טרינקער האָבן זיך אױך פֿאַרבעסערט בלױז די ענגלישע שטײַפֿקײט און די לאָנדאָנער פֿאָגאָס, די נעפּלען זענען געבליבן די זעלביקע װי געװען, אומגעענדערט.

לאָנדאָן איז אַ שטאָט װאָס דער טאָג קאָן פּלוצעם װערן פֿאַרװאַנדלט אין נאַכט, אײַנגעהילט אין געדיכטע פֿאָגאָס, אין שװערע נעפּלען. אין מיטן העלן טאָג װערט מיט אַ מאָל פֿינצטער, חושך, אַז אײנער זעט נישט דעם צװײטן. די אױטאָס פֿאָרן פּאַמעלעך מיט

פולן ליכט. אויף די טראָטוארן שטויסן זיך מענטשן אַן ביים גײן. אַט די פּאַגאַס, די לאַנדאָנער נעפּלען האָבן א גוטע זײַט, און א שלעכטע. זיי פאַרניכטן געוויסע שעדלעכע באַצילן אין מענטשלעכן קערפּער. זיי פאַלן אָבער שווער אויף די אַסטמע-לײַדנדיקע און אויף די וואָס זענען קראַנק אויפן האַרץ, אויך די געשעפטן זענען אַ קרבן פון די נעפּלען וואָס דרינגען אַרײַן אין אַלע ווינקעלעך און לעכער און דערקוטשען דעם מענטש, דערגייען אים די יאָרן.

די הײַנטיקע פרויען אינעם קאָנסערוואַטיוון ענגלאַנד, זענען אויך שוין נישט אַזוי ווי אַמאָל. זיי האָבן געמאַכט פאַרשריט אויף אַלע געביטן פון לעבן. איבערהויפּט די יונגע מיידלעך וואָס זענען געוואָרן פאַרשײַט, אוים שעמעוודיק. ענגלאַנד האָט דאָך עפּעס באַגליקט די וועלט מיט די ביטלס, וואָס די קיניגין האָט זיי באַהאָנגען מיט מעדאַלן פאַר זייערע לאַנגע שויבערס; און מיט היפּיס וואָס פאַרפלייצן גאַנץ ענגלאַנד און האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט.

נישט בלויז דער ענגלענדער איז שטאָלץ מיט זײַן ענגלישקייט נאָר אויך די פאַרענגלישטע ייִדן בלאָזן פון זיך. ווער זיי זאָלן נישט זײַן, איז נישט צוצוטרעטן צו זיי. אַפילו אַן עמכדיקער רומענישער ייִדישער אַקטיאָר אַז ער איז געוואָרן אַן ענגלישער בירגער, איז ער שוין נישט געווען דער זעלבער וואָס פריער. קיינער איז צו אים נישט געווען גלײַך.

דער פאַרענגלישטער אַקטיאָר איז געווען מאיר צעלניקער. כ'האָב געשפּילט מיט אים אין פּאַריז אין טעאַטער „געטע ראָשע-שואר" אונטער דער דירעקציע פון נייטן בלומענטאַל. א גוטער פעיקער אַקטיאָר, איז ער אויך געווען א ליבער חבר, נישט קיין אײַנגעבילדעטער, נישט קיין שטאָלצער און האָט אויך נישט איבערגעטריבן זײַן אַקטיאָרישן טאַלאַנט. מיט א מאָל, טאַקע ווי איבער נאַכט איז ער געוואָרן אַן ענגלענדער מיט אַן ענגלישן פּאַס-פּאָרט. ער שטאָלצירט נישט מיט דעם וואָס ער האָט דערגרייכט אַזאַ מדרגה צו שפּילן מיט אַזעלכע פילם-שטערנס, ווי אַנטאָני קווין, נאָר מיט זײַן ענגלישקייט, און ענגלישער בירגערשאַפט. ער קושט ממש דעם פּאַס, ווי אַ פרומע ייִדענע דעם צאינה וראינה. זײַן געגנגעלע אין גאַס קאָן זיך אַזאַ איינעם ווי מיר אויסווייזן, אַז

דאָס רעדט ער צו זיך אַליין: דרך-ארץ פֿאַר מיר, דעם ענגלענדער!

קיין בוענאָס איירעס, איז מאיר צעלניקער געקומען ווי אַ סטאַר שפּילן אין „מיטרע”-טעאַטער. פּונקט ביי דער פּרעמיערע, אין מיטן שפּילן האָט דער ראַדיאָ געמאָלדן אַז דעם פּרעזידענטס ווייב, עווא פּעראָן, איז געשטאָרבן. אַלע קינאָס און טעאַטערס האָבן איבערגעריסן די סעאַנסן און די פֿאָרשטעלונגען און אויך דאָס „מיטרע”-טעאַטער האָט אָפּגעשטעלט דאָס שפּילן. נאָר מאיר צעלניקער, שוין אַן גרים, אַן אויסגרימירטער האָט מיר אָנדערציילט פֿאַנטאַסטישע מעשות, וואָס ס׳האָט זיך אַלץ מיט אים געטראָפֿן, און אַז פון אַלע סכנות האָט אים געראַטעוועט — ווער? — זיין ענגלישער פּאַספּאָרט. בלויז אין בוענאָס-איירעס האָט אים זיין ענגלישקייט געהאָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס.

אין דער צייט, ווען מ׳האָט נישט געטאָרט שפּילן צוליבן טרויער אין גאַנצן לאַנד, האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן צי אין „קאַסאַ ראָסאַדאַ”, אין רעגירונג-הויז ווייסט מען אַז דער סטאַר פון „מיטרע”-טעאַטער איז מאיר צעלניקער און צי ווייסן זיי דאָרט אַז מאיר צעלניקער איז אַן ענגלענדער, אַן ענגלישער בירגער, מיט אַן ענגלישן פּאַס?

ווען מ׳האָט אים פֿאַרזיכערט אַז יאָ, אַז ס׳איז קיין ספק נישטאָ, זיי זאָלן נישט ווייסן ווען אַלע בלעטער זענען פול מיט אים, האָט ער זיך צעשריגן אַז ס׳קאָן נישט זיין! ווען זיי ווייסן ווער מאיר צעלניקער איז, וואָלט דער פֿאַרבאָט פון שפּילן טעאַטער נישט חל געווען אויף אים, דעם ענגלישן אונטערטאַן.

מיר האָבן אים געשוווירן ביי שיך און זאָקן אַז אין די הויכע רעגירונג-פענצטער ווייסט מען פונעם שטאָלצן ענגלענדער מאיר צעלניקער, דעם סטאַר פון יידישן טעאַטער. מיט טעאַטראַלן פּאַ-טאָס האָט ער אויסגעשריגן:

— ניין! מער וועל איך דעם אַרגענטינער באָדן נישט באַ-טרעטן! כ׳וועל דאָ מער נישט שפּילן קיין טעאַטער!

די צייט פון פֿאַרבאָט איז אַריבער און ווידער האָבן זיך גע-עפֿנט די קינאָ-זאַלן און ס׳האָבן ווידער געשפּילט די טעאַטערס. צעלניקערן איז פון דעסטוועגן געלונגען צו האָבן גאַנץ באַטייטיקע פינאַנציעלע און מאָראַלישע דערפאָלגן.

בײַם געזעגענען זיך האָט ער אונדז נאָך אַ מאָל דערמאָנט, אַז דערפֿאַר וואָס פֿעראָן האָט זיך נישט גערעכנט מיט אים און מיט זײַן ענגלישן פּאַס, וועט ער מער אין בוענאָס אײַרעס נישט שפּילן.

מיר אַלע האָבן בײַ זיך געטראַכט: מילא, וואָס דער ענגלישער סטאַר בלאָזט פֿון זיך. אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז ס'איז נישט געווען סתם גערעדט אין דער וועלט אַרײַן. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער באַקומען אַן אָנבאָט פֿון אַ היגן טעאַטער־אימפּרעסאַר אויפֿצוטרעטן אין בוענאָס־אײַרעס. מאיר צעלניקער האָט צוגעשיקט אַ לענגערן בריוו פֿון לאָנדאָן און מיט גרויסע אותיות איז געווען אונטערגעשטראָכן ווי אַ **שטאָלצער ענגלענדער האַלט איך מײַן וואָרט**: אין בוענאָס אײַרעס וועל איך מער נײט שפּילן קיין טעאַטער.

אָט דאָס הייסט כאַראַקטער! אַ שטאָלצע האַנדלונג פֿון אַ ײדישן אַקטיאָר, אַן עכטן רומענישן ענגלענדער!

קאַפּיטל זעכצן

לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער, יידישער עולם און צוויי בינע־אַרבעטער

לאָנדאָן האָט געהאַט אַ שם אין דער יידישער טעאַטער־וועלט צוליבן מאַיעסטעטישן יידישן טעאַטער־פּאַוויליאָן וואָס האָט זיך געפונען אין האַרץ פון יידישן קוואַרטאַל, אויף דער באַוווסטער יידישער גאַס, אויפן ווייטשעפּל, גלייך אַנטקעגן דעם ריזיקן לאָנדאָ־נער שפּיטאָל, וואָס דער שעף זיינער איז געווען אַ באַרימטער פּראָ־פעסאָר מיט אַ סובטיטל לאָרד. אַלע אַקטיאָרן האָבן אים געקענט, דעם פּראָפעסאָר מיטן מאָנאָקל וואָס פלעגט זיך אָפט אַריינכאַפּן אין פּאַוויליאָן־טעאַטער זאַמלען געלט פאַרן שפּיטאָל. עד־היום געדענק איך זיינע ווערטער וואָס ער האָט זיך שטענדיק געווענדט מיט זיי צום עולם:

— ליבער פּובליקום, איך בין דער איינציקער גוי איצט צווישן אייך. אָבער אין מיין שפּיטאָל אַרבעטן אַ סך יידישע דאָקטוירים און אַ סך בעטלעך זענען פאַרנומען מיט יידישע קראַנקע. איר דאַרפט נישט נעמען צו ערנסט מיין דערקלערונג. וואָס איר דאַרפט יאָ טון איז — עפענען אייערע הערצער און אויך אייערע בייטעלעך און געבן וואָס מער. אונדזער שפּיטאָל נייטיקט זיך אין אייער ביי־שטייער. און וואָס מער געלט איר וועט געבן, אַלץ מער וועט אייער געווויסן זיין ריין.

און דער עולם האָט געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט, שוין צוליב דעם אַליין וואָס דער זאַמלער, דער גרויסער פּראָפעסאָר, איז געווען באַליבט ביי אַלעמען און געווען באַקאַנט ווי אַ יידנפריינד, איינער פון די חסידי־אומות־העולם אין לאָנדאָן.

מיטן פּאַוויליאָן־טעאַטער האָט אָנגעפירט אָדער דער באַרימטער

אַקטיאָר און דירעקטאָר דזשאָי קעסלער, אָדער מיסטער נײַטן בלו־מענטאַל, דער לאַדזשער שנײַדער, וואָס איז געווען פֿאַרליבט אין יידישן טעאַטער און חתונה געהאַט, ווי שוין דערמאָנט אין אַ פֿאַריק קאַפּיטל, מיט דער פּרעסטיזשפֿולער אַקטריסע פֿאַני וואַקסמאַן, וואָס איר ברודער איז געווען אַן אָנגעזעענער אַקטיאָר אויף דער ענגלי־שער בינע. אַ סך יאָרן האָט בלומענטאַל אָנגעפֿירט מיטן פּאַוויליאָן־טעאַטער און גלײַכצײַטיק געווען דירעקטאָר פֿון יידישן טעאַטער אין פּאַריז און אין בעלגיע. ער האָט געשיקט גרויסע אַנסאַמבלען אין אינערן פֿון ענגלאַנד און אויך טרופּעס קיין דרום־אַפֿריקע. ער איז, וואַרשײַנלעך, געווען דער ערשטער וואָס האָט געבראַכט אַהין קײַן דרום־אַפֿריקע, יידיש טעאַטער, געשפּילט דורך פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטיאָרן.

ווי אײנער פֿון די פֿײַנסטע און ערלעכסטע דירעקטאָרן פֿונעם יידישן טעאַטער איז נײַטן בלומענטאַל געווען אַ ביסל איבערגלײַ־בעריש. ווען ער האָט געזען אַן אַקטריסע שטריקן אין דער גאַרדע־ראָב, צי בעת אַ פּראָבע, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און זי געבעטן אויפֿהערן שטריקן ווײַל ס׳ברענגט נישט קיין גליק. די אַקטריסע האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון די זאַבאָבאָנעס, נישט געלייגט קיין אַכט אויף זײַנע רייד, באַטראַכט עס ווי אַ נאַרישקייט און ווײַטער גע־שטריקט. ער האָט איר מער גאָר נישט געזאָגט. זי האָט אָבער שוין מער נישט געקאָנט אַנגאַזשירט ווערן בײַ אים אין טעאַטער. דאָס זעלביקע איז געווען מיט אַקטיאָרן, וואָס האָבן געהאַט אַ טבע צוצו־פֿײַפֿן אויף דער בינע בײַם שפּילן אָדער זינגען. האָט אײנער נישט געפֿאָלגט בלומענטאַלס פֿאַרזאָג, נישט צו פֿײַפֿן אין טעאַטער, האָט ער שוין געמעגט פֿאַרגעסן, אַז ער זאָל שפּילן אין פֿרישן סעזאָן.

בלומענטאַל האָט שטרענג אָפּגעהיט זײַנע פּרינציפּן פֿון האַלטן חשיבותדיק די טעאַטער־אינסטיטוציע סײַ לגבי זיך און סײַ פֿאַרן עולם. ער האָט צו שטאַרק ליב געהאַט דאָס טעאַטער, אַז ער זאָל עס לאָזן אַראָפּנידערן און מאַכן דערפֿון אַ שאַפֿקע.

אַז ס׳האָט עמעצער פֿון די אַקטיאָרן געבעטן בײַ אים עפּעס געלט פֿאָרויס, האָט ער אים געזאָגט בזה הלשון:

— אפשר ווילט איר, חבר, פֿאַרן גאַנצן סעזאָן פֿאָרויס? איז

מיטן שענסטן פאַרגעניגן. איר דאַרפט נאָר, חברל, פאַרלירן בלויז איין פּראָצענט פון דער סומע.

ער האָט שטענדיק געטראָגן אַן אויסגעפּאַסט וועסטל און פון דער וועסטל-קעשענע פלעגט ער אַרויסשלעפּן די פונטן:

— דאָס איז מײַן ברונעם — האָט ער געזאָגט — ער שעפּט זיך קיין מאָל נישט אויס.

מיר זענען געווען אַנגאַזשירט אויף אַ טורנע איבער די פּראָווינצן פון ענגלאַנד. דער קאָנטראַקט איז געווען אויף צוויי חדשים. די געשעפטן זענען געגאַנגען שלעכט. מ'האָט נישט געמאַכט קיין געלט. אַ סך מאָל איז אויסגעקומען צו שפּילן כמעט פאַר ליידיקע זאַלן. ס'האָט ערגער שוין נישט געקאָנט זײַן. יעדער איינער האָט זיך געפילט געפאַלן, ווי שולדיק אינעם מיסדערפאָלג פונעם טור. דער שמייכל איז בײַ אַלע פאַרשוווּנדן פון פּנים, בײַ אַלע אַ חוץ בײַם מיסטער נייטן. מיר האָבן זיך אָפּגעמאַטערט די צוויי חדשים. מ'האָט שוין געהאַלטן די גאַזשע אַזוי גוט ווי פאַרלוירן אָבער בלומענטאַל גלײַך ווי ס'וואָלט גאָרנישט נישט געשען. האָט אַלעמען געצאָלט פּינקטלעך. מיר האָבן געשפּילט איין טאָג מער ווי ס'איז געווען אָנגעגעבן אין קאָנטראַקט, האָט ער אַפילו פאַר אָט דעם איינעם טאָג אויך באַצאָלט. אָט דאָס איז געווען נייטן בלומענטאַל.

אַ דאַנק די צוויי דערמאָנטע דירעקטאָרן פון פּאַוויליאָן-טעאַטער, דזשאַי קעסלער און נייטן בלומענטאַל, איז דאָס ייִדישע טעאַטער אין ענגלאַנד געשטאַנען אויף גאָר אַ הויכן ניוואָ.

אַפילו פּיעסן פון לײַכטערן זשאַנער, אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס, זענען אין פּאַוויליאָן-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן מיט דער גאַנצער קאָרעקטקייט און מיטן פולן ערנסט. די דירעקטאָרן האָבן נעגעבן אַלץ אין וואָס ס'האָבן זיך געניטיקט סײַ די פּיעסע סײַ דער רעזשיסער סײַ די אַקטיאָרן. די דירעקציע האָט נישט געזשאַלעוועט קיין שום זאַך, אַז די אויפפירונגען זאָלן אַרויסקומען וואָס שענער און בעסער.

נאָך אַ וויכטיקע סיבה איז געווען וואָס ס'לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה. צו יעדער סעזאָן האָט דער דירעקטאָר אָן שום שטערונגען אַראָפּגעבראַכט אַ נײַע

טרופּע, אַ נײַעם צוזאַמענשטעל פון אַקטיאָרן. דאָס איז נישט מעגלעך געווען אין יידישן טעאַטער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און אויך נישט אין פּוילן, ווײַל די אָרטיקע אַרטיסטן־פּאַראייניען האָבן געמאַכט שוועריקייטן, באַרעכטיקטע און נישט באַרעכטיקטע, צו קאָנען ווערן מיטגלידער. און נישט קיין מיטגליד האָט זיך לחלוטין נישט געקאָנט באַטייליקן אין קיין טרופּע, בכלל נישט שפּילן אין טעאַטער.

אָט דער צושטאַנד האָט אין לאָנדאָנער יידישן טעאַטער נישט עקסיסטירט. די דירעקטאָרן האָבן אָרגאַניזירט טרופּעס אַזעלכע וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. און יעדער יאָר איז צום פרישן טעאַטער־סעזאָן אַראָפּגעבראַכט געוואָרן נײַע אַקטיאָרן פון אומעטום. דאָס איז געווען אַ גרויסער פּלוס פאַרן טעאַטער וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט און נייגעריקייט פון די איבערגעגעבענע ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער.

אין לאָנדאָן האָט זיך דער התלהבותדיקער טעאַטער־עולם נאָך דער פאָרשטעלונג געזאַמלט אין פּאָיע און אויף דער גאַס פאַרן טעאַטער און געפירט דיסקוסיעס וועגן דער פּיעסע, וועגן דעם שפּילן פון די אַקטיאָרן. די געשפּרעכן זענען געפירט געוואָרן אויף די הויכע טענער. איינער האָט דעם צווייטן געוואָלט איבערשטײַגן מיט זײַן מבינות. מ׳האָט זיך אַפילו באַניצט מיט זידלווערטער, אָבער שוין אין ענגליש. די פאַרבײַגייענדיקע פּאָליסלײַט האָבן שוין געוווּסט אַז דאָס קריגט מען זיך נישט וועגן אומברענגען די בריטישע אימפּעריע און אַז די קריגערײַען זענען אויך נישט קיין פּאָליטישע שטרייטן, נאָר דאָס אַמפּערט מען זיך אַזוי וועגן דער טעאַטער־פאָרשטעלונג וואָס איז נאָר וואָס געשפּילט געוואָרן, און שמייכלענדיקע זענען זיי אַוועקגעגאַנגען און געלאָזט די דיסקוטאַנטן זיך ווײַטער היצן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן.

* * *

אין פּאַוויליאָן־טעאַטער זענען געווען אָנגעשטעלט צוויי קריסטלעכע מאַשיניסטן, וואָס האָבן אויפגעשטעלט און געטוישט די דעקאָראַציעס — אַ פאָטער מיט אַ זון — טשאַפּל האָבן זיי געהייסן. ביידע האָבן זיי געאַרבעט אין דעם טעאַטער. זיי האָבן גערעדט

יִדיש. דער זון האָט גערעדט גאָר אַ גוטן יִדיש. ער האָט חתונה גע־האַט מיט אַ יִדיש מיידל און די קינדער זייערע האָט ער געלאָזט מל זײַן.

טאַטע און זון זענען ממש געווען פאַרליבט אין יִדישן טעאַ־טער. זיי האָבן געאַרבעט איבערגעגעבן, געטרײַ, דאָס איבערשטעלן און טוישן די דעקאָראַציעס איז אויסגעפירט געוואָרן מײַסטעריש מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיקייט און פּינקטלעכקייט, אָן שום גע־רויש. קיין שאָרך איז נישט דערגאַנגען אונטן אין זאַל, אַט אַזוי ווי אין די גרעסטע ענגלישע טעאַטערס. און נאָך עפּעס, מיט זייער אַ מיינונג וועגן אַ פּיעסע האָט מען זיך גערעכנט. זיי זענען ביידע אָפּט געזעסן בײַם לייענען אַ נײַע פּיעסע און האָבן געגעבן זייערע מיינונגען, ערנסטע, וואָגיקע און זאַכלעכע. פּונקט אַזוי האָט מען זיך אויך גערעכנט מיט זייער מיינונג וועגן שוישפּילערס. פאַר זיי האָט דער סטאַזש פון אַן אַקטיאָר נישט געהאַט קיין שום באַטײַט. איינער קאָן האָבן לאַנגיאָריקן סטאַזש און אויב ער איז געווען אַ דראָנג בלײַבט ער אַ דראָנג. דער סטאַזש האָט דאָ גאָר נישט צו זאָגן. מיט טאַלאַנט ווערט מען געבוירן. דער וואָס האָט עס נישט געהאַט אין די יונגע יאָרן וועט עס קיין מאָל אין לעבן נישט האָבן. דאָס האָבן אויך געוווּסט טאַטע און זון. דערפאַר האָט מען זיך געקאָנט שטיצן אויף זייער מיינונג. דאַקעגן אַז זיי האָבן געזען איי־נעם, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם געטלעכן פונק פון טאַלאַנט, האָט עס געקאָנט זײַן אַן אָנהייבער, אַן אומבאַקאַנטער, וואָס נישט אַלע האָבן אים געוואָלט אָנערקענען צוליב וואָסער סיבה ס'זאָל נישט זײַן, האָבן זיי זיך מיט אים געצאַצקעט ווי מיט אַן אבן־טוב. אַז אַן אַקטיאָר איז געווען נאַכלאַזיק צו זײַן ראָל, זיך נישט געגעבן די מי צו קענען פּליסיק די „פּראָזע”, האָבן זיי נישט געקאָנט קוקן אויף אים, זיי האָבן אים ממש פײַנט געהאַט און אים גערופן „קלאַמ־זי עקטער”, ס'הייסט, אַן אַקטיאָר וואָס איז נישט צו גאָט און נישט צו לײַט, און אַוודאי נישט פאַרן טעאַטער. נישט איין מאָל וואָלטן זיך טעאַטער־רעצענזענטן געוווּנטשן צו האָבן אַזאַ אויסגעשפּראָכע־נעם קוק אויף טעאַטער ווי אָט די צוויי בינע־ אַרבעטער פון הינ־טער די קוליסן.

קאַפּיטל זיבעצן

הינטישע מבינות אויף טעאַטער

מיר לעבן היַינט אין ציַיטן פון אמתן קפיצת־הדרך מיט איין שפּרונג געפינט מען זיך אין צווייטן עק וועלט. מיט איין פלי, שפּאַנט מען דורך אָקעאַנען און קאָנטינענטן. מען עסט פרישטיק אין בוענאָס־איַירעס, מע מיטאָגט אין פּאַריז, און אָוונטברויט עסט מען אין איטאַליע און דעם צומאָרגנדיקן פרישטיק אין ישראל. ווע־לן מיר אויך מיטהאַלטן מיט דעם דאָזיקן טעמפּאָ איבערלאָזן לאָנ־דאָן פון פיל יאָרן צוריק און זיך אַ טראָג טון אהער קיין אַרגענטי־נע מיט וויפל יאָרן שפּעטער.

מיר האָבן געשפּילט אין קאָרדאָבע מיט אַן אַקטיאָרן־פאַמיליע, מיט די בורשטינס, אין אַ שיינעם טעאַטער און געהאַט גרויס טוק־צעס. דער אַלטער קריסטלעכער טעאַטער־וועכטער, וואָס איז פּונקט ווי יענער לאָנדאָנער טאַטע און זון, געווען פאַרקאָכט אין טעאַטער און גוט אויפגעטראָגן מיט די אַקטיאָרן, נישט־ייִדישע און ייִדישע, האָט געהאַט פאַר זיי גרויס פּיעטעט.

נאָכן שפּילן, ווען כ'בין אַראָפּ פון דער בינע, האָט ער מיך פאַרהאַלטן אַ צעיאַכמעטער פון דער פאָרשטעלונג:

— אַ שאָד — מאַכט ער צו מיר — וואָס דער הונט רעקס לעבט נישט מער. ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט איר דורך אים געהאַט די אמתע פּראָפּאַגאַנדע.

— וואָס פאַר אַ הונט?

דער וועכטער האָט מיר דערציילט:

— אין טעאַטער איז געווען אַ הונט, אַ זי, אַ צויג. זי האָט געהאַט עטלעכע הינטלעך. אויפן אַנדערן טאָג, נאָכן געבוירן די הינטלעך, איז זי געהרגעט געוואָרן ביַים אַריבערגיין די גאַס. די

אָנגעשטעלטע פּונעם טעאַטער האָבן דערצויגן איין הינטל וואָס איז אויסגעוואָקסן אַ גרויסער געלערנטער ווונדערלעכער הונט.

ער האָט געהאַט לאַנגע אויערן־לאַפּן, אַ שיינע ברוינע פּעל און גרויסע קלוגע ביר־אויגן. זײַן זיצפּלאַץ איז געווען אַ לאָזשע לעבן דער בינע. ווען אַ טרופּע איז געקומען שפּילן טעאַטער, האָט דער הונט פאַרנומען זײַן פּלאַץ אויף דער פּרעמיערע. אַז די פאָר־שטעלונג איז אים געפעלן געוואָרן האָט ער מיט זײַנע פאָדערשטע לאַפּעס געפּאַטשט בראַוואָ. אַלא נישט, אַז די אַקטיאָרן האָבן שלעכט געשפּילט אָדער די פּיעסע האָט נישט געטויגט; געווען צעצויגן, לאַנגווײַליק, אַ סך רייד און ווייניק אַקציע, האָט דער הונט אַרונטערגעלאָזט זײַנע לאַנגע אויערן און האָט זיך פּאַמעלעך אַרויסגעשאַרט פון טעאַטער. דעמאָלט האָבן די דירעקטאָרן, פּונקט ווי דער עולם, געוווּסט אַז די אויפפירונג וועט זײַן אַ דורכפאַל מיטן גאַנצן קנאַק.

מיך האָט די מעשה מיטן הינטישן רעצענזענט שטאַרק אינ־טערעסירט. ווען כ׳האָב געוווינט אין קעלן בײַם ריין האָב איך פון מײַן פענצטער געקאָנט זען אַ שולע פון הינט. און כ׳האָב באַוווּנדערט די קאָלאָסאַלע אינטעליגענץ פונעם הינטישן מין. וואָס הינט זענען אַלץ מסוגל צו טון.

כ׳האָב דעם אַלטן געבעטן ער זאָל מיר איבערגעבן מער פּר־טים וועגן דעם זעלטענעם טעאַטער־הונט. ער האָט מיך געפירט ווײַזן ווו דער הונט ליגט באַגראָבן. איבער זײַן קבר געפינט זיך אַ פּלעטל מיט אַן אויפשריפט: דאָ ליגט דער גרעסטער הינטישער טעאַטער־קריטיקער. דער אַלטער קריסט האָט מיר אויך געבראַכט אויסשניטן פון צײַטונגען וואָס מ׳האָט געשריבן וועגן דעם הונט ווען ער איז אַוועק אין זײַן הינטישער רו.

אין זייערע הספד־אַרטיקלען האָבן זיי אויסגעדריקט אַנערקע־נונג פאַר זײַן ערלעכן און אויפריכטיקן צוגאַנג צום טעאַטער, נישט קאָנענדיק ווערן אָפּגעקויפט דורך קיינעם. און דער הונט איז טאַקע דערפאַר באַוווּנדערט געוואָרן דורך אַלעמען פאַר זײַן הינטישער מבינות אויף טעאַטער.

גֿעשפּענסטיקער פֿויגל אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער

קאַפּיטל אַכצן

דער אָפּשרעקנדיקער לאָנדאָנער טעאַטער־פֿויגל

וועלן מיר לאָזן רוען דעם אַרגענטינער הינטישן טעאַטער־מבין אין זײַן אייביקער רו און מיט דער זעלביקער גיכקייט וואָס פֿריִער זיך צוריק איבערטראָגן פֿון וואַנען מיר זענען געקומען מיט קפֿיצת־הדרך, צוריק קיין לאָנדאָן, ווו ס׳וואַרטן אויף אונדז אַ סך סורפּריזן מיטן אָפּשרעקנדיקן טעאַטער־פֿויגל בראָש. וואָס ס׳איז אַזוינס דער טעאַטער־פֿויגל און ווי קומט ער צום ייִדישן טעאַטער וועט זיך דער לייענער דערוויסן אַ ביסל שפּעטער. גענוג צו זאָגן, אַז דער פֿויגל איז געווען דאָס שרעק־געשפּענסט, וואָס האָט געשראָקן די ייִדישע אַקטיאָרן אויף אַזוי פֿיל, אַז אַ סך אַקטיאָרן מיט סטאַזש האָבן ממש מורא געהאַט צו שפּילן אין לאָנדאָן צוליבן דאָזיקן פּחד, דאָס נישט אויסנעמען, דעם דורכפֿאַל וואָס איז באַצייכנט געוואָרן מיטן מיסטעריעזן נאָמען: דער פֿויגל, וואָס אַלע האָבן, ווי געזאָגט, געציטערט פֿאַר אים אימת־מוות.

***

אין ענגלאַנד איז זונטיק פֿאַרווערט צו שפּילן טעאַטער. בלויז קאָנצערטן זענען דערלויבט און אויך קליינקונסט־פֿאַרשטעלונגען קאָן מען געבן. נאָר מע טאָר נישט טאַנצן אויף דער בינע, און דער פֿאָרהאַנג קאָן נאָר איין מאָל אַראָפּגעלאָזט ווערן, בײַם סוף פֿונעם קאָנצערט. אָבער אויפֿהייבן און אַראָפּלאָזן דעם פֿאָרהאַנג ווי מע טוט עס בײַ אַ פּיעסע, איז זונטיק נישט דערלויבט.

פֿון די זונטיק־קאָנצערטן האָבן די טעאַטערס געצאָלט אַן עקס־

טרע־שטײַער פֿון צוואַנציק פּראָצענט פֿונעם אײַנקונפֿט וואָס ס׳איז געגאַנגען אויסשליסלעך פֿאַר די אַלגעמיינע שפּיטאָלן פֿון לאַנד.

צו די זונטיקדיקע קאָנצערטן איז שטענדיק געקומען אַ ספּעציפֿישער עולם, אַן אייגנאַרטיקער. און דאָ קומען מיר צו צום פֿויגל וואָס אָט דער עולם האָט אײַנגעפֿירט בײַ די קאָנצערטן. אין וואָס באַשטייט דער פֿויגל?

דער גאַנצער עולם, ווי איין מענטש, פּאַטשט מיט די הענט עטלעכע מאָל, וואָס ס׳קלינגט, ווי אַ צובאַגלייט צו אַ טאַנץ, און פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ „ראָזבערי”, מיט אַ פֿאָרסקערײַ מיט די ליפּן.. אָט דאָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער שוידערלעכער פֿויגל, וואָס ווערט באַניצט דורכן חשובן עולם, ווען דער אַקטיאָר אָדער אַקטריסע געפֿעלט זיי נישט.

די קאָנצערטן זענען, חלילה, נישט געווען קיין פֿילהאַרמאָנישע מיט אָרקעסטערס. אַזאַ זונטיק־קאָנצערט איז באַשטאַנען פֿון לידלעך, געזאַנג־נומערן, רעציטאַציעס, טעאַטראַליזירטע וויצן און אויך קורצע סקעטשן. אויב ס׳איז דעם עולם עפּעס נישט געפֿעלן געוואָרן בײַ איינעם פֿון די וואָס זענען אויפֿגעטרעטן האָט מען אים מכבד געווען מיטן באַרימטן פֿויגל און אים נישט געלאָזט פֿאַרענדיקן. דער אַקטיאָר, צי אַקטריסע, האָט אַ פֿאַרשעמטער און באַליידיקטער גע־מוזט אַראָפּגיין פֿון דער בינע.

איך בין איבערצײַגט, אַז בײַם לייענער וועט זיך דערוועקן אַ רחמנות־געפֿיל צום אַקטיאָר וואָס האָט באַקומען דעם פֿויגל. און ער וועט זײַן גערעכט. נישטאָ קיין גרעסערער שפֿיכת־דמים, ס׳איז גאָרנישט מקנא צו זײַן דעם אומגליקלעכן אַקטיאָר, וואָס האָט נישט נושא־חן געווען בײַם עולם און וואָס געפֿינט זיך דעמאָלט אויף דער בינע פּנים אל־פּנים מיט זײַנע פֿאַרשעמערס און אויסלאַכערס, די פֿויגל־מאַכערס. נישט איין מאָל האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרײַסנדיקע סצענעס און היסטערישע געוויינען פֿון פֿאַרשעמטע אַקטיאָרן. דער אַקטיאָר וואָס האָט איין מאָל באַקומען דעם פֿויגל איז שוין אויף שטענדיק געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַ פֿויגל־קריגער.

איידער דער לייענער וועט זיך באַקענען מיט עטלעכע פֿויגל־סצענעס פֿון אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער, ווילן מיר אים פֿריִער ווײַזן אַ קאָלעקטיוון פֿויגל וואָס ס׳האָט באַקומען אַ גאַנצע טרופּע

בײַם שפּילן טעאַטער. יאָ אויך אַזאַ זאַך האָט געקאָנט געשען אין לאָנדאָנער ייִדישן טעאַטער־וועלט.

די טרופּע, וואָס אויך איך האָבן זיך באַטייליקט אין איר, האָט פאַרענדיקט אירע גאַסטשפּילן אינעם פּאַוויליאָן־טעאַטער און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן מיר אַלע באַדאַרפט פאָרן קיין פּאַריז און בעלגיע צו שפּילן אין די דאָרטיקע טעאַטערס וואָס זענען געווען אָנגעפירט דורכן זעלביקן דירעקטאָר נייטן בלומענטאַל וואָס אין לאָנדאָן.

נאָך אונדזער ענדיקן שפּילן איז דאָס טעאַטער, ווי געוויינטלעך, איבערגענומען געוואָרן דורך דזשאַי קעסלער, וואָס האָט שוין גע־בראַכט אַ באַרימטע פּרעסטיזשפולע טרופּע. ווען ס׳איז פאָרגעקו־מען די פּרעמיערע זענען מיר אַלע געגאַנגען זען די פאָרשטעלונג.

דער קאָמיקער פון דער טרופּע איז באמת געווען אַ טאַלאַנט־פולער אינטעליגענטער אַקטיאָר, אַ ליבלינג פון ייִדישן טעאַטער אין אייראָפּע. אין דער פּיעסע, וואָס די טרופּע האָט אויפגעפירט, קומט פאָר אַ סצענע, ווי אָט דער אַקטיאָר זאָגט צו זײַן פּאַרטנערן:

— זעץ זיך אַרויף אויף מײַן שויס, ווײַל כ׳האָב אַ ווייכן כאַראַקטער

די לעצטע צוויי ווערטער זענען שוין פריִער אַ סך מאָל באַניצט געוואָרן פונעם קאָמיקער, אַזוי ווי די ראָלע זײַנע האָט געפּאָ־דערט. נאָר בײַם לעצטן מאָל, ווען ס׳איז געקומען צו דער דערמאָנ־טער פראַזע, האָט זיך דער קאָמיקער דערלויבט צו מאַכן אַ קליינע אָטעם־פּויזע צווישן דעם וואָרט ווייכן און — כאַראַקטער. ס׳איז דע־מאָלט געווען אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג פאַר אַ רביצין, אַן אַלמנה. דאָס טעאַטער איז געווען פול געפּאַקט, און אַלע ווי איינער האָבן בײַ דער פראַזע דערלאַנגט אַ שוידערלעכן ברוטאַלן פויגל און נישט געלאָזט ווײַטער אָנגיין מיט דער פאָרשטעלונג און צום סוף האָבן אַלע אין זאַל דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזט דאָס טעאַטער.

קאַפּיטל נײַנצן

דער „אינטריגאַנטן־פויגל"

ס'איז געווען נאָך אַ סאָרט פויגל פון גאָר אַ באַזונדערן כאַראַקטער — דער אינטריגאַנטן־פויגל, וואָס קעגן אים קאָן שוין קיין שום אַקטיאָר נישט זײַן קיין חכם, ווײַל ס'ווענדט זיך נישט אין אים נאָר אינעם פּערסאָנאַזש וואָס דער אַקטיאָר פאַרקערפּערט מיט זיך אויף דער בינע.

אַ שוישפּילער, וואָס האָט געקענט שפּילן דעם אינטריגאַנט איז געווען אַ וויכטיקע פיגור אינעם אַנסאַמבל. ער האָט באַדאַרפט קענען אויף אַ קינסטלעריש־ראַפינירטן אופן אַרויסשטעלן דעם אינטריגאַנטן־טיפּ, דעם טיפּ פון אַן אונטערפירער און פיסל־אונטערשטעלער אַזוי, אַז מע זאָל אים גלייבן זײַנע געמיינע העצערישע שטיק און ס'זאָל אַרויסרופן ביים עולם אַ שנאה און אויפרעג קעגן אים, דעם שוואַרץ־כאַראַקטער, נאָר אים צו ווילן דורסן.

דער אַקטיאָר, וואָס האָט געקענט באַווײַזן אויסצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע פון שפּילן אַזאַ נישט דאַנקבאַרע ראָלע, איז געווען אויסגעשטעלט אויף כלערליי אומאַנגענעמלעכקייטן. איך אַליין בין נישט געווען אַנגאַזשירט ווי אַ ספּעציפישער אינטריגאַנטן־שוישפּילער. כ'בין נאָך דעמאָלט געווען יונג מיט מעלות צו קענען שפּילן אַנדערע ראָלן. די דעמאָלטיקע רעזשיסערן פון פּאַוויליאָן־טעאַטער האָבן אָבער אין מיר דערזען אַז כ'וועל זײַן צוגעפּאַסט צו קאָנען די תורה פון שפּילן אַן אינטריגאַנט, אַז ס'זאָל נעמען דעם עולם...

די מיינונג פון די דעמאָלטיקע רעזשיסערן וועגן מיר, ווי אַ קרעפּטיקער אינטריגאַנטן־שוישפּילער, איז אויך שפּעטער אָנערקענט געוואָרן דורך מאָרים שוואַרץ ווען כ'האָב געשפּילט די ראָ־

לע פון אַ נעגאַטיוון טיפּ, די ראָלע פון אַ נאַצי אין זײַן אויפפי־
רונג פון י. י. זינגערס „משפּחה קאַרנאָווסקי".

ווען כ'בין אויפגעטראָטן אין דאָזיקן נעגאַטיוון טיפּ פון אַ
דײַטשן אכזר אין „סאַלעיל"-טעאַטער, האָט מען מיר פון עולם אין
זאַל אַרויפגעשריגן אויף דער בינע די אמתע זידל-ווערטער, און
אַז צווישן עולם האָבן זיך געראַד געפינען יידן פון דער פּראָווינץ,
דעמאָלט איז גאָר געווען לעבעדיק, מ'האָט רעאַגירט און געטאַדלט
מײַן יעדן באַוועג און וואָרט. ס'האָט געטראָפן אַז עטלעכע פּראָ־
ווינצער יידן, זעענדיק מיך ווי אַ ברוטאַלן נאַצי, האָבן זיי זיך
אויפגעשטעלט אין דער לאָזשע און געפאָדערט אויפן הויכן קול,
מע זאָל מיך אָננעמען פאַרן קאַרק און אַרויסוואַרפן פון טעאַטער.
אַזוי איבערצײַגט זענען זיי געווען אַז דאָס איז נישט קיין יידי־
שער אַקטיאָר פאַרשטעלט פאַר אַ דײַטש, נאָר אַז זיי האָבן פאַר
זיך אַן אמתן נאַצי.

ווען כ'בין געווען אין דרום-אַפריקע, אין יאָהאַנעסבורג און
כ'האָב געשפּילט די זעלביקע ראָלע, איז אין טעאַטער ספּאָנטאַן
אויסגעבראָכן אַ פײַנטלעכע דעמאָנסטראַציע קעגן מיר. מ'האָט
מיך פּשוט נישט געלאָזט שפּילן. אויף אַזוי ווײַט אַז מ'האָט געמוזט
אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג און דערקלערן פון דער בינע אַראָפּ, אַז
דער פאַרקערפּערער פונעם נאַצי, איז אַ ייד, און נישט קיין דײַטש,
אַ ייד, וואָס האָט פּונקט ווי אַלע יידן פײַנט די נאַציס בתכלית
השנאה, ער האָט אָבער דעם כּוח צו שפּילן די שווערע אָנפאַר־
טרויטע ראָלע אַזוי טאַקע אַז אַלע זאָלן גלייבן... אַז זיי האָבן פאַר
זיך אַן אמתן נאַצי, וואָס מע דאַרף אים האַסן און מיט דעם טאַקע
האָט דער אַקטיאָר דערגרייכט זײַן ציל. דער האַס דאַרף ווערן
אײַנגעבאַקן בײַ יעדער ייד אין האַרצן. מע דאַרף אים אָבער נישט
מאַניפעסטירן דאָ אויפן זאַל און נישט שטערן דערמיט דעם גאַנג
פון דער פאָרשטעלונג.

דער עולם האָט זיך נאָך די אויפקלער-רייד אַ ביסל באַרויִקט.
אָבער בײַט ווײַטערדיקן אָנגיין מיט דער ראָלע מײַנער האָבן זיי
מיך אַלץ מכבד געווען מיט אַזעלכע שטעכווערטער, עפּיטעטן און
קללות אַז ווען ס'געשעט מיר, חלילה, בלויז איין פּראָצענט וואָלט



מאָריס שוואַרצס אויפפירונג פון י. י. זינגערס „משפחה קאַרנאָווסקי" אין
טעאַטער „סאָלעיל"; פון רעכטס צו לינקס: מאַקס קלאָס, מאָריס שוואַרץ
און אסתר ראַפּעל.

איך שוין לאַנג געווען געשטאַנען פאַרן משפט פון בית־דין של מעלה.

***

אַ צווייטער פּיינלעכער פאַל האָט מיט מיר געטראָפן אין בעלגיע. מיר האָבן געשפּילט, צוזאַמען מיט דער וווּנדערבאַרער אַקטריסע צילי אַדלער, אין דער נידערלענדישער שאַובורג, אין גרעסטן טעאַטער אין אַנטווערפּן, אונטער דער דירעקציע פון באַקאַנטן אַקטיאָר און טעאַטראַל רובין פרידמאַן. כ'האָב געשפּילט די ראָלע פון אַ דאָקטער, וואָס איז שטערבלעך פאַרליבט אין דער שיינער צילי. זי איז אָבער די פרוי פון אַן אַנדערן מאַן. דער פאַרליבטער דאָקטער, וואָס ווייסט אַז דאָס קינד וואָס זי האָט געבוירן, איז נישט פון איר מאַן וואָס פאַרגעטערט זי, האָט געפאָדערט פון איר אַז זי זאָל ווערן זיינע. אין קעגן פאַל וועט זיך איר מאַן דערוויסן דעם אמת אַז זי האָט אים מיאוס פאַרראַטן. אָט די אומדאַנקבאַרע ראָלע פון אַן אינטריגאַנט האָב איך אַרויסגעבראַכט בולט, רעאַליסטיש וואָרהאַפטיק. צום באַדויערן קען איך זיך נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון דער פּיעסע, דערפאַר אָבער געדענק איך גוט די קלעפּ וואָס כ'האָב געכאַפּט פון אַ כאָפּטע יונגוואַרג וואָס האָט מיך אָפּגעוואַרט ביים אַרויסגיין פון טעאַטער. די יונגעלייט האָבן מיך צעשלאָגן פאַר מיין אינטריגאַנטישער מיזעראַבלער האַנדלונג, ווי ס'האָט עס געפאָדערט דער טעקסט פון דער פּיעסע, קעגן דער פּרעכטיק־שיינער צילי אַדלער וואָס איז געווען אַן אמתער ליבלינג ביים עולם.

מיטן איבערפאַל אויף מיר האָבן זיי טאַקע גענומען נקמה פאַר מיינע אינטריגאַנטישע שטיק גלייך ווי איך וואָלט עס טאַקע געווען דער ווירקלעכער דאָקטער און נישט קיין אויספירער פון אַן אינטריגאַנטן־ראָלע, וואָס איז מיר געוואָרן אָנפאַרטרויט מיט דער זיכערקייט אַז כ'וועל אַרויסברענגען דעם טיפּ אַזוי אַז קיינער וועט אויף קיין רגע נישט צווייפלען אין דער עכטקייט פונעם פּערסאָנאַזש.

פון דער אַנדערער זייט גענומען, איז אָט דער נקמה־אַקט, נישט

ווילנדיק, דער בעסטער באַווײַז פון אָנערקענונג און סאַטיספאַקציע פאַר אַן אַקטיאָר. ווען...די קלעפּ וואָלטן נאָר נישט געווען אַזוי ווייטיקדיק וואָלט עס געווען אַ כשר-פאַרדינטער אַטעסטאַט וואָס קיין בעסערן וואָלט זיך אַן אַקטיאָר נישט באַדאַרפט ווינטשן.

כאָטש דער אינצידענט האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער עפנטלעכקייט — אין דער אָרטיקער ייִדישער צײַטונג איז אַרויס אַן אַרטיקל, וואָס האָט געטאַדלט די איבערפאַלערס — האָב איך פון דעסטוועגן אַלץ מורא געהאַט אַליין אַרויסצוגיין פון טעאַטער בײַ נאַכט נאָך דער פאָרשטעלונג.

* * *

דעם גרעסטן אָפּשניט אין מײַן לעבן האָבן איך געקריגן פונעם עולם אין בוענאָס-אײַרעסער מיטרע-טעאַטער אין יאָר 1941, ווען כ'האָב אויפגעפירט די פּיעסע פון מאָרים קאַץ: „דעם נאַציס ייִדישע טאָכטער". בעתן שפּילן די ראָלע פונעם נאַצי-עלטסטן, אַדאָלף האַרטמאַן, בין איך יעדער מאָל געווען אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע צווישנרופן, אַז אָפט בין איך געבליבן שטיין אויף דער בינע, ווי געליימט, און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. ס'האָט מיך באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס. וואָס קומט דאָ פאָר? כ'האָב נישט געגלייבט מײַנע אייגענע אויערן. וועמען זידלט מען עס מיט די ערגסטע ווערטער, מיך? מײַן גאַנצע פאַמיליע האָבן די נאַצישע בלוטהינט אומגעבראַכט אויף אַ ברוטאַלן אופן און איצט באַוואָרפט מען מיך מיט די זעלביקע עפּיטעטן מיט וואָס מען רופט די נאַצישע רוצחים? דאָס בלוט קאָן פאַרגליווערט ווערן אין די אָדערן בײַם הערן אַזעלכע „קאָמפּלימענטן".

ווען אַן אַקטיאָר בלײַבט אַ רגע שטיין אויף דער בינע אָן לשון, ווײַזט זיך עס אים אויס ווי ס'וואָלט געדויערט אַן אייביקייט. איך בין מינוטן לאַנג געשטאַנען פאַרן אויפגעהויבענעם פאָרהאַנג און נישט געקענט אַרויסקריגן פון זיך קיין וואָרט; כ'בין נישט געווען מסוגל צו מאַכן דעם מינדסטן באַוועג, אַזוי צעחושט און פאַרטויבט בין איך געוואָרן פון די זילזולים פון די אויפגערעגטע און

אויפגעשטורעמטע צושויערס אין זאַל, וואָס האָבן מיך אין גאַנצן ווי פּאַראַליזירט.

מײַנע חברים אַקטיאָרן הינטער די קוליסן, וואָס האָבן צוגע־זען די סצענע, האָבן זיך געוווּנדערט און נישט געקענט באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר. זיי האָבן געוווּסט אַז כ׳האָב אַ פענאָמענאַלן זכרון, אַז כ׳קאָן אויסקומען אָן אַ סופלאָר, מיר דאַרף מען נישט אונטערזאָגן, כ׳קען יעדער ראָלע מײַנע פון אויסנווייניק און דאָ זענען מיר פּלוצעם די רעפּליקן אַרויס פון קאָפּ, און כ׳שטיי אויף דער בינע ווי אַ נאַר אויפן מאַרק.

איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס ווי איינער אין אַ נאַצישן מונדיר, האָב איך באַדאַרפט אויספירן סצענעס פון אוממענטשלע־כער ברוטאַלקייט לגבי זײַנע קרבנות. שווידערלעכע מאָמענטן האָב איך איבערגעלעבט, ווען כ׳האָב באַדאַרפט אַרײַנקריכן אין דער פעל פון אַזאַ נאַצישער חיה וואָס האָט פאַרלוירן דעם צורת־מענטש, דעם צלם־אלוקים.

כ׳האָב זיי גוט געקענט די טיפּן, די בעסטיאַלישע נאַצים, בעת כ׳בין געווען אין דײַטשלאַנד. און איינעם אַזאַ טיפּ האָב איך אַרויסגעבראַכט אויף דער בינע מיט זײַן גאַנצער עקלהאַפטער טעמ־פּער אַכזריות, אַז דער עולם האָט אויף אַן אמתן אָנגעהויבן צוויי־פלען, צי דאָס שפּילט אַ ייִדישער אַקטיאָר? צי הינטערן נאַצישן מונדיר קלאַפּט אַ ייִדיש האַרץ פון אַ ייִדישן אַקטיאָר וואָס הייסט קלאַס, צי פון אַ מערדערישן נאַצישן אויבערשטורעם־פירער אַדאָלף האַרטמאַן, אַ שונא־ישראל וואָס מע דאַרף אים עוקר מן השורש זײַן, און די אַלע קללות און זידלערײַען זענען נאָך מער ווי באַ־רעכטיקט.

***

אָט אַזוי איז געווען יעדער מאָל ווען ס׳איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן אַ נעגאַטיוון טיפּ. כ׳האָב זיך נישט גערעכנט מיט דעם, ווי אַזוי דער עולם וועט רעאַגירן און מיך אַפילו פײַנט קריגן. כ׳האָב פאַרגעשטעלט דעם פּערסאָנאַזש, דעם שוואַרץ־כאַראַקטער אַזוי אַז ער זאָל טאַקע ווירקן אָפּשטויסנדיק, ווײַל אין אָט דעם מיסדער־

אַהרן צייטלינס „אסתרקע", אויפגעפירט פון מאָריס שוואַרץ אין טעאַטער „אַרכעטעטינאָ"; גאָלדע פלאַמי אין דער ראָל פון דער קיניגין אַדעליידע און מאַקס קלאָס וואָס פירט אויס די ראָל פונעם גראַף מאַטשקאָ.

פאַלג ליגט דער אַקטיאָרישער דערפאַלג. איך זוך אַלע מאָל, לויט מײַנע שוישפּילערישע פעיִקייטן, אַרויסצוברענגען דעם מאַקסימום וואָס די ראָלע פאָדערט אומאָפּהענגיק צי כ'האָב פאַר זיך אַ פּאָזי־טיוון, צי אַ נעגאַטיוון טיפּ.

***

אין לאָנדאָנער „פּאַוויליאָן"־טעאַטער האָב איך געהאַט גע־שפּילט מיט די שטראַמערס, וואָס זענען געווען די סטאַרן. ס'איז אויפגעפירט געוואָרן די פּיעסע „פּאַלעסטינער ליבע" פון אַ. ליליען.

איך האָב געשפּילט די ראָלע פונעם פּאַפּ פּאַשוטן, אַן ענלע־כער טיפּ ווי ראַספּוטין, ווי געוויינטלעך האָבן זיך בײַ מײַן אויפ־טריט געהערט די אמתע זידל־עפּיטעטן אויף מײַן חשבון פונעם געערטן פּובליקום. בײַ דער פּויזע פון צווייטן אַקט איז אַרײַן הינטער די קוליסן איינער פון די צושויערס און זאָגט מיר מיט גרויס התלהבות:

— פרײַנד קלאָס, איר זענט פּרעכטיק אין דער ראָלע, איר ברענגט אַרויס דעם מיזעראַבלען טיפּ פונעם פּאַפּ מיט אַלע ניואַנסן. הערט נישט דעם עולם וואָס זידלט אײַך, זיי פאַרשטייען נישט ווי אויסגעצייכנט איר זענט אין דער ראָלע.

לויטן רעדן זײַנעם האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט פון ענגלאַנד, איז מיר שוין געווען טשיקאַווע, ווער איז עס דער מענטש וואָס שטעלט זיך אַזוי אײַן פאַר מיר און איך פרעג אים:

— קען מען אפשר וויסן מיט וועמען איך האָב דעם כבוד?

— איך בין נחמן מײַזיל... רעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע.

כ'בין געווען צופרידן וואָס אַזאַ אַלוײַטיק באַגאַבטער אינטע־לעקטואַל, ווי נחמן מײַזיל, וואָס כ'האָב אים פריער פּערזענלעך נישט געקענט, האָט געהאַט וועגן מיר אַזאַ געהויבענע מיינונג. כ'האָב אים דערקלערט אַז דאָס שאַרפע רעאַגירן פון עולם מיט די זידלערײַען זייערע אויף מײַן חשבון, איז מײַן גרעסטער סוקצעס. דאָס איז דער בעסטער סימן אַז די ראָלע איז גוט אינטערפּרעטירט געוואָרן דורך מיר.

געזעגענונג פון דער אַקטיאָרישער משפּחה פאַר נחמן מייזיל, רעדאַקטאָר פון די „ליטעראַרישע בלעטער" בעת זײַן באַזוך אין די 30ער יאָר אין לאָנדאָן: דריטע ריי פון רעכטס אויף לינקס שטייען: שמחה פאָסטל, יאָשקע פײַנבערג, ישראל פעלדבוים, סאַשע ראָזענטאַל, סאַלאָמאָן שטראַמער, מאָטל הילסבערג, הענרי פײַנבערג, מאַקס קלאָס, ב. קאַמבאַראָוו: צווייטע ריי פון רעכטס צו לינקס זיצן: עלזאַ ראַבינאָוויטש, חנה גראָסבערג, קלאַראַ שטראַמער, דער שרײַבער־גאַסט נחמן מייזיל, דער טעאַטער־דירעקטאָר נייטן בלומענטאַל און זײַן פרוי, די אַקטריסע פעני וואַקסמאַן; ערשטע ריי זיצן פון רעכטס צו לינקס: אַנאַ פעלדבוים, נאַדיע קאַרעני, מוסיאַ קאַראַלאָוואַ, קאַטיאַ פלאַווינאַ, פײַוול וואַרשאַווסקי, חנה וועליש און דער סופליאָר אײַזיקל

אַ פאַרחידושטער האָט זיך נחמן מײַזיל צוגעהערט צו מײַנע רייד, אַז נישט שטענדיק איז דער סימן פון אַ גוט שפּילן די אַפּלויזן פון עולם, און אַז זידלרייד קאָנען אויך זײַן אַ סוקצעס פאַר אַן אַקטיאָר ווען ער דאַרף פאַרשטעלן אַן אויסגעלאַסענעם און אויס־געגליטשטן טיפּ. כ׳האָב אים נאָך געזאָגט אַז ער וועט ערשט זען וואָס ס׳וועט זיך אָפּטון בײַם סוף פון דריטן אַקט ווען כ׳באַקום מײַן מפּלה, און אים צוגעזאָגט אַז בײַם עפּילאָג פון דער פּיעסע וועל איך זיך באַווײַזן אויף דער בינע. כ׳וועל עס טון, צוליב אים, כדי ער זאָל זען אַזוינס וואָס אין קיין שום יידישן טעאַטער קאָן מען עס נישט זען. ער האָט מיך געבעטן כ׳זאָל עס אומבאַ־דינגט טון. ער וויל עס זען.

אין דריטן אַקט קומט פאָר, ווי איך ווער דערשטאָכן צום טויט, ווי אַ נקמה פאַר די אַלע צרות וואָס כ׳האָב אין פאַרלויף פון די דרײַ אַקטן פאַרשאַפן די אַנטיילנעמערס פון דער פּיעסע. די העלדין, די פאַלעסטינערין, וואָס באַצאָלט מיר פאַר די אַלע מעשים מיט אומברענגען מיך, איז געשפּילט געוואָרן דורך דער פּרעכטיקער אַקטריסע קלאַראַ שטראַמער. איך בין נישט אומשטאַנד אַרויסצוברענגען די צעווילדעוועטע פרייד פונעם אויפגעשטורעמטן עולם ווען ער זעט ווי דער מנובל באַקומט זײַן פאַרדינטע שטראָף און בפרט נאָך צוגעטיילט פון אַ פאַלעסטינער מיידל.

בײַם עפּילאָג באַווײַזן זיך אַלע אַקטיאָרן אויף דער בינע און באַקומען רוישיקע אַפּלאַדיסמענטן. אײנער אַליין בין איך נאָך אַלע אַקטיאָרן אַרויס אויף דער בינע. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער באַגראַב מײַנער. אַלץ וואָס דאָס געערטע פּובליקום האָט נאָר געהאַט אונטער די הענט האָט מען געוואָרפן אויף דער בינע, אָבער נישט צו טרעפן דעם אַקטיאָר, ווי איך האָב עס געהאַט געטון מיטן עפּל אין פולטוסק. זיי שרײַען און פאַרשרײַען מיך, טומלען און ליאַרעמען, טופען מיט די פיס און קלאַפּן מיט די ברעטלעך־געזעסן פון די זיצפּלעצער. ביז איך האָב אַרונטערגענומען פון מײַן קאָפּ דעם פאַרוק פונעם גלח. דעמאָלט האָבן זיי דערזען פאַר זיך אַ יידישן אַקטיאָר און זייער צעיושעטע אויפגעברויזטקייט איז כהרף־עין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַגײַסטערונג, אַ שטורעם

פֿון אַפּלויזן פֿאַרן אַקטיאָר וואָס האָט אַזוי טרעפֿלעך געשפּילט דעם אינטריגאַנטן-טיפּ און ערשט איצט האָב איך באַקומען מײַן פֿאַרדינטן אַקטיאָרישן לוין.

אָט דאָס אַלץ האָט צוגעזען נחמן מײַזיל און ער האָט שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אינטערעסאַנט אַרטיקל וואָס האָט געהייסן: „דער אײגנאַרטיקער טעאַטער-עולם פֿון ייִדישן טעאַטער אין לאָנדאָן”. דאָס אָפּגעדרוקטע אַרטיקל געפֿינט זיך אין ניו-יאָרקער ייִוואָ.

קאַפּיטל צוואַנציק

אַ קאָנפעראַנסיע אויפן אָרט פונעם "שטומען טאָוול"

אויף די לאָנדאָנער זונטיק־קאָנצערטן האָט זיך געפירט, אַז יעדער מאָל, ווען אַן אַקטיאָר, צי אַקטריסע האָט באַדאַרפט אויפטרעטן האָט אַ האַנט אַרויסגעשטעלט צווישן די צוויי העלפטן פונעם פאָרהאַנג אַ טאָוול מיטן אָנגעשריבענעם נאָמען פון דעם וואָס דאַרף איצט אַרויסטרעטן, מע זאָל וויסן ווער דער שוישפּילער איז. דער טאָוול איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַן עמוד, אַ פּולפּיט, אויף וואָס מוזיקער האָבן ליגן זייערע נאָטן ביים שפּילן. אַ סך מענטשן האָבן נישט געקענט צעקיין די נעמען, איבערהויפּט דאָס יונגוואַרג, וואָס איז געווען פאַרטראָגן אין גאָר אַ גרויסער צאָל אויף די זונטיקדיקע קאָנצערטן. און זיי, אָט די יונגטלעכע, זענען עס געווען די הויפּט־מחותנים ביים דערלאַנגען דעם פויגל דעם שלימזלדיקן אַקטיאָר, וואָס האָט נישט נושא־חן געווען ביים עולם.

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך די חברה געגרייט צום אַמוזירנדיקן ספּעקטאַקל זייערן. די נעמען פון די אַקטיאָרן, וואָס זענען געווען אויסגערעכנט אויפן טאָוול, האָבן זיי רעכט נישט געקענט איבערלייענען. דער נאָמען פונעם אויפטרעטנדיקן אַקטיאָר איז געווען געשריבן נאָר אויף יידיש. אַזוי צום ביישפּיל, איז מיין נאָמען געלייענט געוואָרן אַנשטאָט קלאָס — קליס, קלאַס, קלאוס. היינט אַז איינער האָט נאָך געהאַט אַ שווערן נאָמען האָט מען אים בכלל נישט געקאָנט נאָכזאָגן. אָט דער טאָוול האָט עס אין לאָנדאָן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ קאָנפעראַנסיער.

אין דייטשלאַנד האָב איך געשפּילט מיט גרעסערע און קלענערע אַנסאַמבלען אין די קליינקונסט־טעאַטערס. אָבער אומעטום האָט געמוזט זיין אַ קאָנפעראַנסיער. אַפילו אין קליענטען לאָקאַל

מאַקס קלאָס אין צוויי ראָלן: רעכטס, ווי דער קאָנפעראַנסיער אין די באַרימטע
לאָנדאָנער זונטיקדיקע קאָנצערטן, און לינקס, פרינץ פון מיעלס

מיט בלויז עטלעכע נומערן איז ס'ערשטע געווען דער קאָנפעראַנסיער.

אין די אָנהייב דרײַסיקער יאָרן איז געווען באַקאַנט אין וואַרשע ווי אַן אויסגעצייכנטער קאָנפעראַנסיער וולאַדיסלאַוו גאַדיק, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן אינעם קליינקונסט־טעאַטער „אַזאַזעל" אָנגעפירט פון דוד הערמאַן, מיט דער באַרימטער אַלאַ לילית בראָש. דער טשוואַק פון יעדער פּראָגראַם איז נישט געווען דער אָדער יענער נומער נאָר די קאָנפעראַנסיערקע פון וול. גאַדיק וואָס איז געווען אַ שטיק קוועקזילבער אויף דער בינע און פאַר דער בינע און דאָס גאַנצע טעאַטערל האָט זיך געהאַלטן אויף זײַנע פּלייצעס.

בײַ אַ געלעגנהייט האָב איך זיך באַקאַנט מיט איינעם פון די גרעסטע קאָנפעראַנסיערן אויף דער וועלט. ער איז געווען אַן אונגאַרישער ייִד, פאַרקאַש. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געשפּילט אין אונגאַרן, דײַטשלאַנד און עסטרײַך. אין ווין געפינט זיך אַ וועלטבאַרימט קליינקונסט־טעאַטער פאַרשטעקט אין אַ קעלער. ס'טעאַטערל רופט זיך „סימפּל־טעאַטער". בעת אויף דער בינע גייט אָן די פאַרשטעלונג זיצט דער עולם אין זאַל בײַ אַ סעודה, מען עסט און מע טרינקט, מע לאָזט זיך וווילגיין. דער עסטרײַכישער קייסער פראַנץ יאָזעף, זאָגט מען, איז געווען דאָרט אַן אָפטער גאַסט אינעם סימפּל־טעאַטער. אויף דער קליינער בינע טעאַטראַליש אויסגעשטאַט, וואָס ס'שאַפט די געהעריקע שטימונג, האָט געקיניגט דער קאָנפעראַנסיער פאַרקאַש מיט זײַן אָנסאַמבל. כמעט דער גאַנצער פּראָגראַם איז געווען געשריבן פון פאַרקאַשן אַליין. אין דער צײַט פון דער מלחמה איז ער ערגעץ ווי געווען אויסבאַהאַלטן. ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויסצוקריגן פון דער נאַצישער קלעם און ער האָט שפּעטער אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט.

נאָך דער מפּלה פונעם נאַציזם האָט אים די דעמאָקראַטישע עסטרײַכישע רעגירונג גערופן און אים געבעטן ווידער איבערנעמען דעם באַרימטן סימפּל־טעאַטער. אין 1968 איז ער אויסגעצייכנט געוואָרן דורך דער עסטרײַכישער רעגירונג וואָס האָט אים צוגעטיילט דעם טיטל פּראָפעסאָר.

ער איז שוין איצט, פֿאַרקאַש, אַ 85ער. דאָך איז ער נאָך אַלץ אַזוי פֿריש אין גייַסט און אַלץ וואָס ווערט דאָרט געשפּילט געהערט נאָך אויך איצט זייַן פֿעדער, וואָס איז פֿול מיט עספּרי און עלאַ-קוועגץ. ס'איז זעלטן צו טרעפֿן בייַ אַ מענטש אין דעם עלטער אַזאַ עלעגאַנץ אין זייַן האַלטונג און באַנעם, אַזאַ פֿלינקייט פֿון שנעלדיכטערייַ און אַזאַ שאַרפֿזיניקייט בייַם באַרירן אַקטועלע און פּאָליטישע טעמעס אויף אַ סאַטירישן אַפֿלאַכערישן אופֿן, וואָס טרעפֿט אין סאַמע פּינטל אַרייַן, און דאָך זאָל דער אָנגעגריפֿענער זיך קיין מאָל נישט פֿילן באַליידיקט פֿון דער סאַטירישער פֿייַל. אויך זייַנע מאָמענטאַלע וויצן און ווערטלעך אויף יעדער זאַך וואָס געשעט סיי אין טאָג-טעגלעכן לעבן, סיי אינעם טעאַטער-זאַל זענען צילגעזוועזדט און טרעפֿלעך.

ער באַטייליקט זיך אומעטום ווו מע פֿאַרבעט אים, אויף יעדער ייִדיש-נאַציאָנאַלער אונטערנעמונג, אָן שום באַצאָלט. און טוט אַ סך פֿאַר מדינת-ישראל.

* * *

זעענדיק די צעפֿאָרנקייט און אומאָרדענונג אויף די זונטיק-קאָנצערטן אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער און דערמאָנענדיק זיך אין פֿאַרקאַשן, וואָס פֿירט אַ פֿאָרשטעלונג ווי אַ צוג אויף רעלסן, האָב איך פֿאָרגעשלאָגן נייַטן בלומענטאַל אַז ער זאָל מיר געבן דעם „דזשאַב" פֿון אַ קאָנפֿעראַנסיער. כ'האָב עס געטון צוליב צוויי מאָטיוון. ערשטנס, וועל איך פּטור ווערן צו זוכן ספּעציעלע נומערן פֿאַר די זונטיק-קאָנצערטן, ווו מע קאָן אַמאָל זייַן אויסגעשטעלט צו כאַפּן דעם „פֿויגל" און צווייטנס, וועט זיך דער עולם דערוויסן דורך מיר ווער ס'וועט אויפֿטרעטן און נישט דאַרפֿן פֿרעגן אויפֿן הויכן קול איינער בייַם צווייטן ווער ס'איז דאָרט אָנגעגעבן אויפֿן טאָוול און שטערן מיט די מורמלערייַען די אַקטיאָרן אויף דער בינע.

דעם דירעקטאָר איז דער פּלאַן געפֿעלן געוואָרן און איך האָב איבערגענומען דעם נייַעם פּאָסטן פֿון קאָנפֿעראַנסיער, אָנצופֿירן מיט די זונטיק-קאָנצערטן און צוגרייטן געהעריק די פּראָגראַמען.

באזונדער האָב איך מיט אַ סך פליים צוגעגרייט מײַן אייגענע קאָנפעראַנסיערקע. כ׳האָב צוזאַמענגעקליבן אַ סך אַלטע און נײַע וויצן, טייל איבערגעניצעוועט און צוגעפּאַסט צום לאָנדאָנער אַמ־ביענט און אָן אָנגעגורטער מיטן גאַנצן וואָפן־אַרסענאַל פון שלאָגפאַרטיקע וויצן און ווערטלעך בין איך אַרויף אויף דער בינע ווי אַ זעלנער וואָס איז גרייט אויפצונעמען אַ שלאַכט.

דער עולם האָט אַ ביסל געשטוינט פון דער נײַס און זיך גע־וווּנדערט: ווו איז דער באַרימטער אַנזאָגערישער טאָוול? מע ווייסט דאָך שוין אין גאַנצן נישט ווער ס׳טרעט אויף, ווער ס׳באַטייליקט זיך אינעם קאָנצערט.

כ׳האָב זיי געבעטן זײַן אַ ביסל געדולדיק און זיך פאַרהאַלטן רויִק, ווײַל איך זיי דערקלערן מײַן אויפגאַבע, און טאַקע באַלד באַ־שמאָלצן מיט אַ וויצעלע וואָס איז זיי געפעלן און האָבן עס גוט אויפגענומען.

דערזעענדיק זייער צופרידנקייט האָב איך אויסגענוצט די גע־לעגנהייט און זיי דערקלערט אָט וואָס:

— איר זאָלט וויסן, ליבער עולם, אַז מיר, ווי דעם קאָנפעראַנ־סיער, קענט איר שוין קיין פויגל נישט געבן, ווײַל איך וועל אײַך הערן ווי דעם קאָטער. וואָס כ׳וועל געפינען פאַר נייטיק, ליבער עולם, דאָס וועל איך אײַך זאָגן און איר וועט עס אַלץ מוזן אַראָפּ־שלינגען.

ווידער אַ מאָל איז עס זיי געפעלן געוואָרן און מײַן אייגנט־לעכע ראָלע האָט זיך אָנגעהויבן. כ׳האָב יעדערן, וואָס האָט באַ־דאַרפט אויפטרעטן, אַנאָנסירט און גרויס געמאַכט זײַן נאָמען וויפל איך האָב נאָר געקענט און שטענדיק מיט אַ וויץ און אַלץ איז געגאַנגען ווי געשמירט. נאָכן קאָנצערט האָט דער עולם אין דרויסן קאָמענטירט דעם גאָלדענעם אײַנפאַל פון אַ פירזאָגער, אַ קאָנ־פעראַנסיער וואָס איז בײַ זיי געווען אַ נײַעס, אַ גרויסע געשעע־ניש, און אַזוי האָט זיך דער קאָנפעראַנסיער אָנגענומען בײַם עולם און פון דעמאָלט אָן איז פאַרשוווּנדן דער היסטאָרישער שטומער טאָוול.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

דער פויגל איז דאָ!

דער ערשטער זונטיק איז אַריבער בשלום. ס׳קען זײַן צוליב דעם וואָס דער עולם איז געווען פאַרנומען און איבערגענומען מיט דער אײַנגעפירטער נײַעם פונעם פאַרבינדלער פון איין נומער מיטן צווייטן, מיטן לעבעדיקן קאָנפעראַנסיער אויפן אָרט פונעם שטומען טאָוול. דער אַנדערער זונטיק איז שוין נישט אַזוי אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. אין גאַנצן אומגעריכט פאַר די אַקטיאָרן האָט זיך געיאַוועט דער פויגל. און דער פויגל־כאַפּער איז דאָס מאָל געווען נישט קיין אַנדערער ווי אונדזער ענריקע טשײַקאָ, וואָס האָט זיך נאָך דערמאָלט גערופן טשײַקאָווסקי.

ער איז געווען איינער פון די באַליבטסטע אַקטיאָרן אין לאָנדאָנער יידישן טעאַטער, דער עולם האָט אים געשעצט ווי אַ טאַלענטירטן קרעפטיקן אַקטיאָר. און אויך בײַ די זונטיק־קאָנצערטן איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַ ליבלינג פונעם עולם.

נאָר ער האָט געהאַט איין גרויסן קאַרדינאַלן חסרון. ס׳האָט אים געפעלט געדולד זיך אויסצולערנען נײַע נומערן פאַר די קאָנצערטן. ער האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען. יעדער סעזאָן, ווען ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן קיין לאָנדאָן האָט ער שטענדיק אויף די זונטיק־קאָנצערטן פאַרגעבראַכט די זעלביקע נומערן. איינער פון זײַנע הויפּטשלאַגערס איז געווען אַברהם רייזינס „מאַי קאַ־משמע לן דער רעגן״. אומעטום, ווו און ווען ער איז אַרויסגעטראָטן סאָלאָ, האָט ער געריטן אויף אָט דעם פערדל, און אויך דאָס מאָל האָט ער פאַרגעבראַכט רייזינס ליד.

דער ערשטער פּערז איז נאָך אַדורך ווי ס׳איז. נאָר ווען ער איז איבערגעגאַנגען צום צווייטן פּערז האָט בײַם עולם געפּלאַצט דאָס

געדולד. און די קאַטאַסטראָפּע איז שוין געווען נישט צום אויס־מייַדן. ווי אַ שטורעם וואָלט זיך געווען דורכגעטראָגן האָט איין זאַל אויסגעבראָכן דער ווילדער פויגל מצד דעם פּובליקום.

טשײַקאָ איז געבליבן שטיין אויף דער בינע אַליין ווי אַ פאַר־שטיינערטער פויגל. נאָך אַ לענגערער ווײַלע, ווען ער איז געקומען צו זיך פון דער פּריטשמעליעטקייט, האָט ער ווי אַ ווילדער, אַראָפּ־געריסן פון זיך אַ קלאַפּע פון זײַן סמאָקינג, וואָס ער האָט גע־טראָגן אויף זיך, אַרײַנגענומען אַ פינגער אין מויל און האָט אים מיט זײַנע פעסטע ציין געגעבן אַזאַ שטאַרקן בים אַז ס׳בלוט האָט אים גענומען רינען פון פינגער. ער האָט זיך האַסטיק דערנענ־טערט צו דער העל־באַלויכטענער ראַמפּע און ווײַזנדיק דעם פאַר־בלוטיקטן פינגער, האָט ער אויסגעשריגן צום עולם:

— נאַט אײַך, טרינקט מײַן בלוט!

דער עולם האָט זיך נישט איבערגענומען פון דער האַרצרײַסנ־דיקער סצענע, נישט געלייגט דערויף קיין אַכט, נאָר עס באַטראַכט פּשוט ווי אַ משוגעת פון טשײַקאָן.

כ׳בין צו אים צו און האָב אים אַראָפּגעפירט פון דער סצענע אַ צעבראָכענעם. ווען כ׳בין צוריק אַרויף אויף דער בינע האָב איך די פויגל־מאַכערס געגעבן די אמתע פּאַרציע מוסר. כ׳האָב אָבער געהערט באַרעכטיקטע טענות פון פּובליקום אויף טשײַקאָס חשבון.

—— וואָס ווילט איר? מיר זענען שוין מיד צו הערן יעדער מאָל דאָס זעלבע לידל.

עטלעכע זונטיקס נאָכן דורכפאַל האָט זיך טשײַקאָווסקי נישט געוויזן אויף דער בינע. ווען ער איז שפּעטער אויפגעטראָטן שוין מיט נײַע לידער, איז ער באַשאָנקען געוואָרן מיט רוישיקע אַפּלויזן.

* * *

ווי געזאָגט, איז נישט יעדער זונטיק אַדורכגעגאַנגען בשלום. דער פּאַריזער אַקטיאָר, טרומאַן, אַן אינטעליגענטער און טאַלענ־טירטער שוישפּילער, וואָס האָט געוווינט אין פּאַריז, איז אַנגאַ־זשירט געוואָרן קיין לאָנדאָן. אויף זײַן ערשטן זונטיקדיקן אַרויס־טריט האָט ער פאַרגעבראַכט שלום־עליכמס אַ מאָנאָלאָג. ער האָט

באמת גוט אינטערפּרעטירט דעם שלום-עליכם-טיפּ, אים אַרומ־געבראַכט מיט אַלע טעמים און חנדלעך. אָבער שלום-עליכמס באַ־רעדעוודיקייט, וואָס איז אַ מחיה צו לייענען, איז אָבער נישט שטענ־דיק צוגעפּאַסט פאַר דער געדולדיקייט פונעם עולם.

ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אַז אין סאַמע מיטן ריידיקן שטראָם, זאָל דער עולם אַרויסשפּרינגען מיטן פויגל. דער טרומאַן איז נעבעך געבליבן שטיין אויף דער בינע, ווי אַ הילפלאָז שעפּעלע, נישט האָבנדיק ווו די אויגן אַהינצוטון. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער זוכט מיך מיט די אויגן, ווי אַ טרינקענדיקער וואָס פּילט אַז אָט-אָט גייט ער אַראָפּ צום גרונט.

איך האָב שוין געוואָלט אַרויפגיין אויף דער בינע, אים אויס־לייזן פון דער אומאָנגענעמער לאַגע, ער האָט עס באַמערקט און מיר געוויזן מיט אַ ווונק אַז ער דאַרף נישט מײַן הילף, ער וועט זיך אַליין אַן עצה געבן... ער איז שוין געהאַט געקומען צו זיך און אַ באַהערשטער זיך אָנגערופן צום עולם:

— חשובער עולם, איך וויל נאָר, איר זאָלט וויסן אַז דעם דאָ־זיקן עקלהאַפטיקן פויגל האָט איר נישט געגעבן מיר, דעם אַקטיאָר נאָר דעם וואָס האָט עס געשריבן, דעם מחבר, און דער מחבר פונעם מאָנאָלאָג איז — אונדזער גרויסער געניאַלער הומאָריסט, שלום-עליכם! שעמט אײַך אין אײַער ווײַטן האַלדז אַרײַן! — און ער איז אַראָפּ פון דער בינע.

צו מאָרגנס, נישט געזעגענענדיק זיך מיט קיינעם איז ער אוועק אויפן וואָקזאַל, האָט גענומען אַ בילעט און האָט פאַרלאָזט לאָנדאָן אָן אַ זײַ געזונט.

ווען טרומאַן איז געקומען צוריק קיין פאַריז, האָט ער אָנגע־שריבן אַ שאַרף אַרטיקל קעגן דעם ווילדן, אַנטיקולטורעלן אויפ־פירן זיך פונעם לאָנדאָנער פובליקום און באַשריבן דאָס אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין לאָנדאָנער טעאַטער, וואָס דערמאָנט אין מיטלאַלטערלעכע צײַטן.

אויף דעם האָט אים געענטפערט דער רעדאַקטאָר פון דער לאָנ־דאָנער יידישע צײַטונג „די צײַט", מאָרים מייער, וואָס האָט גע־שריבן אָט וואָס: „איך באַרעכטיק נישט די האַנדלונג פונעם עולם,

וואָס איר האָט באַקומען פון אים דעם פויגל. דערלויבט מיר אָבער אײַך צו באַמערקן, חשובער קינסטלער טרומאַן, אַז אַפילו שלום-עליכמס שאַפונגען דאַרף מען וויסן ווי אַזוי צוצושנײַדן און קירצן ווען מע גייט זיי צוטראָגן דעם עולם אויף אַ זונטיקדיקן קאָנצערט".

אין דעם פאַל איז דער רעדאַקטאָר מאָרים מייער געווען פול-שטענדיק גערעכט. אין דער זעלביקער צײַט אָבער האָט ער מיט זײַן שטעלונג דערמוטיקט און אַזוי גוט ווי לעגאַליזירט די פויגל-מאַכערס וואָס האָבן געהאַלטן אַז ס'לעצטע וואָרט געהערט זיי...

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אַן אַקטיאָריש אַריסטאָקראַטן־פּאָרל

אין לאָנדאָן האָט זיך געפונען אויף גאַסטראָלן די אַקטיאָרן־פאַמיליע שטראַמער. דאָס אַרטיסטן־פּאָרל — סאַלאָמאָן און קלאַראַ שטראַמער — איז געקומען קיין לאָנדאָן נאָך אַ טור איבער רומעניע און אונגאַרן, וווּ זיי זענען געווען אַנגאַזשירט ווי סטאַרן, אין בוקאַרעשט און בודאַפּעשט. זיי האָבן געהאַט גרויסן טעאַטראַלן דערפאָלג אומעטום, וווּ זיי זענען אויפגעטרעטן, צוזאַמען מיט אַנדערע בלאָנדזשענדיקע און וואַנדערנדיקע שטערנס פון זייער טרופּע. אין יעדער ישוב, וווּ זיי זענען געקומען, האָבן זיי אַרײַנגעבראַכט אַן אויפלעב און יום־טובדיקייט אין איינעם מיט אַ פײַערלעכער דערהויבנקייט. אין אַלע וועלטטיילן זענען זיי אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּע, מיט אַ פײַערלעכן קבלת־פּנים, מיט באַנקעטן, מיט איין וואָרט, ביידע, יונגע און שיינע, האָבן אין יענע גאָלדענע יאָרן געקערט וועלטן. דאָס אַקטיאָרישע מזל וואָס איז גענוג קאַפּריז איז געווען אויסנעמלעך גוט צו זיי און האָט זיי צוגעשפּילט אויפן דרך־המלך פון דער יידישער טעאַטער־קונסט וואָס איז געווען און געבליבן אַ טייל פון זייער לעבן.

זייער גרעסטער סוקצעס אין לעבן איז אָבער בײַ זיי זייער בן־יחיד, הוגאָ שטראַמער, וואָס די קאַריערע זײַנע קלינגט ווי אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט.

דער יונגער הוגאָ שטראַמער האָט אין עסטרײַכישן ווין שטודירט אויף מעדיצין. ער איז געווען איינער פון די בעסטע סטודענטן אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט אין ווינער אוניווערסיטעט. ווען די פאַמיליע שטראַמער האָט זיך באַזעצט אין אַרגענטינע האָבן

טאטע־מאמע אהערגעבראכט זייער זון פון ווין, ער זאל דא ווײַ־טער פארזעצן זײַנע שטודיעס אויף דאקטער.

דער באוווּסטער ארגענטיניש־יידישער שרײַבער און טעאטראל, אלבערטא גערשונאוו, וואס האט זיך אינטים באפרײַנדעט מיט דער פאמיליע שטראמער האט אינעם יונגן הוגא געזען א מענטש מיט אויסערגעוויינטלעכע פעיקייטן וואס וואלט געקענט א סך לייסטן און דערגרייכן א הויכע מדרגה אין דער ביזנעס־וועלט.

דער יונגער הוגא האט דערפילט די צוטרעפלעכקייט פון גער־שונאווס רייד. דורך א צופאל איז ער אריין ארבעטן, ווי א שיק־יינגל אין דער פילם־געזעלשאפט „ר. ק. א". בוענאס־איירעסער אפ־טייל. ווי א באזיצער פון זעקס שפראכן פערפעקט, יידיש אריינ־גערעכנט, האט ער דא געגומען שטײַגן ממעלה למעלה און אין א קורצער צײַט דערגרייכט איינע פון די וויכטיקסטע פאזיציעס אין דער פירמע. איצט איז ער שעף און פראפאגאנדע־דירעקטאר פון דער פילם־געזעלשאפט איבער גאנץ ענגלאנד און אפריקע. נאך דער אויפפירונג פון וויליאם סיגלס בארימטן פילם „לאוו סטארי", „די געשיכטע פון א ליבע", וואס איז פראדוצירט געווארן פון דער זעל־ביקער פירמע, וואס ער איז איר פארשטייער, איז הוגא שטראמער אויפגענומען געווארן פון דער קיניגן־מוטער און פון דער פרינצע־סין מארגארעט פון ענגלאנד, און פון דער קיניגן־מוטער פון הא־לאנד, וואס אלע דרײַ האבן זיי אויסגעדריקט באגײַסטערונג, פאר זײַנע לייסטונגען לטובת דעם בעסערן פילם און וואס דעם גרעסטן פארדינסט דעריין האט הוגא שטראמער, דער זון פון די יידישע אקטיארן, סאלאמאן און קלארא שטראמער, וואס זענען שטאלץ מיט זייער בן־יחיד וואס פארנעמט אן אנגעזען ארט אין דער פילם־וועלט.

* * *

להיפוך צום גרויסן טייל אקטיארן אין יענער טרופע, וואס איז געקומען קיין לאנדאן שפילן אין פאוויליאן־טעאטער, און האבן מיט זיך פארגעשטעלט א פריילעכע צעזונגענע כאליאסטרע יונגע צע־באלעוועטע אקטיארן, וואס האבן געמיינט אז די גאנצע וועלט איז

סצענע פון דוד ליכטס אויפפירונג פון „בר־כוכבא" אין טעאַטער „סאַלעיל";
דריטע ריי, פון לינקס שטייען: מאַקס קלאָס און ריקאַרדאָ באָרדאַן; צווייטע
ריי, פון רעכטס: קלאַראַ שטראַמער; ערשטע ריי, פון רעכטס: רייזל צוקער
און אַנאַ פעלדבוים באַגלייט פון סטאַטיסטינס

זייערם — האבן די שטראמערס באוויזן איינצוהאלטן מיט זייער אריסטאקראטישן באנעם די פולע דיסטינגירטקייט און געמיטלעכקייט און זיך נישט געלאזט מיטרייסן מיטן אלגעמיינעם שטראם פון צעכראסטעטער הוליע־קבצנדיקער פריילעכקייט.

אים, סאלאמאן שטראמער האט מען שטענדיק געקאנט זען גיין מיט זיין אייביקן דיקן ציגאר אין מויל. זיין וואונדער־שיינע פרוי, קלארא מיטן שווארצן קאפ האר — שטענדיק פארקעמט יום־טובדיק, עלעגאנט, ווי א גראנד־דאמע, אין זייער געזעלשאפט האבן זיך אויך געפונען: די שוועסטער עלזא ראבינאוויטש מיט איר טאכטער מיינצע שטיין, און ישראל פעלדבוים מיט זיין פרוי אראנקא — גאנצע משפחות אקטיארן. מיט דער אומצעשיידבארער רויטער בלום אין לאץ, וואס ער האט געטראגן אי אין די יום־טוב־טעג אי אין די וואכנטעג האט ישראל פעלדבוים פאראדירט אין גאס, ווי א נאך נישט איבערגעטועגער נאך א פייערלעכן באנקעט, וואס איז פארגעקומען אט ערשט נעכטן ביינאכט.

סאלאמאן שטראמער איז געווען איינער פון די גרעסטע אטראקציעס אויף די זונטיק־קאנצערטן. מ'האט אים אויסגעקוקט און געווארט אויף זיין ארויסטריט. אן אים און זיינע פאלקסטימלעכע לידע וואס זענען אריין אין הארץ פונעם עולם, האט דער קאנצערט געמעגט זיין ווי איינגעגעבן, איז געבליבן עפעס א בלויז. מ'האט געפילט אז ס'פעלט די ראזשינקע. זיין ארויסטריט אויפן קאנצערט פלעגט ער פארענדיקן מיטן ארויסרופן זיין לעבן־באגלייטערין און בינע־־באגלייטערין קלארא שטראמער און ביידע האבן זיי געגעבן א דועט, א שלאגער, וואס האט גענומען דעם עולם.

א מענטש, אפילו אן אקטיאר, איז דאך אבער פארט נישט מער ווי א מענטש. האט אונדזער שטראמער געכאפט א קאלטן טרונק, זיך פארקילט און איז געווארן הייזעריק. אז ס'האט זיך אונטערגערוקט דער זונטיק און ס'איז אים נאך אלץ נישט בעסער געווארן, האב איך געפילט ווי ס'גייט אויף מיר א יום־הדין. וואס וועל איך זאגן דעם עולם? וואסער תירוץ גיט מען אים? טראכט איך, ס'בעסטע איז צו זאגן דעם אמת, דאס אויסגעחזרטע לידל, אז א מענטש איז נישט מער ווי א מענטש.

ווען ס'איז געקומען די ריי פון שטראמערס אויפטריט, האב

איך, ווי דער קאָנפֿעראַנסיער, זיך באַווייזן פֿאַרן פֿאַרצויגענעם פֿאָר־האַנג און האָב אָנגעהויבן מיטן צוגעגרייטן פּזמון מײַנעם:

— חשובֿער עולם, אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ מענטש, איר זאָלט וויסן, אַז הײַנט וועט שטראַמער ניט זינגען, נישט דערפֿאַר ווײַל ער וויל עמעצן טוען צו להכעיס, נאָר פּשוט צוליב דעם וואָס ער האָט אַן אָנצינדונג אין האַלדז און דער דאָקטאָר האָט אים פֿאַרווערט אויפֿצוטרעטן.

נו, נו, מער האָט נישט געפֿעלט. ס'האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן ווערטער, ווי שטיקער פֿײַער, אויף מײַן קאָנטע גלײַך ווי איך וואָלט געווען דער שולדיקער און איך בין עס דער וואָס לאָזט אים נישט אַרויסטרעטן. פֿון ייִדישע זידל־ווערטער איז מען איבערגעגאַנגען אויף ענגלישע זידלרייד און אַז דער עמך־עולם הייבט אָן זידלען אויף ענגליש איז אַ סימן אַז ס'ווערט אויף אַן אמת שלעכט, ביטער. דער עולם אין זאַל האָט נישט אויפֿגעהערט סקאַנדירן: — שטראַ־מער! שטראַ־מער! שטראַ־מער!

כ'האָב פֿאַרשטאַנען אַז כ'וועל דאָ מיאוס אָפּשנײַדן. מע גלייבט נישט אַז שטראַמער איז קראַנק. וואָס טוט מען? ווי אַזוי קען מען איבערצײַגן דעם עולם אַז כ'זאָג נישט קיין ליגן, אַז מע נאַרט אים נישט אָפּ? כ'האָב זיך געכאַפּט אַז די שטראַמערס וווינען דאָ נאָענט, קעגן איבער דעם טעאַטער. האָב איך זיי געבעטן אַז זיי זאָלן זיך באַרויִקן, איך וועל באַלד ברענגען שטראַמערן, זיי זאָלן מיר מוחל זײַן, כ'האָב געמאַכט אַ וויץ אַז שטראַמער איז קראַנק, ס'הייבט זיך נישט אָן, אָט וועט ער באַלד זיך באַווײַזן אויף דער בינע. כ'בין אַראָפּ פֿון דער בינע און געבעטן איינע פֿון די אַקטריסעס, זי זאָל דערווײַל אַרויסטרעטן מיט אַ ליד ביז כ'וועל ברענגען שטראַמערן. זי איז אַרויף זינגען, פֿאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט איר אַ ביסל געשטערט, מ'האָט געטומלט און ווײַטער סקאַנדירט: — שטראַ־מער! שטראַ־מער! אַלע האָבן געוואַרט אויף שטראַמערן צו הערן זײַן באַרימטן „קאַזאַק", זײַן שלאַגער־נומער „זעץ דיך אויף מײַן שוים, סאַני בוי".

מיט אַלע כוחות בין איך געלאָפֿן צו שטראַמערן און זיך גע־בעטן ביי אים ווי ביי אַ קליין קינד:

— האָט רחמנות, שטראַמער, קומט אַראָפּ ווײַזט זיי אַז איר

קענט נישט זינגען, אַנישט וועלן זיי איבער מיר מאַכן אַ לינטש־פויגל, זיי וועלן מיך לינטשן.

שטראַמער האָט פאַרשטאַנען אַז ס׳איז נישט קיין וויץ:

— נו, אַז די לאַגע איז אַזוי ערנסט האָב איך דאָך נישט קיין ברירה, כ׳וועל דאָך נישט לאָזן אַז צוליב מיר זאָל מען לינטשן אַ יִדישן אַקטיאָר.

ער האָט זיך פאַרבונדן דעם האַלדז, אָנגעטון אַ שאַליקל, אַ קוק געטון אין שפּיגל ווי ער זעט אויס מיט אַ פאַרבונדענעם האַלדז, און מיר האָבן זיך ביידע געלאָזט אין טעאַטער אַרײַן. ער איז אַרויף אויף דער בינע און געוויזן דעם דאָקטאָרס פאַרבייג אַז ער טאָר נישט זינגען. אים האָט שוין דער עולם יאָ געגלייבט און אַלע האָבן זיך באַרויִקט.

ווי אַ זיגער בין איך צוריק אַרויף אויף דער בינע און זיך געווענדט צום איינגעשטילטן עולם:

— און איצט, מײַנע ליבע פרײַנד, וויל איך אײַך מעלדן אַזוינס וואָס וועט אײַך זיכער הנאה טון. כאָטש ישראל פעלדבוים איז שוין פאַר אײַך אַרויסגעטרעטן אין דער ערשטער העלפט פון אונדזער פּראָגראַם, וועט ער איצט זינגען זײַן באַרימטן שלאַגער „עס שאָקלט זיך".

באַלד האָט זיך באַוויזן ישראל פעלדבוים אַ פרייליכער, אַ צעשמייכלטער מיט דער ווײַסער רויז אין לאַץ און גלײַך גענומען דעם עולם מיט זײַן ערשטן שאָקל האַלב צעוויגט, האַלב אין טאַנץ. אַ חוץ אַ גוטער קופּלעטיסט איז ער אויך געווען אַן ערשטקלאַסיקער טענצער און דער קופּלעט איז בײַ אים אַרויסגעקומען מלא־חן. און אַזוי זינגענדיק איז ער אַרײַן אין טראַנס און בײַ יעדער אויפֿזינג פון רעפריין, „אוי, אוי, עס שאָקלט זיך" האָט ער זיך גענומען שאָקלען און וואַרפן מיט די הענט און פיס, מיט אַלע אברים, אַז דער עולם איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן דינאַמישן ריטעם פונעם טעאַטער־לידל, און איך, דער אומשולדיקער קאָנפעראַנסיער, האָב זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן פויגל.

קאַפּיטל דריַי און צוואַנציק

אַ רופישער „מי־שברך" פּאַרטרײַבט דעם פויגל

צו יעדער סעזאָן אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער האָט, ווי שוין דערמאָנט, געמוזט קומען אַ סטאַר וואָס זאָל זײַן דער טשוואָק פון יעדער פּיעסע. נייטן בלומענטאַל איז געווען אַ מעדים אויס־צוזוכן אַ סטאַר וואָס זאָל ציִען עולם, ער האָט געהאַט אַ זעלטע־נעם חוש זיי אויסצוגעפינען און אַראָפּברענגען צו זיך אין טעאַטער אַרײַן. בדרך־כלל האָט ער שטענדיק געהאַט אַ גוטן פּישפּאַנג. די גרעסטע העכט, די פעטע קאַרפּן האָבן אָפּגעהאַלטן די גרעסטע טריומפן ביַי אים אין טעאַטער און האָבן טאַקע געברענגט עולם. די סעזאָנען זענען געגאַנגען איינער בעסער פון אַנדערן. די גרעס־טע מעלה זײַנע איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געקענט אויסקומען מיט אַלעמען. דאָס איז געווען דער סוד פון זײַנע דערפאָלגן בײַם יידישן טעאַטער.

מיט אַ סעזאָן שפּעטער האָט נייטן בלומענטאַל אַנגאַזשירט אין זײַן פּאַוויליאָן־טעאַטער דעם זינגער־אַקטיאָר מרדכי הילסבערג. ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע. מאָטעלע הילסבערג, יונג און שיין, אַ בחור אַ ברען, מיט אַ געדיכטן קאָפּ לאָקן, האָט גע־האַט אַ פּרעכטיקן טענאָר. ער איז געווען אַ געפּילפּולער האַרציקער מנגן און אַלזײַטיקער אַנסאַמבל־אַקטיאָר וואָס האָט שטאַרק אויס־גענומען בײַם עולם.

דעם סעזאָן האָט נייטן בלומענטאַל אָנגעהויבן מיט דער אָפּע־רעטע „ציגײַנער־ליבע" מיט די סטאַרן סאַלאָמאָן און קלאַראַ שטראַ־מער, וואָס זענען געווען אַ גאַראַנטיע פאַר אַ זיכערן דערפאָלג.

מאָטעלע הילסבערג מיט זײַן פּרעכטיקער שטים האָט זיך באַ־

זונדער אויסגעצייכנט און גלייך מיט זיין ערשטן אויפטריט געווונען דעם טעאטער־עולם אויף זיין זייט.

ווי שטארק דער עולם האט אים ליב געהאט אין טעאטער, האט עס אבער מיט די זונטיק־קאנצערטן נישט געהאט קיין שייכות. ער האט געקענט האבן גרויס דערפאלג אין א טעאטער־פארשטעלונג, אבער אין א סאלא־נומער דארף מען שוין האבן א באזונדער מזל אויסצונעמען ביים פובליקום. האט ער טאקע מאטל הילסבערג באלד אויפן ערשטן זונטיקדיקן קאנצערט געכאפט דעם אמתן פויגל! נישט אלע ווייסן דעם סוד פון דערפאלג פון א זינגער, אדער זינגערין. א מאל איז עס גאר אין גאנצן נישט געווענדט אין דער שטים. מע קען האבן א גוטע געשולטע שטים און נישט אויסנעמען ביים עולם. און איינער קאן מיט א קליין שטימעלע, גרויס ווי א גענעץ, ארויסרופן א שטורעם פון אוואציעס. מע קאן האבן א שטים ווי א גלאק נאר אן געפיל און ס'זאל זיין... געהאקט האלץ, נישט געזונגען. און מע קאן מיט א קליין קולכל ארויסברענגען זיסע טענער פון א זינגפייגעלע, ס'זאל זיין א מחיה צו הערן. א חוץ טאלאנט און שיינער שטים ווענדט זיך עס אויך אין דער מאס אינטעליגענץ פונעם זינגער, אין זיין קענען מאדולירן די שטים און האבן חוש פאר טאקט און מאס. עפעס אנדערש איז זינגען אן אפערן־אריע, עפעס אנדערש א טעאטער־קופלעט צי א ראמאנטיש אפערעטן־ליד און גאר עפעס אנדערש איז פארברענגען א נומער אויף א קאנצערט אדער קאנצערטטייל, וואס דארף זיין א גאנצקייט פאר זיך אליין און טאר נישט זיין נישט צו קורץ און נישט צו לאנג.

פון דעם האט אפשר נישט געוווּסט מאטל הילסבערג. ער האט דאס מאל איבערגעכאפט די מאס פון זינגען. ער איז ארויסגעטרעטן אויפן זונטיק־קאנצערט מיט א געזאנג־נומער... „דעם רבינס חתונה", א נומער וואס פאסט זיך גוט אריין אין דער פיעסע פאר וועלכער דער נומער איז ספעציעל געשריבן געווארן. אין קאנטעקסט פון דער אפערעטע האט דער נומער געהאט גרויס דערפאלג. אבער ווי א קאנצערט־נומער איז ער א ביסל צו לאנג. דאס טעאטער־ליד, וואס באציט זיך צו געוויסע געשעענישן וואס שפילן זיך אפ אין

מאָטל הילסבערג אויף איינעם פון זיינע אַרויס־טריטן פאַר די ישראל־זעלנערס נאָך זיין קומען אין לאַנד אַריין אַ לעבן־געבליבענער פון דער צווייטער וועלט־מילחמה

דער פּיעסע, איז פאַרשטענדלעך נאָר ווען מ׳האָט פאַר זיך דעם הינטערגרונט, דעם פאָן פון די האַנדלונגען, אָבער פאַר זיך אַליין — בלײַבט עס נאַקעט, אומקלאָר און פאַרנעפּלט אינעם אינהאַלט. ווײַל ס׳ווערט נישט פון פריער צוגעפירט און צוגעגרייט צום אויסשפּיל פונעם ליד ווי אַ פועל־יוצא פון דער לעצטער האַנדלונג פון די העלדן און אָנשטאָט ס׳ליד זאָל זײַן אַ שלוסאַקאָרד פונעם סצעניש בילד, בלײַבט עס דאָ, ווי אַ באַזונדערער נומער, הענגען אין דער לופטן — נישט אַהין און נישט אַהער. דערפאַר האָט ער באַקומען דעם פויגל וואָס האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן דאָס ליד.

אין דעם מאָמענט, ווען דער עולם האָט געפויגלט קעגן דעם זינגער, האָט געטראָפן אַ זאַך וואָס נאָר מאָטל הלסבערג האָט עס דערזוועגט צו טון. ער האָט זיי נישט מער און נישט ווייניקער, ווי געמאַכט דעם רוסישן מי־שברך, ער האָט זיי אײַנגעמאָלדן וו׳ מאַטיושקאַ אי וו׳ באַטיושקו! געגעבן אַ שפּײַ צום עולם און איז אַראָפּ פון דער בינע.

דער גאַנצער צעהיצטער עולם אין זאַל איז געבליבן ווי געפּלעפט פאַר דער געוואַגטקייט פונעם שוישפּילער־גאַסט, וואָס האָט זיי געמאַכט אַ קעגן־פויגל. אויף דעם האָבן זיי זיך נישט געריכט און ס׳איז אַרײַנגעטרעטן אַ קאָנסטערנאַציע, אַ צעטומלעניש אין זאַל. מ׳האָט ניט געוווּסט מיט וואָס מען עסט עס. נישט מע קאָן עס אויסשפּײַען, נישט עס לאָזט זיך אַראָפּשלינגען. אַזוינס האָט זיך נאָך נישט געטראָפן אין טעאַטער. אַזוי באַליידיקן אַ גאַנצן עולם וואָס דער טעאַטער לעבט פון אים און עקסיסטירט אַ דאַנק אים, דעם עולם, וואָס פילט אויס דעם זאַל, זאָל עפּעס דאָרט אַ זינגער אים אַרײַנזאָגן אין טאַטן אַרײַן. דאָס איז דאָך נישט געהערט געוואָרן! אַזוי ווי דער אַקטיאָר איז אָבער גלײַך אַראָפּ פון דער בינע איז שוין נישט געווען קעגן וועמען צו רעאַגירן און צוריק צו ענטפערן. דער עולם האָט זיך ביסלעכווײַז באַרויִקט און אײַנגעשטילט און מ׳האָט שוין ווײַטער געקאָנט אָנגיין מיטן פּראָגראַם.

אויפן אַנדערן זונטיק נאָכן דאָזיקן געשעעניש, ווען מאָטל הילסבערג האָט באַדאַרפט אויפטרעטן, האָב איך זיך, ווי דער קאָנפעראַנסיער, קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו מעלדן דעם עולם וועגן זײַן אַרויס־

טריט. כ׳האָב פּשוט מורא געהאַט אַז דער עולם איז געקומען צוגעגרייט און „באַוואָפנט״ צו נעמען נקמה אינעם חוצפּהדיקן אַקטיאָר און אַנשטאָט ער, וועל איך אַרײַנכאַפּן די פֿוילע אייער בײַם בלויזן דערמאָנען זײַנען נאָמען.

מאָטל הילסבערג געהערט נישט צו די וואָס לאָזן זיך שפּײַען אין קאַשע. ער האָט קיין סך נישט געטראַכט און איז אַזוי נישט־געמאָלדענערהייט אַרויף אויף דער בינע און האָט גלײַך גענומען זינגען אַ פֿאָלקסליד מיט אַ סך געפֿיל און חן. צו אַלעמענס שטוינען איז ער באַשאָנקען געוואָרן מיט אַפּלויזן און בראַוואָס. מיר האָבן אַלע נישט געקענט פֿאַרשטיין וואָס דאָ איז געשען. ווײַזט אויס, דער עולם האָט מורא געהאַט צו קריגן פֿון אים אַ נײַעם מישברך אויפֿן עכט־רוסישן שטייגער און מ׳האָט אים דאָס מאָל פֿאַרשוויגן, אים מוחל געווען זײַן אָפּשייגעצן זיי דעם פֿאָריקן זונטיק.

אין משך פֿון גאַנצן סעזאָן איז ער זונטיק בײַ זונטיק אַרויסגעטרעטן מיט גרויס דערפֿאָלג און געזונגען פֿאָלקסלידער פֿון זײַן רײַכן רעפּערטואַר — איינס שענער פֿון אַנדערן. ער האָט באַלעבט די סצענע מיט זײַנע געזאַנג־נומערן, וואָס דער עולם האָט אויפֿגענומען ענטוזיאַסטיש, און ס׳האָט זיך געדאַכט אַז מ׳האָט שוין אויף אַן אמתן פֿאַרגעסן דעם צוריקקלאַפּ וואָס ער האָט דערלאַנגט די צושויער ביז אין דער זיבעטער ריפּ בײַ זײַן ערשטן זונטיקדיקן אַרויסטריט נאָך זייער שטורמישן פֿויגל. אין גאַנצן אָבער אַראָפּשלינגען דעם ביטערן פּיל האָבן זיי נישט געקאָנט, און בײַם סוף פֿון סעזאָן, אויפֿן לעצטן זונטיק־קאָנצערט האָבן זיי אים מכבד געווען מיט אַן אָפּשייד־פֿויגל, ווי איינער זאָגט, קעגן זונטיק־עולם זעען נישטאָ קיין שטאַרקע.

מאָטל הילסבערג איז אָפּט אַנגאַזשירט געוואָרן קיין לאָנדאָן, אָבער אַלע חשבונות מיט אים זענען שוין דורכן עולם געווען פֿאַרגעסן. ער האָט שוין גוט געקענט דעם לאָנדאָנער טעאַטער־עולם און געוואוסט וואָס זיי פֿאַרצוברענגען אַז ער זאָל ווערן באַליבט בײַ זיי, באַליבט און געשעצט, ווי יעדער גוטער אַקטיאָר. הײַנט געפֿינט ער זיך אין מדינת־ישראל, וווּ ער האָט גרויס דערפֿאָלג סײַ ווי אַ שוישפּילער, סײַ ווי אַ רעזשיסער.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אַ מפּלה פון אַ ליבלינג צוליב אַן אוקראַיִנישׁ ליד

אין אַ סעזאָן איז אין פּאַוויליאָן-טעאַטער אַנגאַזשירט געוואָרן די אויסערגעוויינטלעך שיינע רעווי-אַרטיסטן, חנה גראָסבערג, וואָס האָט געשפּילט אין וואַרשעווער סקאַלאַ-טעאַטער אויף דזשעלנע-גאַס אין יצחק גאָזשיקס סמבטיון-רעווי און איינגענומען ס׳יידישע וואַרשע מיט אירע אמתע אַרטיסטישע קרעאַציעס אין די קליינע רעווי-נומערן.

זי איז אויפגעגאַנגען, חנה גראָסבערג, אין יידישן טעאַטער ווי אַן אמתער שטערן. ווי אַ מעטעאָר האָט זי באַלויכטן דעם טעאַטער-הימל מיט אַן אויסטערלישן בליציקן שיין און איידער וואָס און ווען איז אָט דאָס וווּנדערלעכע ליכט פאַרלאָשן געוואָרן און געלאָזט דעם הימל אַן אומענדלעך פינצטערן און אויסגעליידיקטן.

ווען איר שטערן האָט אויפגעלויכטן האָט שוין דער הימל איבערן יידישן וואַרשע, ווי איבער גאַנץ פּוילן גענומען טונקלען און ווערן פאַרצויגן מיט געדיכטע וואָלקנס פון דער אָניאָגנדיקער געפאַר פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, וואָס האָט שוין געלויערט פון די גרענעצן אַרום פּוילן און צווישן אַלע קרבנות האָט זיך אויך געפונען די וווּנדערשיינע חנה גראָסבערג, וואָס מ׳האָט זי געזען גיין אין דער לאַגער ריי צו זאַמען מיט אַלע יידישע אַקטיאָרן, וואָס זענען פאַרקלעמט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ — צום אומשלאַג-פּלאַץ, ווו ס׳האָבן שוין געוואַרט די געשפּענסטיקע פּי-וואַגאָנען, וואָס האָבן טאָג-טעגלעך געפירט די מענטשן-טראַנספּאָרטן צום פאַרגאַזעווען און פאַרברענען אין די קאַלך-אויוונס אינעם טויטן-לאַגער טרעבלינקע.

דערווייל אָבער, איז נאָך אָנגעגאַנגען אין וואַרשע דאָס נאָרמאַלע יידישע לעבן, אַ שטורמישס, אַ ברויזנדיקס, אַ פרייליכס,

אַ שפּרודלדיקס און אַ שעפערישס מיט ייִדישע קלובן, יום־טובים, פײַערונגען און מיט גוטע פּרעמיערעס אין ייִדישן טעאַטער.

אַ יונגע פרוי, אַ ליכטיקע, אַ שײַנענדיקע, אַ געקומענע פון עמך, פון די ענגע געדיכטע װאַרשעװער ייִדישע געסלעך, איז זי געװען דער ליבלינג פון אַלע. מיט איר פרײלעכקײט און טעמפּע־ראַמענט האָט זי אַרײַנגעבראַכט אַ שטיק לעבן אויף דער בינע און מיטגעריסן מיט זיך יונג און אַלט. אַז זי האָט זיך געגעבן אַ באַ־װײַז אויף דער העל־באַלויכטענער סצענע — סײַ אין פּיעסן און נאָך מער אויף די זונטיק־קאָנצערטן — איז זי אויפגענומען גע־װאָרן מיט רױשיקע אַפּלאָדיסמענטן דורכן גאַנצן עולם כאָטש מ׳האָט נאָך אַפילו נישט געװוּסט און זיך נישט גערעכנט מיט דעם װאָס זי װעט זינגען. די טעאַטער־צושױער זענען געװען פאַר־גלייבט אין איר, זײ האָבן זי פּשוט פאַרגעטערט.

אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט איז זי געװען די אַטראַקציע אומעטום, װוּ זי האָט זיך באַטייליקט, צי דאָס איז געװען אין אַן אַקטיאָרן־קאָלעקטיװ, אין אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, צי אינדיװידועל, אין באַזונדערע רעװי־פּראָגראַמען. שטענדיק האָט זי זיך אַרױסגע־הױבן און אױסגעצײכנט מער פון אַלעמען אויף דער בינע.

אײן מאָל, אויפן זונטיק־קאָנצערט, איז איר, חנה גראָסבערגן, אײַנגעפאַלן צו זינגען אַן אוקראַיִניש לידל. ס׳איז טאַקע געװען אַ שײן פאָלקסליד, גענומען פון אוקראַיִנישן פאָלקלאָר. אָבער מער האָט דער עולם נישט באַדאַרפט. מ׳האָט אָנגעהױבן פּײַפן און סװישטשען און פאָרסקען, שרײַען און טומלען און ליאַרמען אַז ס׳איז געװען — הימל עפן זיך!

כ׳האָב דאָך שױן עפּעס געזען און געהערט װי ס׳ברעכט אױס אַ פױגל אין „פּאַװיליאָן"־טעאַטער. נאָר אַזאַ װילדער פױגל איז נאָך נישט געװען, אַזױ צעקאָכט האָבן זיך אין עולם די בלוטן, אַז מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט אײַנשטילן דעם שטורעם.

גראָד איז דעמאָלט געװען אַ צײַט װען רוסישע לידער זענען געװען אין דער מאָדע און אַפילו באַליבט בײַם עולם. מ׳האָט זײ גערן געהערט און אָפט געפאָדערט בײַ אַקטיאָרן־זינגערס אַז זײ זאָלן זינגען דאָס און דאָס רוסישע ליד, װאָלגאַ, װאָלגאַ און אַנדערע.

איז טאַקע נישט געווען צו פאַרשטיין דעם אויסברוך פון צאָרן קעגן זייער גרויסן ליבלינג, חנה גראָסבערג, וואָס איז דאָ געווען גאָט די נשמה שולדיק. ווען ס׳וואָלט זיך אין דעם מאָמענט גע־עפנט פאַר איר אַ גרוב, וואָלט זי אַרײַנגעשפּרונגען, אַזוי פאַרי־טשמעליעט איז זי געבליבן.

איך בין צו איר צוגעגאַנגען און האָב איר גאָרנישט געקענט זאָגן. געזען אַז זי ווייסט נישט וואָס ס׳טוט זיך מיט איר האָב איך זי כמעט אַ פאַרחלשטע אַראָפּגעפירט פון דער בינע און זי אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול — זי זאָל אַ ביסל קומען צו זיך.

כ׳בין צוריק אַרויף אויף דער בינע און וואָס ס׳איז געווען אויף מײַן ביטער האַרץ האָב איך אויסגעלאָזט צום אכזריותדיקן עולם, צו די אומרחמנותדיקע פויגל־געבערס. אָבער ווייס איך וואָס, עס איז ווי גערעדט צו דער לאָמפּ. אַזאַ איז ער, אונדזער טעאַטער־עולם. נעכטן אַ סטאַר, אַ ליבלינג וואָס זיי פאַרגעטערן און הײַנט — דערלאַנגען זיי דעם ליבלינג זייערן אַ פויגל אַז יענער זעט די עלטערבאָבע פאַר די אויגן. מע קאָן מיט אים, מיטן טעאַטער־עולם, גאָר נישט מאַכן. פאַרפאַלן, מע דאַרף אים נעמען אַזוי ווי ער איז.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

סעמועל גאָלדענבורגס אָפּגעהאַלטענער נצחון

די סטאַרן, אַפילו די גרעסטע אַקטיאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען שוין איין מאָל אַנגאַזשירט געוואָרן אויף גאַסטראָל־אויפטריטן אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער, זענען דאָ נישט צו אַפּט געווען פרישע געסט. מעגן זיי האָבן אויפגעפירט אין משך פון דער צייט נייע דערפאָלגרייכע פּיעסן ביי זיך, אין זייערע היימלענדער, האָט מען זיי נישט אַזוי גיך אַראָפּגעבראַכט נאָך אַ מאָל קיין לאָנדאָן. די עיקר־אַטראַקציע פון אַ פרישן סעזאָן איז באַשטאַנען אין אַ ניי פּנים און אַן ערשטמאָליקן באַוויַיזן זיך פאַרן עולם.

פאַר וואָס די טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן געפירט אַזאַ פּאָליטיק, פון ברענגען יעדער מאָל נייע מענטשן פאַרן פאָדערגרונט פון דער בינע, איז מיר ביז היינט — מוז איך זיך מודה זיין — נישט אין גאַנצן קלאָר. ס׳האָט געמוזט אַוועקגיין אַ שפּאַר שטיקל צייט, עטלעכע טעאַטער־סעזאָנען ביז דער האַלב־פאַרגעסענער סטאַר איז ווידער פאַרקאָנטראַקטירט געוואָרן אויף אַ פרישן סעזאָן.

דער גרויסער סעמועל גאָלדענבורג איז ערשט נאָך 20 יאָר אויף ס׳ניי אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דורך נייטן בלומענטאַל אויפצוטרעטן ווי אַ סטאַר. דער גאַסט האָט געבראַכט מיט זיך אַ נייע פּיעסע פון קאַלמאַנאָוויטש „אין אַ רומענישער קרעטשמע”. די שטורמישע אָוואַציעס, וואָס ער האָט באַקומען אויף דער פּרעמיערע זענען געווען אומגעהייער. מ׳האָט אים גאָר נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן פון דער בינע. דער גאַנצער עולם האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— בראַוואָ, גאָלדענבורג, בראַוואָ!

אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן פון פרייד און גע־

רירטקייט ווען ער איז געשטאַנען פאַרן עולם אויף דער בינע אונטער דער סימפאָניע פון באַגייסטערטע אפּלויזן. ס׳איז זיך נישט געווען וואָס צו ווּנדערן, די בראַוואָס זענען אים געקומען ווי כשר פאַרדינטע. דער עיקר אָבער, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופן ביים קינסט־לער אַזאַ אויפגערודערטקייט פון זיין געמיט איז געווען דאָס, וואָס אויף דעם נצחון און אויף אָט דער אָנערקענונג האָט ער געוואַרט פולע צוואַנציק יאָר. לאַנג געוואַרט אָבער זיך דערוואַרט. ער האָט ענדלעך געוויזן אַלעמען ווער גאָלדענבורג איז און וואָס ער קען!

וואָס איז געווען די סיבה וואָס גאָלדענבורגן איז אַזוי געגאַנ־גען אין לעבן אויסצונעמען ביים לאָנדאָנער טעאַטער־עולם? מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווי געזאָגט, איז גאָלדענבורג אַגאַזשירט גע־וואָרן אויפצוטרעטן אין זעלביקן פּאַוויליאָן־טעאַטער. ביי דער אָנ־פירערשאַפט פון טעאַטער און אַרום איר האָבן זיך געפינען עטלע־כע נישט - פאַרגינערישע אַקטיאָרן, אַזוי גערופענע „קאַיאַפן" און זיי האָבן אים ממש פאַריאָגט פון טעאַטער. זיי האָבן אים באַצייכנט ווי אַן אומגעלומפּערטן דילעטאַנט, דערפאַר ווייל ער האָט שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען אַז מע דאַרף רעדן אויף דער בינע אַ מענטש־לעך לשון און נישט ווי מ׳האָט זיך דעמאָלט, אין יענע יאָרן באַניצט מיט אַ פּאַטעטיק אויף די הויכע טענער, אַן איבערגעטריבענער פּאַטאָס וואָס האָט געקלונגען דעקלאַמאַטאָריש, פאַלש, נישט־עכט. זיי זענען אים דערפאַר דערגאַנגען די יאָרן, וואָס ס׳איז ביי זיי געווען נישט „געשפּילט", נאָר גערעדט, געדברט, געפּאַנפּעט. זיי האָבן אים געברענט זיינע טריט. דעמאָלט האָט ער געוואָרפן זיין באַרימטע פראַזע:

— איך, גאָלדענבורג — נעמט זיך עס גוט אין זינען אַריין — וועל נאָך דאָ אין דעם טעאַטער נעמען ברוטע פראָצענטער אַלס סטאַר!

ס׳האָט אָבער באַדאַרפט דויערן פולע צוואַנציק יאָר ביז זיין חלום איז מקוים געוואָרן אויף די גאַנצע הונדערט פראָצענט. אויף זיין דעביוט איז ער באַשאָטן געוואָרן פון גאַנצן באַגייסטערטן עולם מיט בלומען און אָוואַציעס.

גאָלדענבורגס דערפאָלג האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונ־גען. נאָך איידער דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען האָט זיך



סעמועל גאָלדענבורג

באַוויזן אַן עקסטרע-אויסגאַבע, געשריבן פון מאַרים מייער, דעם רעדאַקטאָר פון „די צייט”, וואָס האָט אים באַזונגען מיט די גרעס־טע לויבווערטער, אים באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן פאַר זײַן גרויס־אַרטיקער קרעאַציע און וווּנדערלעכן אַרויסברענגען די ראָלע פון פּראָפעסאָר לאַזאַראָוו אין דער פּיעסע „אין אַ רומענישער קרעטש־מע”.

אַזאַ סוקצעס האָט נאָך קיין שום אַקטיאָר נישט זוכה געווען, דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל זינט אין פּאַוויליאָן-טעאַטער זענען אויפגעטרעטן יידישע אַקטיאָרן, אַז באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג זאָל דערשײַנען אַן עקסטרע-בלעטל מיטן וואַרעמסטן אָפּרוף, פול באַגײַסטערונג פאַר אַ סטאַר וואָס האָט אָפּגעהאַלטן גרויסן נצחון ווי ס'איז געווען דער זעלטענער פאַל מיט סעמועל גאָלדענבורג.

בײַ זײַן גאַנצער אָנערקענונג און גרויסן זיג, וואָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אויפן אויבן אָן, אויף דער מזרח-וואַנט פון יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן, דאָך האָט אויף סעמועל גאָלדענבורג געצי־טערט די הויט, ווען ס'האָט זיך אונטערגערוקט דער זונטיק און ער האָט באַדאַרפט אויפטרעטן אויפן קאָנצערט און ווײַזן זײַן אַק־טיאָרישע וויזיטקאַרט ווי אַ זינגער אַ סאָליסט, אין באַזונדערע, אינדיווידועלע געזאַנג-נומערן און סצענעס.

פאַרן אַרויפגיין אויף דער בינע האָט ס'האַרץ זײַנס געקלאַפּט ווי בײַ אַן אַקטיאָר אַן אָנהייבער וואָס דאַרף ערשט דעביוטירן, באַטרעטן די בינע צום ערשטן מאָל. אין דער לעצטער מינוט איז אים אײַנגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק. ווי נאָר ער האָט זיך באַ־וויזן אויף דער בינע, האָט ער געמאָלדן דעם עולם, אַז נאָך אַ צוואַנציקיאָריקער אָפּוועזנהייט אין לאָנדאָן, וויל ער האָבן דעם כבוד צו באַערן זײַן רבין, דעם אַקטיאָר און פּיעסן-שרײַבער יאָזעף מאַר־קאָוויטש, וואָס האָט אים אַלע מאָל געהאָלפן און געמוטיקט, זיך אָפּצוגעבן דער טעאַטער-קונסט, און אין זײַן אָנדענק וועט זײַן דאָס פּאַסיקסטע פאַרצוברענגען איינע פון די שאַפונגען פון מאַרקאָוויטשן. ער וועט דעריבער זינגען זײַן באַרימטע ליד „כל־נדרי”.

גאָלדענבורג, וואָס האָט געהאַט אַ מוזיקאַלישן געהער און ליב געהאַט צו שפּילן פּיאַנאָ בײַ יעדער געלעגנהייט, האָט זיך אַליין

באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ און אויך אויפן איינפאַכן, פּרימיטיוון קעסטל-פידעלע, מיט איין סטרונע וואָס ער האָט זיך עס אַליין געמאַכט, ווי זײַנס אַן אייגענע דערפינדונג.

ביַי דעם אַלעם האָט דער עולם אויפגענומען דאָס טרויעריקע כל-נדרי-ליד גענוג קאַלט, מיט אַ סך צוריקגעהאַלטנקייט. דער נומער איז געווען שטאַרק פּאָפּולער, אַן אָפּגעריבענע מטבע. ווער פון די אַקטיאָרן איז שוין נישט אויפגעטראָטן מיטן דאָזיקן נומער? יעדער ייִד אין לאָנדאָן האָט שוין געקענט דאָס ליד פון אויסנווייניק. בלויז פון רעספּעקט צו גאָלדענבורגן, פון איין זײַט, און זײַן איינפאַלערישער טריק צו באַערן דעם מחבר פונעם ליד, פון דער צווייטער זײַט, האָט ער זיך געראַטעוועט און אויסגעמיטן אַ זיכערן פויגל.

גאָלדענבורג האָט אָבער אָפּגעפילט די קאַלטקייט פון זאַל, וואָס האָט אויף אים אַ ווייע געטון מיט שטומען גלײַכגילט, מיט אַ שטילקייט ערב אַ שטורעם. ער האָט גוט געפילט אַז די סכנה האָט געהאָנגען איבער זײַן קאָפּ מיט דער שאַרף פון אַ שווערד; דער רויב-פויגל האָט אימהדיק געפלאַטערט איבער דער בינע נאָר זיך אַראָפּצולאָזן אויף אים מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַנע מעכטיקע פליגלען.

אויפן אַנדערן טאָג האָט סעמועל גאָלדענבורג געמאָלדן דעם דירעקטאָר בלומענטאַל, אַז ער וועט אים מער נישט האָבן פאַר קיין אַטראַקציע אויף די זונטיק-קאָנצערטן, ער וועט מער נישט אויפטרעטן אין די זונטיקן. און גאָלדענבורג האָט געהאַלטן זײַן וואָרט. אין טעאַטער אויף די פאָרשטעלונגען האָט מען אים אַפּלאָדירט און אויף די זונטיק-קאָנצערטן האָט מען אים מער נישט געזען.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

פֿייגל אין דער לופֿטן

כמעט דער גרעסטער טייל ייִדישע שוישפּילער זענען געקומען, ווי די ייִנגלעך אין מצרים, וואָס די מאַמעס זייערע האָבן זיי געהאַט אין פֿעלד, באַלד פֿאַרטיקע, מיט ציין און נעגל. אַזוי זענען די יונגע טאַלאַנטן געקומען צום ייִדישן טעאַטער — אויסגערייפֿטע און אויסגעשפּראָכענע מיטן אַקטיאָרישן בלוט אין די אָדערן — קערנדיקע פֿילבלוטיקע ייִדישע קינסטלערס.

אַזוי איז געקומען פֿון דער ייִדישער טעקסטילשטאָט אין פּוילן, ביאַליסטאָק, דאָס שוישפּילער־פּאָרל זעפּקינאַ־בירנבוים און האָבן ווי אַנדערע אַקטיאָרן אויך אָנגעשפּאַרט אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער.

ביידע זענען געווען טאַלענטירטע אַקטיאָרן, וואָס האָבן נישט באַדאַרפֿט קערן וועלטן, זיך שטעלן אויפֿן קאָפּ, אַז מע זאָל זיך דערקענען אויף זיי און אויף זייער עכטקייט און וואָרצלדיקייט אין דער טעאַטער־קונסט. די זעפּקינאַ איז געווען פֿול מיט חן. זי האָט געקענט שפּילן אַלע ראָלן וואָס מ׳האָט איר נאָר געגעבן. און יעדער ראָלע האָט זי געשפּילט מיט אַ סך ליבע און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער עולם האָט זי ליב געהאַט פֿאַר איר טאַלענטפֿולקייט, און די אַקטיאָרן — פֿאַר איר באַשיידנקייט און חברישקייט.

דער מאַן אירער, בירנבוים, אַ געוועזענער לערער און אינטעליגענטער מענטש, אַן אַקטיאָר מיט טעאַטער־קולטור האָט אַלע זײַנע לידער, וואָס ער איז מיט זיי אַרויסגעטרעטן אויף די זונטיק קאָנצערטן, אַליין געשריבן. ער האָט געהאַט אַ גאַנצן רעפּערטואַר מיט אייגענע שאַפֿונגען. כאָטש ער האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין צו גרויסע שטים, וואָס ער זאָל זיך באַזונדער אויס־

צייכענען מיט זײַן זינגען, האָט ער אָבער דאָך אויסגענומען ביים עולם צוליב דער פּאָלקסטימלעכקייט און אַקטועלקייט פון זײַנע לידער וואָס האָבן געטראָפן אין פּינטל אַרײַן.

צו דער צווייטער העלפט סעזאָן האָט דער דירעקטאָר, נייטן בלומענטאַל אַראָפּגעבראַכט פון ניו־יאָרק, צום ערשטן מאָל אין לאָנדאָן, דעם דעמאָלטיקן דערפּאָלגרײַכן זינגער און טענצער היימי דזשייקאָבסאָן מיט מרים קרעסין. פאַרשטייט זיך, אַז אַן אַקטיאָר אַ סטאַר קומט נישט מיטן לײדיקן. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַן אָפּערעטע „דער אַמעריקאַנער ליטוואַק״, וואָס ס'איז געווען היימיש אַ „קאָניאַק״. אָבער אויפצופירן אַזאַ אָפּע־רעטע האָט געדאַרפט נעמען צײַט. די פּראָצענטער הייבן די סטאָ־רן אָן צו נעמען ערשט נאָך דער פּרעמיערע פון זייער פּיעסע. דער־ווײַל אָבער, ביז דער אויפפירונג דאַרף מען דאָך אויך לעבן, און אין לאָנדאָן איז דער לעבנסקאָסט זייער טײַער און ביז צו דער קרעטשמע דאַרף מען דאָך אויך אַ טרינק בראָנפן. האָט זיי דער דירעקטאָר פאַרגעשלאָגן, אַז ביזן דעביוט פון דער נײַער פּיעסע זאָלן זיי דערווײַל אויפטרעטן אויף די זונטיק־קאָנצערטן וואָס וועט זיי דעקן אַ טייל פון די הוצאות.

היימי האָט זיך אָנגעכאַפּט דערין ווי אַן אַ היים געבראָטנס:

— איצט וועט זײַן — האָט ער זיך געוויצלט — וואָס צו לייגן אין טאָפּ אַרײַן. וואָס דען, פון מײַנע גוטע רעצענזיעס וועל איך לעבן? פאַר אַ גוטע רעצענזיע קריגט מען נאָר דעמאָלט גע־באָרגט געלט אין דער באַנק ווען מע וויקלט אין איר אײַן אַ גוטן בריליאַנט. איך זאָג נישט, אַז אַן אַקטיאָר קאָן לעבן אָן אַ גוט וואָרט. ער מוז האָבן די רעצענזיע ווי דאָס לעבן. אָבער צו דער פּרנסה קומט עס נישט. און דאָס וואָס די קינדער וועלן אַמאָל לייענען וועגן זייערע טאַטעס, די יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן אַ לעבן פאַרן יידישן טעאַטער — דאָס איז אויך עפּעס ווערט! כאָטש זיי וועלן עס נישט באַטראַכטן פאַר קיין גרויסער חכמה, דאָך וועלן זיי זײַן שטאָלץ מיט זייערע עלטערן.

באַלד האָבן זיך מרים קרעסין און היימי דזשייקאָבסאָן גענו־מען גרייטן צום ערשטן אויפטריט זייערן אויפן זונטיקדיקן קאָנצערט. עפּעס האָבן זיי געהערט וועגן אַ פויגל, אָבער געניי, וואָס און ווען

און ווי אַזוי ער זעט אויס האָבן זיי נישט געהאַט די קלענסטע אַנונג.

אַז ס'איז געקומען זונטיק האָב איך זיך אָנגעטון דעם פראַק און ווי דער קאָנפעראַנסיער פון ספעקטאַקל איז מײַן אויפגאַבע געווען צו גיין אין אַלע קאַמאַרינען און פרעגן די אַקטיאָרן, וואָס טרעטן אויף, וועגן זייער רעפּערטואַר, וואָסערע נומערן זיי וועלן געבן, כ'זאָל קאָנען צופּאַסן אַ וויץ, אַ ווערטל, וואָס כ'פלעג דורך דער וואָך נישטערן און זוכן פון אונטער דער ערד צו קאָנען עפּעס געפינען אַזוינס וואָס זאָל צוטרעפן דעם עולם. אַזוי ווי איך לייען אין עטלעכע שפּראַכן, האָב איך פון פאַרשידענע צײַטונגען גע־כאַפּט דאָ און דאָרט אַ ווערטל, אַ זאָג, אַ וויציקן געדאַנק און האָב דאָס אַלץ פאַרצוקערט אויף די קאָנצערטן, צוגעפּאַסט צום כאַראַק־טער פון יעדערן אַקטיאָר באַזונדער ביים פאָרשטעלן זיי פאַרן עולם.

גיי איך אַזוי פאַרביי די גאַרדעראָבע פונעם דערמאָנטן בירנ־בוים און גיב אים אַ פרעג:

— חברל, וואָס וועסטו הײַנט דערלאַנגען?

צעשמייכלט ער זיך אַ צופרידענער:

— כ'האָב הײַנט צוגעגרייט אַ וואָזשנע זאַך! כ'וועל אַלעמען דעקן.

פון זײַנע רייד האָב איך פאַרשטאַנען אַז ער האָט זיך פאַר־גומען צו דערלאַנגען איבערן קאָפּ דאָס סטאַרן־פּאָרל, דזשייקאָבסאָן און קרעסין. ער קוקט מיך אָן מיט אַ געמאַכטער ערנסטער מינע:

— אַוודאי וועל איך זיי ווײַזן וואָס בירנבוים קען, אַז זיי וועלן זיך האָבן צו קראַצן.

— אַזוי זיכער ביסטו? מיר דאַכט זיך אַז דו טרײַבסט אַ ביסל איבער. כ'האָב שוין געשפּילט מיט היימי און קרעסין אין נאָרד־אַמעריקע, אין אייראָפּע, און כ'זע נישט נאָך אַזאַ פּאָרל, וואָס זאָל האָבן מער סוקצעס פון זיי.

— דאָס וועלן מיר זען — איז געווען זײַן ענטפער, אַ זיכע־רער און פעסטער.

— אָבער, בירנבוים, זאָג מיר שוין — שטיי איך צו אים צו —

וואָס וועסטו הײַנט געבן? ווי הייסט דער נומער וואָס דו וועסט זינגען. כ׳וויל דאָך דיך פאַרשטעלן ווי ס׳קער צו זײַן. כ׳האָב אַ פּאָר גוטע וויצן אפשר וועל איך זיי קענען צופּאַסן צו דיר.

— הײַנט וועל איך נישט זינגען — מאַכט ער צו מיר פאַר־טרוילעך — נאָר כ׳האָב אַ סצענקע — די פינגער צו לעקן. „דרײַ איינעקלעך" הייסט דער נומער. די איינעקלעך קומען באַגריסן זייער זיידן צו זײַן געבוירנטאָג. איינער איז אַ שעמעוודיקער, דער צווייטער אַ נערוועזער און דער דריטער אַ היקעוואַטער:

— אַזעלכע זאַכן — האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט — איז גוט פאַר לודוויק זאַץ אָבער נישט פאַר דיר.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר פאַרניכטנדיקע אויגן און מיך אָפּגעזידלט אַז איך ווייס נישט וואָס איך רעד.

— בירנבוים — האָב איך אים געוואָרנט — אַז איך ווייס נישט וואָס איך רעד, איז נאָך אַ פראַגע, אָבער אַז דו ווייסט נישט וואָס דו טוסט — אין דעם בין איך זיכער.

די צײַט פון קאָנצערט האָט זיך אָנגערוקט. אַקטיאָרן און אַק־טריסעס זענען אויפגעטראָטן. דער עולם איז נישט געווען קאַרג אויף קיין אַפּלויזן. אַלץ איז געגאַנגען ווי אַ מזמור. כ׳האָב זיך באַמיט אין מײַן קאָנפעראַנסיע אַרײַנצוברענגען דעם עולם וואָס מער אין אַ גוטער געמיטלעכער שטימונג, וואָס ס׳איז מיר דעם זונטיק גראָד געלונגען, ווײַל דער עולם האָט זיך געפילט יום־טובדיק צוליב דער גוטער רעקלאַמע וועגן דעם וווּנדער־פּאָרל וואָס וועט אויפטרעטן אויפן הײַנטיקן קאָנצערט — דזשייקאָבסאָן - קרעסין.

היימי איז געווען אָנגעטון אין אַ פראַק, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ פײַערלעכקייט וואָס פּאַסט זיך נישט צופיל צו זײַן זאָרגלאָזיקייט און פרייטלעכקייט פון אַ יונגן זינגער־אַקטיאָר וואָס קען אַ שפּרונג טון ביז דער סטעליע ביים זינגען זײַנע קופּלעטן־לידלעך וואָס רײַסן מיט דעם גלײַכגילטיקסטן מענטש.

מרים קרעסין האָט אויסגעזען, ווי אַ מאַדאָנע, אין אירע בגדי־מלכות. זי האָלט אין איין פרוון איר גלעקלדיקע שטים. ביידע זענען נאָך פאַרפאָרעט הינטער דער בינע צו זען צי אַלץ קלאַפּט

אין אָרדענונג. ביידע האָבן זיי געשטראַלט פון צופריד֞קייט וואָס דער קאָנצערט גייט ווי אויף רעדער. סוף־כל־סוף איז דאָך אַלץ צונויפגעשטיקעוועט און צונויפגעשטעפּט על רגל אַחת ווי אויף איין פוס, ווי אויפן שפּרונג, און דאָך קלאַפּט אַלץ ווי אויף די גרעסטע אײַנגעשטודירטע קאָנצערטן. אויך דער עולם ווײַזט אַרויס זײַן גרויסע צופרידנקייט מיטן פּראָגראַם.

און אָט קומט די ריי אויף בירנבוימען. פאַר זײַן אַרויסקום אויף דער בינע האָב איך אים פאָרגעשטעלט פאַרן עולם גלײַך ווי ער וואָלט עס געווען דער סטאַר, דער טשוואָק פון גאַנצן פּראָגראַם. קיינעם פון די באַטייליקטע האָב איך נישט אַזוי אויסגעלויבט, פאַרשטייט זיך, נישט איבערגעטריבן, ער איז דאָך טאַקע געווען אַ גוטער אַקטיאָר. כ'האָב אים נישט געזשאַלעוועט קיין גוט וואָרט אַזוי ווי ס'האַרץ וואָלט מיר געזאָגט אַז עפּעס נישט אײַנגענעמס וועט דאָ געשען.

ער האָט זיך ענדלעך באַוויזן אויף דער בינע. מ'האָט אים אויפגענומען מיט אַ סך אַפּלויזן און ער איז גלײַך צוגעטרעטן אויפצופירן זײַן נײַסטן נומער וואָס ער האָט אָנגעשריבן ספּעציעל פאַרן הײַנטיקן קאָנצערט. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטעלן די אייניקלעך. אויסגעשטעלט האָט ער דער עיקר אויפן דריטן אייניקל, דעם כבד־פּה, דעם היקעוואַטן וואָס האָט צווישן אַנדערן געזאָגט:
— זיידע ווען דו רעדסט, פיל איך, ווי ס'שיטן זיך פּערל פון דײַן מויל.

דאָס וואָרט „שיט" איז אויף ענגליש גאַנץ פּשוט טינוף, און אַזוי ווי דאָס אייניקל, וואָס ער האָט פאַרגעשטעלט, איז געווען אַ שטאַמלדיקער איז די פראַזע אַרויסגעקומען אַזוי: — זיי ־ זיי ־ דע ווווען דו רע־רעדסט שיט־שיט־שיט זיך אַ־אַ־רוים פּע־פּע־פּערל פּפון דײַן מו־מו־מויל... אויף אַזאַ אופן איז אַדורכגעשמוגלט געוואָרן דער געשמאַקלאָזער ברוטאַלער גראָבער וויץ, וואָס האָט דעם עולם אַרײַנגעבראַכט אין אַ ווײַסן פיבער פון אויפרעג און כעס. ווי אַ שטורעם וואָלט זיך אַ טראַג געטון איבערן זאַל, אַזוי האָט זיך דער גאַנצער עולם פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדן צעפלאַטערטן פויגלגעשפּענסט — גרייט צו פאַרצוקן דעם קרבן זײַנעם. איבערן זאַל

האָט זיך געטראָגן ביז צו דער סטעליע אַ ווילד געטומלערײַ, געקלאַ־פּערײַ, געפּאַטשערײַ, מיט אַ געפּײַף און געסווישטש און געברויז, מיטן באַרימטן געפּאַרסקערײַ מיט די ליפּן אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען.

בירנבוים האָט זיך נישט גערעכנט אַז אַזאַ „אומשולדיקער" „ווייץ" קאָן זײַן אַ סיבה פּאַר אַ מפּלה, ס׳זאָל אַזש אַרויסרופֿן דעם ווילדן צערייצטן פֿויגל פֿון מענטשן־וואַלד. אַ היסטערישן, אַ צו־זאַמענגעבראָכענעם האָב איך אים קוים אַראָפּגע:ומען פֿון דער בינע. מיט זײַן היסטערישן געוויין האָט זיך אָנגעשטעקט מרים קרעסין וואָס האָט צום ערשטן מאָל געזען אַזאַ ווילסטן דורכפֿאַל פֿון אַן אַקטיאָר וואָס מ׳האָט אים מיט צען מינוט פֿריער באַגײַסטערט אַפּלאָדירט און זי האָט איצט פּאַר קיין שום פֿאַל נישט געוואָלט אַרויפֿגיין אויף דער בינע. זי האָט געהאַלטן אין איין וויינען אַז פּאַר אַזאַ ווילדן עולם וויל זי בכלל נישט אויפֿטרעטן.

די בינע בלײַבט ליידיק, וואָס טוט מען? צו דער קרעסין קאָן מען נישט רעדן. זי האָט נאָך אַזוינס נישט געזען אין איר לעבן. אַן אַנשיקעניש מיט אַ פֿויגל, מ׳איז דאָך נישט זיכער מיטן לעבן, ס׳נעמט אַרום אַ גרויל.

כ׳האָב געזען אַז כ׳וועל מיט איר גאָר נישט מאַכן, בין איך אַליין אַרויף אויף דער בינע און האָב געגעבן מײַנס אַן אייגענעם נומער „אין מושב־זקנים" וואָס כ׳האָב דעמאָלט געהאַט אָנגעשריבן. צוליב די שטאַרקע דראַמאַטישע אַקצענטן איז מיר געלונגען צו באַ־רויִקן דעם אויפֿגעבראַכטן עולם.

לויטן פּראָגראַם האָט נאָך מיר געדאַרפֿט אויפֿטרעטן היימי דזשייקאָבסאָן, ווי אַ מוזיקער אין אַ פּאַרוק. איך בין אַרוים פֿאַרן פֿאָרהאַנג און האָב געמאָלדן, אַז איצט וועט אַרויסטרעטן איינער פֿון די גרעסטע דזשאַז־מוזיקער און האָב אָנגערופֿן אַ נאָמען פֿון דער הפֿטורה...

היימי דזשייקאָבסאָן, וואָס האָט גוט באַהערשט די פּיאַנאָ וואָס ס׳איז געווען זײַן שוואַכקייט, האָט זיך באַוויזן פֿאַרן עולם, זיך העפֿלעך פֿאַרנייגט און גלײַך זיך צוגעזעצט צו דער פּיאַנאָ.

זײַנע פינגער זענען פלינק געפלויגן איבער די קלאַווישן. אויף דער פּיאַנאָ האָט ער אויסגעשפּילט אַ דזשאַז-נומער, ווי דער גרעסטער דזשאַז-פּאַכמאַן, אַז דער עולם איז מיטגעריסן געוואָרן פון באַגײַס־טערונג און האָט באַשאַנקען דעם מײַסטער מיט הילכיקע אַפּלאָ־דיסמענטן. איך בין אַרויף אויף דער בינע און האָב אים צוגע־פירט צו דער העל-באַלויכטענער ראַמפּע, אים אַראָפּגענומען זײַן פּאַרוק פון קאָפּ און נצחונדיק אויסגעשריגן:

— אָט דאָס, חשובער עולם, איז אונדזער היימי דזשייקאָבסאָן!

ווידער אַ מאָל האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלויזן. כ׳בין שנעל אַרונטער הינטער די קוליסן און אויף כוח אַרײַנגע־בראַכט די קרעסין, אין גאַנצן אַ דערציטערטע איז זי צו נענטער צו דער ראַמפּע און האָט געזונגען אַ ליד אויף ענגליש וואָס איז אין יענער צײַט געווען דער גרעסטער שלאַגער אויף דער ענגלישער בינע. זי איז געוואָרן באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ פון היימי דזשײ־קאָבסאָן. זיי האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן סוקצעס. כ׳האָב נאָך אין מײַן לעבן נישט געזען אַזאַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג פון אַן אַקטיאָרן־פּאָרל. כ׳האָב געמיינט אַז די ווענט וועלן אײַנפאַלן פון די באַגײַסטערטע בראַוואָס און אַפּלויזן. זיי האָבן פאַרענדיקט דעם ערשטן טייל מיט אַ שלאַגער-דועט און זענען באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ פרישער כוואַליע אָנערקענונג פון גאַנצן התלהבותדיקן צעשמחה־טן עולם.

פּונקט ווי דאָ אויף דער בינע און אין זאַל איז געווען לעבעדיק און פריילעך, אַזוי איז אין קאַמערין, ווו בירנבוים האָט זיך פאַר־שטעקט, געווען פינצטער און ביטער. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער און האָט נישט געקאָנט קומען צו זיך פונעם שווערן קלאַפּ וואָס ער האָט געקריגן פון זײַן עולם. ער האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אין היסטערישן צושטאַנד. קאָלעגן אַקטיאָרן האָבן אים געטרייסט, זײַן פרוי האָט אים געפּרוּווט אײַנגעמען, אָפּווענדן זײַן געדאַנק אויף אַנדערע זאַכן. נאָר ער האָט זיך אויף קיין פאַל נישט געקאָנט באַרויקן.

כ׳האָב נישט געקענט צוקוקן ווי ער לײַדט. אַ רחמנות-געפיל האָט מיך אַרומגענומען צו אים. אַ ווייטיק און צער איז געווען

מאַקס קלאָס אין דריי פאַרשידענע ראָלן: רעכטס: פערדישטשעוקאָ אין
דאָסטאָיעווסקיס „דער אידיאָט"; אין מיטן: אין דער הויפּט־ראָל פון שלום
אַשס „מאָטקע גנב"; לינקס: גראַף אָלשאַניעצקי אין
„דער זינגענדיקער מילנער"

אויסגעגאָסן אויף דער גאַנצער זיצנדיקער פיגור, אַ דערדריקטע, ווי געבויגן פון יסורים און פּײַן.

— הער, בירנבוים, — זאָג איך צו אים, — דו האָסט זונטיק נאָך זונטיק געהאַט דײַן פאַרדינטן דערפאָלג, נו, האָט זיך דיר איין זונטיק נישט אײַנגעגעבן. ווי שטייט עס געשריבן אַז ס'טאָר נישט זײַן קיין איבערשלאַג? ס'האָט געטראָפן אַזוינס וואָס קאָן יעדערן טרעפן. קיינער האָט נישט געמאַכט קיין קאָנטראַקט מיטן רבונו-של-עולם אַז אים וועט עס מײַדן. מע קאָן נישט אײַנרײַסן מיט אַ גאַנצער וועלט. דו מוזסט אויפטרעטן אין צווייטן טייל פון קאָנצערט. זיי רויִק, כ'וועל שוין צוטראַכטן עפּעס אַ טריק און מע וועט דיך גוט אויפנעמען. זײַן פרוי זעפקינאַ און די איבעריקע חברים, דער עיקר, היימי און קרעסין, האָבן אַלע אײַנגעשטימט מיט מיר אַז ער מוז זיך באַווײַזן אין דער צווייטער העלפט פונעם פּראָגראַם און זיך רעאַביליטירן, אָפּוואַשן פון זיך דעם באַקומענעם פויגל.

— גוט — האָט זיך בירנבוים לײַכט צעשמייכלט — כ'וועל טון ווי דו זאָגסט. כ'וועל זיי ווײַזן ווער בירנבוים איז.

דאָס הארץ האָט מיר גוט געקלאַפּט ווען כ'בין אַרויס אויף דער בינע מעלדן אַז בירנבוים וועט אויפטרעטן. כ'האָב זיי געזאָגט אַז ס'איז כלומרשט געקומען אַ דעלעגאַציע פון עולם און האָט געפאָדערט אַז בירנבוים זאָל אויפטרעטן. און כ'האָב זיי דערציילט אַ מעשה, היות ווי די זעפּקינאַ איז אַ שיין ווײַבעלע און עמעצער פאַרגינט נישט דעם בירנבוימען אַזאַ חנעוודיק ווײַבל, האָט ער אים געוואָלט פאַרמיאוסן אין אירע אויגן און ער האָט עס דער ערשטער אַרויסגעלאָזט דעם פויגל פון שטײַג, אויפגעהויבן דעם גרויסן טומל און נאָך אים זענען שוין אַלע מיטגעלאָפן. אָט דעם תירוץ האָב איך באַשמאַלצן מיט אַ רבנישן וויץ. אַ רבי — האָב איך זיי דערציילט — איז אַ מאָל געגאַנגען מיט זײַנע חסידים שפּאַצירן אין פעלד און האָבן גערעדט דברי-תורה. די סטעזשקע איז געווען אַ שמאָלע. פון ביידע זײַטן איז געוואַקסן הויך דער קאָרן. פּלוצעם קומט זיי אַנטקעגן אַ חזיר. די חסידים האָבן גענומען שרײַען: — רבי, וואָס טוט מען? אַ חזיר גייט! זאָגט דער רבי:

— נו, איז וואָסי? צווישן אַזוי פֿיל חסידים מעג דאָך זײַן איין חזיר אויך. מיט דעם האָב איך געגעבן אָנצוהערן אויף דעם בחורעץ וואָס האָט אָנגעהויבן געבן דעם פֿויגל. און גלײַכצײַטיק זיי אַלע רייניגוואַשן פֿון שולד. אָט דער משל האָט געווירקט. דער עולם האָט געשמייכלט, און איז געווען צופֿרידן וואָס כ׳האָב זיי נישט צו:ויפגעמישט מיטן בייזוויליקן ערשטן פֿויגל־געבער.

כ׳האָב אַרײַנגעפֿירט בירנבוימען, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט גאָר אַ גרויסן אַפּלויז. ער איז געשטאַנען פֿאַרן עולם מיט אַ קלוג שמייכעלע אַרום די מוילווינקלען, ווי איינער זאָגט: איך האָב אָפּגעטון אַ חזירישקייט און זיי אָנערקע:ען זייער פֿעלער. מיט אַ ווונק האָב איך אים געוויזן, אַז מײַן אײַנפֿאַל איז געווען אַ גוטער און אים שטיל געזאָגט:

— חברל, דערלאַנג לשון!

כ׳בין אַראָפּ פֿון דער בינע און אים געלאָזט אַליין — פּנים אל פּנים מיטן עולם.

ס׳איז נישט געווען צו גלייבן. ס׳איז אָבער דאָך אַן אמת. אַנשטאָט צו זינגען עפּעס אַ ליד, וואָס זאָל ענדגילטיק אָפּווישן דעם פּרי:ערדיקן פֿויגל־סקאַנדאַל, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געהאַט געווען, האָט ער פֿאַרגעזעצט דעם איבערגעריסענעם נומער, די וויַיטערדיקע היקעוואַטע רייד פֿונעם שטאַמלדיקן אײַ:יקל מיט דער זעלבער פֿראַזע „פּערל שיט־שיט־שיט־שיטן זיך פֿון... נו, נו, דער צווייטער פֿויגל איז געווען אַזאַ מוראַדיקער אַז דער פּרי:ערדיקער, דער ערשטער איז געווען אַ שוועלבעלע קעגן דעם צווייטן ריזיקן פֿויגל. משונהדיקע טופּערײַען און פֿאַרסקערײַען מיט די ליפּן האָבן זיך געמישט מיט באַנומענע געשרייען:

— אַראָפּ פֿון דער בינע, אַראָפּ!

בירנבוים האָט, פֿאַרשטייט זיך, געוואָרפֿן די שולד אויף מיר, אַז איך האָב עם אים אונטערגעפֿירט. כ׳האָב אים נישט באַדאַרפֿט צורעדן אַז ער זאָל נאָך אַ מאָל אויפֿטרעטן. אַז ער האָט נישט געטאָרט פֿאַרזעצן דעם פּאַטאַלן נומער — דאָס האָט ער זיך נישט

פאַרגעוואָרפן, אַז דער נומער איז אים געפעלן — האָט ער געהאַל־טן — דאַרפן אַלע פון אים קווען.

כ׳האָב אים נאָר געענטפערט אַז מע טאָר נישט גיין מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַרײַן. ער האָט שוין איין מאָל גע־קראָגן איבערן קאָפּ און ער האָט גאָרנישט געלערנט דערפון. נאָכן צווייטן מאָל איז עס אים שוין גוט אַרײַן אין קאָפּ. דער צווייטער פויגל איז אים געווען צו רפואה, ווײַל אַלץ, וואָס ער האָט שפּע־טער געשריבן און פאָרגעבראַכט פאַרן עולם, האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

אַ גערעטעוועטער

ווי שוין דערמאָנט, בין איך יעדער זונטיק פֿאַרן קאָנצערט פֿאַרבײַגעגאַנגען די קאַמאַרינען צו וויסן ווער פֿון די אַקטיאָרן גייט פֿריִער און ווער שפּעטער; וואָס יעדער איינער פֿון זיי האָט צוגע־גרייט צום הײַנטיקן קאָנצערט, וואָסערע נײַע נומערן יעדער גיט, כ׳זאָל וויסן ווי צו פֿירן דעם ספּעקטאַקל, אַז אַלץ זאָל קלאַפּן.

איין מאָל אין אַ זונטיק גיי איך פֿאַרבײַ אַ קאַמאַרין און זע ווי ס׳שטייט אַן אויסערגעוויינלעכע הויכע פֿרוי. כ׳בין געבליבן דער־שטוינט. ווער קען עס זײַן? קיין עקסטרע אַקטיאָרן צום הײַנטיקן זונטיק־קאָנצערט זענען דאָך נישט געוואָרן אַנגאַזשירט, טאָ וואָס טוט דאָ די פֿרעמדע פֿרוי, כ׳וויל שוין צוגיין זי פֿרעגן ווער זי איז און וואָס טוט זי דאָ אין אַ קאַמאַרין פֿאַר מענער. כ׳גיב אויף איר אַ קוק און דערזע גלײַך אַז ס׳איז אַן איבערגעטוענער אַקטיאָר, אַ הויכגעוויקסיקער, איינער פֿון דער טרופּע:

— וואָס טוט זיך מיט דיר — גיב איך אים אַ פֿרעג — ביסט פֿון זינען אַראָפּ, צי וואָס? וואָס הייסט, דו טוסט זיך איבער פֿאַר אַ פֿרוי? ווילסט אימיטירן אַ זינגערין?

— וואָס פֿאַלט דיר אײַן! — מאַכט ער צו מיר אין גאַנצן ערנסט — כ׳האָב זייער אַ שיין ליד, נאָר געשריבן פֿאַר אַ פֿרוי. ווי אַ מאַנספּאַרשוין קאָן איך עס נישט זינגען, ווײַל מע וועט לאַכן פֿון מיר. אַוועקגעבן עס אַ זינגערין איז מיר אַ שאָד. ס׳איז אַ צו שיין ליד, אַז כ׳זאָל עס עמעצן אַוועקשענקען. האָב איך באַרעכנט אַז ס׳גלײַכסטע וועט זײַן זיך צו פֿאַרקליידן פֿאַר אַ פֿרוי און כ׳וועל עס דערלאַנגען אַזוי אַז דער רוח וועט עס נעמען.

דער בראָך איז פֿאַרטיק — טראַכט איך מיר — אַ פֿרישער

קרבן פונעם פויגל. ער איז צו זיכער אין זיך. אַן אַקטיאָר טאָר קיין מאָל נישט זײַן צוגעגרייט אויף אַ זיכערן דערפאָלג. ער טאָר קיין מאָל נישט גיין אויף קיין זיכערע בריק. מע מוז שטענדיק זײַן פאַרזיכטיק און צולאָזן דעם געדאַנק אַז ס׳קאָן עמעצן נישט געפעלן. און ס׳איז גענוג אַז איינער זאָל אַ וואָרף טון אַ שוועבעלע פון אומצופרידנקייט אַז דער גאַנצער זאַל זאָל אויפרײַסן ווי אַ פאַס פולווער.

כ׳האָב שוין פון דער מינוט אָן נישט געהאַט קיין רו און נישט אויפגעהערט טראַכטן, ווי אַזוי ראַטעוועט מען אים פונעם פויגל. און ווען ס׳איז געקומען דער מאָמענט פון זײַן אויפטריט איז מיר ווי אַ בליץ אײַנגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק.

כ׳בין אַרויף אויף דער בינע און אָנגערופן עטלעכע נעמען פון באַקאַנטע פרײַנד, צי זיי געפינען זיך דאָ אין זאַל. דער עיקר האָב איך זיך געווענדט צום יונגוואַרג אויפן באַלקאָן. גלײַכצײַטיק האָב איך צום עולם אין זאַל געמאַכט אַ רחמנות־פּנים:

— חשובער עולם, ליבע פרײַנד, איך ווענד זיך צו אײַך אין אַ מאָמענט פון פאַרצווייפלונג. איך נייטיק זיך אין אײַער הילף. מײַן שוועסטער איז געקומען פון פוילן. זי איז אַן אָנגעזעענע אַקטריסע און נאָך אַ בעסערע זינגערין. דער דירעקטאָר בלומענטאַל גיט איר די געלעגנהייט אויפצוטרעטן הײַנט פאַר אײַך. וועט זי האָבן סוקצעס וועט זי בלײַבן מיט אונדז, און אויב נישט — דאַרף זי אײַנפּאַקן די רענצלעך און פאָרן צוריק אינעם פינצטערן פוילן. על־כּן בעט איך אײַך, איר זאָלט מיר בײַהילפיק זײַן און זי אויפנעמען ווי ס׳קער צו זײַן, אַז מײַן שוועסטער זאָל קאָנען בלײַבן מיט מיר אין לאָנדאָן.

באַלד האָבן זיך דערהערט שטימען פון זאַל:

— קאַמאָן, קלאַס!

— זאָל די שוועסטער זינגען!

— מיר וועלן העלפן!

ווי נאָר כ׳האָב אים אַרויפגעבראַכט אויף די בינע־ברעטער, דעם הויכן דראָנג, האָט זיך דערהערט אַ הילכיק געלעכטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם עולם אין זאַל. דער הויכער אַקטיאָר, אי־



צוויי באַזונדערע ראָלן פון מאַקס קלאָס; פון רעכטס: מענדל אַרענדאַר אין שלום אַשס „קידוש־השם", און איציק וואַסערטרעגער אין „די חסידישע חתונה" פון מ. אוריעל

בערגעטון אין די לאַנגע פרויען־קליידער, האָט אויסגעזען שרעקלעך קאָמיש. די לאַנגע קליידער האָבן אים געמאַכט נאָך לענגער און גרעסער ווי ער איז געווען אין דער אמתן. דער עולם האָט אים נאָך נישט געהאַט דערקענט. מ׳האָט געמיינט אַז איך קלאָם האָב אַזאַ קאָלאָס אַ שוועסטער!

גלײַך ווי דער אַקטיאָר האָט אָנגעהויבן זינגען האָבן זיי אים דערקענט, און אָנגעהויבן לאַכן אָן אויפהער. מ׳האָט רעכט נישט געהערט וואָס ער זינגט. און אַדאַנק מײַן אײַנפאַל מיט דער צוגע־טשעפּעטער שוועסטער — האָבן אַלע חברים מודה געווען — האָט ער זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן פויגל.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

אַנאַ יאַקובאָוויטש און מאַלי פּיקאָן

אַנאָ יאַקובאָוויטש איז אויפֿגעטראָטן מיט גרויס דערפֿאָלג אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער. זי איז געווען דער ליבלינג פֿונעם עולם אויף די זונטיק-קאָנצערטן. אירע האַרציקע פֿאָלקסלידער, וואָס זי האָט געזונגען מיט אַ סך געפֿיל, האָבן אַרײַנגעבראַכט דעם עולם אין אַן עקסטאַז, און דער עיקר, מיט וואָס זי האָט זיך אײַנגעקויפֿט אין יחוס איז געווען די ליטורגישע נגינה. מיט די חזנישע נומערן האָט זי באַגײַסטערט דעם זונטיקדיקן עולם וואָס האָט זי נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון דער בינע און זי האָט כסדר געמוזט נאָכקומען דעם „בים” און איבערחזרן צוויי מאָל אַ לעצטן סטראָף און נאָך צוגעבן נאָך אַ חזנישן מאָטיוו אַ וואָלאַכל, אָדער אַ חסידישן דב־קותדיקן ניגון אויף אַ לעצטן בים.

דער עולם האָט זיך גאַרנישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט אירע האַרציקע חזנישע מאָטיוון — איינער שענער פֿון אַנדערן. נישט אויף איין קאָנצערט זענען געקומען חזנים מיט נעמען הערן די יאַקובאָוויטשן זינגען און האָבן נאָך דעם אויסגעדריקט זייער באַ־גײַסטערונג פֿאַר איר חזנישער שירה, וואָס איז געווען אַן אמתער שיר־השירים.

אין דער זעלביקער צײַט, וואָס אַנאַ יאַקובאָוויטש האָט גע־קיניגט אין פּאַוויליאָן-טעאַטער איז אויפֿגעטראָטן מאַלי פּיקאָן אין גרעסטן מוזיק-האָל אין לאָנדאָן, פֿאַרשטייט זיך, אויף ענגליש. און אויך אָפּגעהאַלטן גרויסע אַרטיסטישע נצחונות.

דעם דירעקטאָר, נייטן בלומענטאַל, איז געגאַנגען אין לעבן צו קריגן מאַלי פּיקאָן אויף אַן אַרויסטריט אויף די זונטיק-קאָנצערטן. נאָך לאַנגע באַמיִונגען און נאָכן באַזײַטיקן אַלע שטערונגען, האָט

זיך אים איינגעגעבן צו פאַרקאָנטראַקטירן מאַלי פּיקאָן אויף איין זונטיקדיקן קאָנצערט.

איר מאַן, יעקב קאַליך, איז געווען אַן אַדורכגעטריבענער ראַ־פינירטער געשעפטמאַן, אָבער נאָך אַ גרעסערער טעאַטראַל. ער האָט צוגעגרייט אַלץ וואָס איז געווען נייטיק, אַז מאַלי פּיקאָנס אויפטריט אין פּאַוויליאָן־טעאַטער אויפן זונטיקדיקן קאָנצערט, זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טעאַטער־סענסאַציע.

יעקב קאַליך האָט אָפּגעמאַכט מיט בלומענטאַל אַז אין דער צווייטער העלפט פונעם פּראָגראַם וועט אויפטרעטן בלויז מאַלי פּי־קאָן אַליין. די גאַנצע אַנדערע טייל געהערט איר. אינעם ערשטן האַלבן פּראָגראַם וועלן אויפטרעטן די אַנסאַמבל־מיטגלידער מיט איינצלנע נומערן און שליסן וועט די ערשטע העלפט אַנאַ יאַקו־באָוויטש.

דורך דער צייט, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן מיט דער יאַקובאָוויטש, האָט זי אָפט מאָל אויסגעדריקט איר צופרידנ־קייט און אונטערגעשטראָכן מיין אויפריכטיקן חברישן זיך באַנעמען מיט קאָלעגן אַקטיאָרן. איך האָב אויך געהאַט צוגעשריבן עטלע־כע סצענקעס צו אירע פּיעסן און זי האָט זיך גערעכנט מיט מיין מיינונג.

אינעם זונטיק פון מאַלי פּיקאָנס אַרויסטריט, ווען די אַטמאָס־פער אין טעאַטער איז געווען געשפּאַנט ווי אַ פּויק — נאָר צום פּלאַצן, האָב איך אויף אַן איידעלן אופן געפרעגט די יאַקובאָוויטשן וואָס זי וועט זינגען ביים שליסן דעם ערשטן טייל פונעם קאָנצערט.

אַנאַ האָט מיר אויסגערעכנט עטלעכע שיינע לידער, אַלע שלאַ־גערס. איך האָב איר געראָטן היינטיקן אָוונט נישט צו זינגען קיין לידער, מעגן זיי זיין די בעסטע, נאָר בעסער אויפטרעטן מיט חזנישע נומערן, דאָס וואָס מאַלי פּיקאָן וועט זיכער נישט זינגען.

זי האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווייל און צוגערופן איר מאַן. אַנאַ האָט אים איבערגעגעבן מיין מיינונג. איר מאַן האָט אַפילו נישט געגעבן קיין טראַכט נאָר גלייך געזאָגט:

— אַוודאי, ריכטיק ווי גאָלד, קלאַס איז גערעכט.

דעם קאָנצערט פון די אויפטריטן פון צוויי פרויען־ריוואַלן וועל איך אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן. אַנאַ יאַקובאָוויטש האָט גע־



מאַקס קלאָס אין דער ראָל פון זעליק גנב אין שלום אַשס „תהילים־ייִד",
אויפגעפירט דורך מאָריס שוואַרץ אין טעאַטער „עקסעלסיאָר"

שלאָסן דעם ערשטן טייל פונעם קאָנצערט בלויז מיט חזנישע תּפילה-לידער און געהאַט אַ ריזיקן דערפֿאָלג.

ביַים אָנהייב פֿון צווייטן טייל איז צום ערשטן אַרויס יעקבֿ קאַליך און מיט אַ פּאָר שאַרפֿזיניקע וויצן און אַנעקדאָטן האָט ער געוווּנען דעם עולם אויף זײַן זײַט. נאָך דעם איז אויפֿגעטראָטן מאַלי פּיקאָן. איך דאַרף זי נישט דאָ פּאָר איַיך איצט אויסלויבן און באַזינגען. די גרעסטע טעאַטער-קריטיקערס און שרײַבערס און סתם מבֿינים אויף ייִדיש טעאַטער-שפּיל האָבן נאָך אַלץ נישט דער-זאָגט און נישט דערשריבן וועגן איר וווּנדערלעכן כּישופֿדיקן רייַץ און צוציקראַפֿט אויף דער בינע, וועגן איר כּוח פֿון פֿאַנגען און באַ-גײַסטערן אַן עולם, וואָס זאָל זי פֿאַרגעטערן אַ גאַנץ לעבן.

איך וויל נאָר דאָ אונטערשטרײַכן אַז איר אומפֿאַרגלײַכ-ביקער אויפֿטריט האָט זיך פֿאַרצויגן מער ווי מיט אַ גאַנצער שעה צײַט. דער באַגײַסטערטער עולם האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין. מ'האָט געיובֿלט, געשריגן, געליאַרעמט מיט די העכסטע עקסטאַ-טישע קולות:

— בראַוואָ, מאַלי פּיקאָן!... בים!... בים!

מאַלי פּיקאָן האָט געזונגען איין ליד אויף בים און נאָך אַ ליד אויף בים. און אַ נעכטיקער טאָג! מע לאָזט זי אַלץ נישט אַראָפּ פֿון דער בינע. מע וויל נאָך און נאָך! און וואָס מער זי האָט געזונגען, אַלץ מער האָט דער עולם אַפּלאָדירט און געשטורעמט און נישט אויפֿגעהערט אַפּלאָדירן.

דאָס איז געווען דער שענסטער, דער דאַנקבאַרסטער פֿויגל וואָס דער לאָנדאָנער ייִדישער טעאַטער און קאָנצערט-עולם האָט באַשאָנקען אַ קינסטלערין, אַ געבענטשטע פֿון גאָט, מיט אַלע מע-לות, ווי ס'האָט דאָס פֿאַרמאָגט מאַלי פּיקאָן אין דער שענסטער גאָלדענער בלי-עפּאָכע פֿון ייִדישן טעאַטער.

קאַפּיטל נײַן און צוואַנציק

דיאַנאַ בלומענפעלדס ווינטשפינגערל

אין די דרײַסיקער יאָרן זענען זיגמונט טורקאָוו מיט אידאַ קאַמינסקי געקומען אויף גאַסטראָלן קיין בעלגיע. מיט זייערע פאָרשטעלונגען האָבן זיי אַרײַנגעבראַכט יום־טובדיקייט און דערהויבנקייט אין בעלגישן ייִדישן לעבן, איבער הויפּט צווישן די בריליאַנטן־שלײַפערס, וואָס זענען, ווי קולטור־מענטשן, געווען אויסגעבענקט נאָכן בעסערן ייִדישן טעאַטער.

נאָך אַ ריי דערפאָלגרײַכע אויפפירונגען האָט זיגמונט טורקאָוו אַראָפּגעבראַכט אַהער פון וואַרשע זײַן שוועגערין, די קליינע חנעוודיקע דיאַנאַ בלומענפעלד, אַ גאָט־געבענטשטע אַקטריסע, וואָס אַז מ׳האָט געדאַרפט איז זי אויך געווען אַ זינגערין און נישט סתם אַ זינגערין, נאָר מיט האַרץ און נשמה, מיט אַ סך געפיל און ליריזם, וואָס האָט דעם צושויער אַרײַנגעבראַכט אין באַגײַסטערונג.

דיאַנאַ בלומענפעלד האָב איך ביז דעמאָלט נישט געהאַט געקענט פּערזענלעך. כ׳האָב געוווּסט פון איר בלויז דאָס וואָס ס׳איז געווען געשריבן אין די צײַטונגען און זשורנאַלן וועגן אירע אויפטריטן אינדיווידועלע און אין אַנסאַמבלען.

ווען כ׳האָב זיך באַקענט מיט איר, מיט דער דראָבנער, שיקאָוונער, רייצנדיקער דיאַנאַ, ווען זי איז געקומען צו אונדז אין אַנטווערפּן, בין איך גלײַך געפאַנגען געוואָרן פון אירע גרויסע שיינע ייִדישע ברוינע אויגן מיט אַ בורשטינענעם גלאַנץ, וואָס גלעט און וואַרעמט און געווינט דיך גלײַך פאַר אַ פרײַנד.

איר אָנקומען האָט אַרויסגערופן אַ לעבהאַפטיקע אויפרודערונג אין אַלע קרײַזן פון ייִדישן קולטורעלן אַנטווערפּן. אַלעמען איז זי געווען באַקאַנט, אַלע האָבן געוווּסט וועגן איר, געלייענט וועגן דער

אַלזײַטיק־באַגאַבטער קינסטלערין וואָס איז געווען באַליבט און גע־ווען אַ שם־דבר בײַם בעסערן ייִדישן טעאַטער־עולם אין וואַרשע.

זיגמונט טורקאָוו האָט זי אַראָפּגעבראַכט צוליב אַ ראָלע, וואָס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר דער דראַמע, נישט הויך גע־וויקסיקער אָבער פֿול מיט שיק, טעם און פּרוויִשקייט, ווי ס׳איז עס געווען דיאַנאַ בלומענפֿעלד, די פֿרוי פֿונעם אַקטיאָר און רע־זשיסער יאָנאַס טורקאָוו. אין דער פּיעסע, וווּ זי האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, אַ טאָכטער פֿון אַ פֿראַנצויזישן דיגניטאַר, האָט דיאַנאַ בלומענפֿעלד געהאַט אַן אויסגעצייכנטן, קאָלאָסאַלן דערפֿאָלג.

אין אויסדרוק פֿון דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פֿאַרן נחת־רוח, וואָס זי האָט פֿאַרשאַפֿט מיט איר שפּילן, האָט דער באַוווּסטער מע־צענאַט און טעאַטער־ליבהאָבער, דער אָנטווערפּענער תּושב, רינגער, געשאָנקען דיאַנאַ בלומענפֿעלד אַ ברילייאַנטן־רינגל, אויסדריקנדיק מיט דעם זײַן באַגײַסטערונג פֿאַרן פֿאַרשאַפֿן אַ גײַסטיקן געניום די בעלגישע ייִדן מיט איר גלענצנדיקן שפּילן. דאָס איז געווען דאָס ווינטשפּינגערל פֿון אָנערקענונג, וואָס יעדער אַקטיאָר, און דער עיקר אַקטריסע, חלומט וועגן דעם פֿון ערשטן טאָג אָן ווען זי באַ־טרעט די בינע־ברעטער, אַ באַלויכטענע פֿון רעפֿלעקטאָרן־שײַן, און אין שײַן פֿונעם ראַמפּע־ליכט, וואָס טראָגט זי אַוועק אין אַנדערע חלומותדיקע פֿאַנטאַסטישע וועלטן, אין די וועלטן פֿון די טעאַטער־פּיעסן, דראַמעס און קאָמעדיעס פֿון גרויסע דראַמאַטורגן, די מיט־שותּפים פֿון דער פּילפֿאַרביקער און פֿילגעשטאַלטיקער טעאַטראַלער קונסט.

די באַגאַבטע אַקטריסע, דיאַנאַ בלומענפֿעלד, הגם זי האָט זיך געפֿונען אויף אַן אינטעלעקטועלער הייך און האָט געהערט צו דער שוישפּילערישער עליטע, האָט זיך באַצויגן צו די אַקטיאָרן פֿון דער טרופּע פּשוט, מענטשלעך, חבריש, קאָלעגיאַל. זי האָט קיין מאָל און קיינעם נישט געגעבן אָנצוגעהערן אַז זי שטייט אויף אַ שטאַפּל, צי צען שטאַפּלען העכער פֿון אַנדערע און מע דאַרף איר דערפֿאַר מער רעספּעקטירן, ווי אַ בעסערן מענטש. זי האָט קיינעם נישט אונטערגעשאַצט און אויך נישט איבערגעשאַצט דעם ווערט און מדרגה פֿון אַקטיאָרן, אַפֿילו פֿון די וואָס האָבן מיטגעהאַלטן טראָט בײַם אינטערפּרעטירן זייערע ראָלן באַגלײַך מיט די קינסטלער־

מאָריס שוואַרצס אינסצעניזאַציע פון י. ל. פרצס „דריי מתנות“, אויפֿ־
געפֿירט אין טעאַטער „מיטרע“; מאַקס קלאָס ווי יוחנן דער וואַסערטרעגער,
און מאָריס שוואַרץ אַלס יואל דער קלעזמער

גאסטראָלערן. יעדערן פון די אַקטיאָרן האָט זי צוגעטיילט איר וווּנדערלעכן שמייכל און אירע צאַרטע חברישע ווערטער, וואָס מיר אַקטיאָרן האָבן עס אויפגענומען ווי אַן אויסנעם פון זעלטענער מענטשלעכער באַציִונג צווישן אַקטיאָרן. אָט אַזוי דאַרף אויסזען — האָבן מיר געטראַכט ביי זיך — אַ מוסטער פון אַן אינטעליגענטן, אַ שטאָלצן, ווירדיקן יידישן אַקטיאָר וואָס זאָל ווערט זיין דעם נאָמען מיט וואָס דאָס פאָלק דאַרף און קען זיך גריישן.

נאָכן פאַרענדיקן אירע גאַסטשפילן האָט דיאַנאַ בלומענפעלד איבערגעלאָזט אַ גוטן און שיינעם נאָמען פון אַ הויכטאַלענטירטער אַקטריסע און אַן איידעלן און אינטערעסאַנטן מענטש און דער עיקר, פאַר זיך — אַן אָפענע טיר — צו קאָנען ווידער אַ מאָל קומען קיין בעלגיע שפּילן יידיש טעאַטער און אויפגענומען ווערן דורכן יידישן טעאַטער־עולם מיט דער זעלביקער האַרציקייט, וואָס דער קולמינאַציע־פּונקט איז געקומען צום אויסדרוק דורכן באַקומען ווי אַ געשאַנק דאָס סימבאָלישע ווינטשפינגערל פון אָנערקענונג.

מע קען זיך לייכט פאָרשטעלן וואָסערע געפילן ס'האָבן באַהערשט די שוישפּילערס, וואָס דיאַנאַ בלומענפעלד, די טעמעדיקע און חנעוודיקע אַקטריסע האָט זיך איינגעקריצט ביי זיי אין זייער זכרון און די אַלע טויזנטער טעאַטער־ליבהאָבערס, פאַרערערס פון דער אייגנאַרטיקער שוישפּילערין, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז זי איז געבליבן פאַרקלעמט צוזאַמען מיט איר מאַן, יאָנאַס טורקאָוו צווישן די מויערן פונעם וואַרשעווער געטאָ, ווו די טויט־סכנות האָבן געלויערט אויף טריט און שריט.

נישט געקוקט אויף די אַלע געפאַרן, זייענדיק אויסגעשטעלט געפּייניקט צו ווערן דורך די נאַצישע רוצחים, איז דיאַנאַ בלומענפעלד אויפגעטרעטן מיט יידישע לידער, מיט וואָרט־רעציטאַלן פאַר וואַרשעווער געטאָ־יידן, וואָס זי האָט דערפרייט זייערע הערצער מיט האַרציקער יידישער נגינה, מיט לידער פול מיט בטחון, וואָס אויך דאָס איז געווען אַ פאָרעם פון אַקטיוון קאַמף קעגן דער דייטשער אַכזריות, קעגנצווווירקן דעם אַריינפאַל אין יאוש, זיך קעגנשטעלן דער פאַרצווייפלונג און אָפּהענטיקייט און נישט לאָזן פאַלן דעם מוט ביים צעפּייניקטן געטאָ־ייד, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אינעם יידישן האָפערדיקן ליד, אויסגעזונגען דורכן פערלדיקן מויל

פון אַ ייִדישער זינגערין אין געטאָ מיט די ווערטער פון ייִדישן פאָלקלאָר־ליד: גענוג, ייִדן, זײַט זיך נישט מייאש!

דער אופן, ווי אַזוי די וווּנדערלעכע געטאָ־זינגערין דיאַנאַ בלומענפעלד איז לעבן געבליבן, איז אַרויס גאַנץ פונעם מאַסן־אומקום פון די פּוילישע ייִדן און פון וואַרשעווער געטאָ — אָט די שווידערלעכע טראַגישע און העראָישע עפּאָפּייע — האָט אַרויסגעבראַכט איר מאַן, דער באַוווּסטער שוישפּילער און רעזשיסער, יאָנאַס טורקאָוו אין זײַנע דאָקומענטאַרע ביכער זכרונות „נאָך דער באַפרײַונג", „אַזוי איז דאָס געווען", „אין קאַמף פאַרן לעבן" און „פאַרלאָשענע שטערן", דערשינען אין פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו און פאַרלאַג־לייטונג פון אַברהם מיטלבערג.

* * *

אין 1955 האָב איך זיך געטראָפן אין בראַזיל מיט ביידע, מיט יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד, אין דער שענסטער שטאָט פון דער וועלט — אין ריאָ דע זשאַניירא. ס'איז געווען נאָך זייערע גאַסטראָלן אין בוענאָס־אײַרעס און זיי זענען געקומען שפּילן אין ריאָ.

באַלד בײַ אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט יאָנאַס טורקאָוו אויסגערופן:

— ענדלעך האָב איך די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן שוישפּילער וואָס מײַן פרוי האָט אַזוי פיל אָנדערציילט וועגן אים, באַוווּנדערנדיק זײַן אויסגעצייכנטן פענאָמענאַלן זכרון, זיך אומצולערנען אַ ראָלע על רגל אחת, אַזוי ווי אויפן שפּרונג.

איך האָב אויסגעדריקט מײַן דאַנק דיאַנאַ בלומענפעלד וואָס זי האָט נישט פאַרגעסן אין מיר.

— כ'וואָלט זיך נאָר געוואָלט ווינטשן — האָב איך צוגעגעבן — כאָטש נאָך אַ מאָל צו שפּילן מיט איר, מיט דיאַנען אין איין פּיעסע.

— איך פאַרזיכער אײַך — האָט מיר צוגעזאָגט יאָנאַס טורקאָוו — אַז מיר וועלן ווידער קומען קיין בוענאָס־אײַרעס שפּילן

ייִדיש טעאַטער און דעמאָלט וועט איר זיכער זיך באַטייליקן אינעם אַנסאַמבל.

ליידער איז דער גורל נישט געווען אַזוי באַרעמהאַרציק. ער האָט אַנדערש געוואָלט און פון זייערע אַלע חלומות און פלענער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. זיי זענען צערונען געוואָרן אונטער די הענט. דאָס שווערע פײַנפולע לעבן, וואָס דיאַנאַ בלומענפעלד האָט מיטגעמאַכט צום ערשט אין וואַרשעווער געטאָ און שפעטער אויף דער אַרישער זײַט און ווי אַ מענטש אַ קינסטלער, מיט פאַרשאַרפטע געפילן, האָט זי אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן אירע ברידער און שוועסטערס וואָס זענען געבליבן אויסגעשטעלט אויפן ווילקיר פון די דײַטשע רוצחים. אויסגעשטעלט אויף אַ זיכערן אומקום, דורכצומאַכן דעם פײַנוועג, גיין דעם לעצטן וועג על קידוש־השם!

איך בין זיכער, אַז אַט די גרוילבילדער האָבן זי פאַרפאָלגט ביזן לעצטן אָטעמצוג; האָבן זי באַגלייט די גאַנצע צײַט אַפילו דעמאָלט ווען דער שונא איז שוין געווען אומשעדלעך, ווען די נאַצישע שלאַנג איז שוין געווען צעהאַקט אויף שטיקלעך. די יסורימדיקע איבערלעבענישן אירע זענען פון איר נישט אָפגעטרעטן און ס'קאָן זײַן אַז דאָס איז געווען די עיקר־סיבה, וואָס האָט אונטערגעבראָכן איר געזונט און צוגעאײַלט איר פריצײַטיקן טויט.

אַ שיין זינגענדיק לעבן, אַ לעבן, וואָס האָט דערפרייט דעם לײַדנדיקן ייִדישן מענטש אין וואַרשעווער געטאָ, און בכלל דעם ייִדישן טעאַטער־גייער, איז אויסגעלאָשן געוואָרן — אַן אומדירעקטער קרבן און קדוש וואָס דער נאַצישער רויבפויגל האָט צו איר, צו דער ליכטיקער דיאַנאַ בלומענפעלד, דערגרייכט אין דער ווײַט, אין ווײַטן צפון־אַמעריקע. די ייִדישע וועלט אָבער וועט די שוישפילערין דיאַנאַ בלומענפעלד קיין מאָל נישט פאַרגעסן און שטענדיק דערמאָנען מיט כבוד איר הייליקן אָנדענק.

קאַפּיטל דרײַסיק

דער פֿאָלקס־קינסטלער רודאָלף זאַסלאַווסקי

דער אומפֿאַרגעסלעכער פֿאָלקס־אַקטיאָר, רודאָלף זאַסלאַווסקי, וואָס האָט קינסטלעריש פֿאַרקערפּערט און געשאַפֿן אַ מאָנומענטאַלע געשטאַלט פֿון שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער", און שימעלע סאָראָקער פֿון „דאָס גרויסע געווינס" און אויך יעקב גאָרדינס עכט־טעאַטראַלע טיפּן, וואָס די אַלע געשטאַלטן האָבן אים, באַרימט געמאַכט אין דער גאָרער ייִדישער וועלט — אָט דער גרויסער קינסטלער האָט בײַם לעבן איבערגעלעבט זײַן אייגענעם טויט.

עד־היום איז נישט באַוווּסט, ווער ס'האָט אין די דרײַסיקער יאָרן אַרײַנגעגעבן אין די פּאַריזער און אויך אַנדערע אייראָפּעיִשע צײַטונגען און זשורנאַלן אַ נעקראָלאָג נאָכן טויט פֿון רודאָלף זאַסלאַווסקי, וואָס ס'האָט זיך געזאָגט אין אים שוואַרץ אויף ווײַס אַז דער גרויסער אַקטיאָר איז פּלוצים געשטאָרבן אינעם קוראָרט צאָפּאָט.

באַלד האָבן זיך אין די זעלביקע צײַטונגען באַוויזן הספד־אַרטיקלען וועגן דער ראָל, פֿאַרדינסטן, מײַסטערשאַפֿט און גרויסקייט פֿון רודאָלף זאַסלאַווסקי, וואָס איז אין סאַמע בלי פֿון זײַן אַקטיאָריש לעבן אַוועק אין דער אייביקייט, אַן אַקטיאָר, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ באַזונדער אייגן אָרט אויף דער אַקטיאָרישער מזרח־וואַנט פֿונעם ייִדישן טעאַטער.

מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן, ווי מיר, אַקטיאָרן און פֿאַרערערס פֿונעם גרויסן קינסטלער, האָבן זיך געפֿילט דערשיטערט פֿון אָט דער טרויעריקער בשורה. מיר האָבן זיך גלײַך פֿאַרשטענדיקט מיט דער קהילה אין דאַנציק בכדי געוואָר צו ווערן מערערע פּרטים. ווי דערשטוינט זענען מיר אַלע געוואָרן, ווען מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז ס'איז געווען

אַ בייזוויליקער בילבול אויף אים, אַז זאַסלאַווסקי לעבט און איז ביים בעסטן געזונט.

די גאַנצע מעשה מיט זיין „פּריציישטיקן" טויט איז געווען אויסגעזויגן פון פינגער, עפּעס אַ מיאוס שטיקל אַרבעט פון אַן אומפּאַראַנטוואָרטלעכער פּערזאָן. מ'האָט פּאַרדעכטיקט אַ געוויסע פרוי, אַז זי זאָל עס האָבן געטון ווי אַן אַקט פון נקמה און אים אַ לעבעדיקן געשיקט אויף יענער וועלט. גענוי אָבער ווער און וואָס האָט מען נישט געקענט דערגיין.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער נאָך דער דערשיטערנדיקער ידיעה איז אין די ייִדישע צייטונגען דערשינען אַ הומאָריסטישע באַשרייבונג פונעם „געשטאָרבענעם" רוּאַדלף זאַסלאַווסקי וועגן זיין מכלומרשטן טויט. דאָס אַרטיקל מיט דער אָפּליקענונג פון דער בייזוויליקער ידיעה האָבן מיר צעשיקט אין דער גאַנצער ייִדישער פּרעסע אויף אַלע קאָנטינענטן.

אַ צוויי וואָכן נאָך דער מאַקאַברישער געשיכטע איז רוּדאָלף זאַסלאַווסקי געקומען צו פאָרן פון פּוילן קיין פּאַריז. ער איז געווען אָנגעטון עלעגאַנט און האָט אויסגעזען נאָך עלעגאַנטער, אַ גאַנצער פּאַצעט, ווי דאַן בעת כ'האָב מיט אים געשפּילט אין בעלגיע צוזאַמען מיט זיין ברודער נאָומאָוו און ראַשעל בערגער.

זאַסלאַווסקי האָט זיך פאַר אונדז באַוויזן מיט אַ צעשטראַלט פּנים. ער איז געווען אַ מענטש וואָס ס'האָט אים שטענדיק באַגלייט אַ ליכטיקער שמייכל פון אַ פאַרגלייבטן אין לעבן. דער שמייכל זיינער האָט אַלצדינג פאַרדעקט וואָס ס'האָט זיך ביי אים געטון אינעווייניק, ער האָט געמעגט זיין ווי פאַרזאָרגט איז אויף זיין פּנים נישט געווען קענטיק קיין שאָטן, קיין שפּור פון זיינע אינערלעכע איבערלעבענישן. דער ליבלעכער שמייכל זיינער איז קיין מאָל נישט אַראָפּ פון זיינע מוילווינקלען, וואָס ס'האָט אים צוגעגעבן גוטמוטיקייט און חברישע צוגעלאָזנקייט.

ס'איז נישט געווען דער פאַל אַז רוּדאָלף זאַסלאַווסקי זאָל זיך פאַר עמעצן קלאָגן אויף זיין שלעכטער פינאַנציעלער לאַגע, און אַפילו נישט אויף זיין קראַנקייט, וואָס האָט אים פון צייט צו צייט אָנגעגריפן און אים פאַרשאַפט יסורים. ער איז אָבער נישט געוואָרן ביי זיך געפאַלן. ער האָט געהאַלטן פאַסאָן. זיך שטענדיק געפּאַרבט די

האָר, זיך געשמירט דאָס פּנים מיט רוזש, ס'זאָל נישט אויסזען אַזוי בלייך און אַז ס'זאָל, חלילה, קיינער נישט באַמערקן אין אים עפּעס פּאַרדעכטיקס אַז ער גייט אַרום אַ לײַדנדיקער.

מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים. און דער טעאַטער־דירעקטאָר, העניִר לאַכטיקער, איז צו אים צוגעשטאַנען אַז ער מוז שפּילן. די סענסאַציע, וואָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פונעם בילבול וואָס מ'האָט אויף אים אויסגעטראַכט אַז ער איז געגאַנגען פון דער וועלט — איז לאַכטיקער געווען זיכער — וועט אַרײַנברענגען אין קאַסע פון טעאַטער אַ קאָפּל געלט. אין גיכן איז אויך אָנגעקומען קיין פּאַריז זאַסלאַווסקים ברודער, נאָומאָוו און ביידע האָבן פאַר־טראַכט אויפצוטרעטן אין אַ סענסאַציאָנעלער פּיעסע וואָס וועט דאַר־פן „אײַננעמען די וועלט".

ביידע ברידער האָבן געקענט האַלטן אַ פּעדער אין האַנט. זיי האָבן לאַנג נישט געקלערט, גענומען אַן אַלטע פּיעסע, זי איבערגע־ניטשעוועט גרינטלעך, פלינק באַאַרבעט און צוגעגעבן אַן אַקטועלן אונטערשלאַג מיט אַן אַרויסרופנדיקן נאָמען. אַ־שטאָט „שרײַ כי־נע!" האָט איצט די פּיעסע געהייסן „שרײַ, דײַטשלאַנד!", זיי האָבן אַרײַנגעפירט אַ ריי נײַע פּערסאָנאַזשן, פּאָליטישע פיגורן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָל אין דער וועלט־פּאָליטיק און געהאַלטן דעם גורל פון פעלקער און לענדער אין זייערע הענט. און דער פּאָרוים געזעענער דערפאָלג איז געווען אַ גע־זיכערטער.

גלײַך זענען אָנגאַזשירט געוואָרן פּאַסיקע אַקטיאָרן, איך בתוכם. ס'איז צונויפגעשטעלט געוואָרן די טרופּע, און די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן עטלעכע מאָל בײַ אויספאַרקויפטע הײַזער, מיטן גרעסטן סוק־צעס, כאָטש בײַ זאַסלאַווסקין האָט זיך שטאַרק געמערקט זײַנע שווע־ריקייטן ביים רעדן, בײַם אַרויסברענגען אַ לענגערן זאַץ, ווי ס'וואָלט אים פאַרפעלט אָטעם.

***

רודאָלף זאַסלאַווסקי איז, נאָכן גרויסן דערפאָלג אין פּאַריז אָנ־גאַזשירט געוואָרן קיין אַרגענטינע. מיר האָבן אים אַלע באַגלייט

צו דער באַן. ביים געזעגענען זיך האָט ער געווּנטשט שלום אַשם ווערטער:

— יאַך ׳על זאַי נאָך אַלע וואַזן ווּם זאַסלאַווסקי קען!

אין מאַנטעווידעאָ איז ער אָפּגעוואַרט געוואָרן דורך עטלעכע אַר-טיקע אַקטיאָרן, וואָס האָבן אים געבעטן ער זאָל שפּילן מיט זיי. ער זאָל דאָ געבן כאָטש איין פאָרשטעלונג. וויסנדיק אַז זייער לאַגע איז נישט קיין פּויגלדיקע, האָט ער זיי נישט געקאָנט אָפּזאָגן און ער איז איַינגעגאַנגען אויף זייער בקשה. גלייך נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער פאַרגעזעצט זיין רייזע קיין בוענאָס-איַירעס, ווו ער איז געקומען מיט אַ טאָג שפּעטער, און מ׳האָט אים שוין דאָ אָפּגעוואַרט מיטן גרעסטן אומגעדולד.

נאָכן געהעריקן צוגרייט איז רודאָלף זאַסלאַווסקי אויפגענומען געוואָרן פונעם בוענאָס-איַירעסער גוטן טעאַטער-עולם מיט גרויס דערפאָלג. ווי גרויס ס׳זאָל אָבער נישט זיין דער סוקצעס פון אַ יידי-שן אַקטיאָר אין אַרגענטינע, קען ער זיך אָבער לאַנג דאָ נישט האַלטן, אויב ער האָט נישט מיט זיך אַ גרויסן פאַרשידנאַרטיקן רעפּערטואַר צו קאָנען געבן יעדער וואָך אַ נייַע פּיעסע.

זאַסלאַווסקי איז שפּעטער, נאָך די דערפאָלגרייַכע גאַסטראָלן אין אַרגענטינע, אַנגאַזשירט געוואָרן קיין לאָנדאָן אויפצוטרעטן אין שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס", אין איינער פון זיַינע קרוינ-ראָלן — שימעלע סאָראָקער.

די פאָרשטעלונג איז צוגעגרייט געוואָרן מיט גרויסן פּאַרנעס און איז געווען רייך אויסגעשטאַט. בלויז דאָס געהילץ פאַר די ספּע-ציעלע דעקאָראַציעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין האַלב-פוטו-ריסטישן סטיל, ווי ס׳איז אין יענער צייַט געווען אין דער מאָדע, האָט אָפּגעקאָסט מער ווי 500 פונט — אַ פאַרמעגן מיט געלט!

מאַקס באָזשיק האָט געשפּילט קאָפּל, און איך — מאָטל.ביידע זענען מיר געזעסן אויף הויכע סלופּעס פון ביידע זייטן בינע, און זיך צוגעזונגען ביים נייען. די פרימאַדאָנע, פּאַני רובינאַ, אין דער ראָלע פון ביילקע, איז געזעסן ביי דער ניימאַשין אויף זייטנטרעפּ און געזונגען. די פאָרשטעלונג איז געווען פּראַכטיק, גלאַנצפול. און דעקאָראַטיוו — ווונדערלעך, פאַרכאַפּנדיק. ס׳איז געווען אַן אויפפירונג, וואָס דאָס יידישע טעאַטער איז מיט איר געשטיגן



סצענע פון דוד ל״כטס אויפפירונג פון „אונדזער ערד" אין טעאַטער „סאָ־
לעיל״; פון רעכטס צו לינקס: מיכאַל מיכאַלאָוויטש, מאַקס קלאָס
פינחס אַפעל

מיט צען קעפּ העכער. אַ ספּעקטאַקל — אַ געשעעניש, אויפן סאַמע שפּיץ פון רודאָלף זאַסלאַווסקים גלאָריע, זײַן העכסטער דערגרייך און מיט אים — דער גלאָררײַכער אויפשטײַג אויפן העכסטן שטאַפּל פונעם יידישן טעאַטער ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה, וואָס אירע שאָטנס האָבן זיך שוין, כאָטש דערווײַל נאָך אומגעזען, גענומען שפּרייטן, ווי אַ מעכטיקע נעץ איבער דער יידישער וועלט אין אייראָפּע.

ליידער אָבער, צום גרויסן ווייטיקלעכן באַדויער, איז אָט די וווּנדערלעכע פאָרשטעלונג געגאַנגען בלויז דרײַ מאָל. מ'האָט זאַסלאַווסקין מער נישט געהערט. ער האָט נישט געקענט מער אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט. אין רעספּעקט צום גרויסן יידישן פאָלקס-קינסטלער האָט זיך אַפילו קיין איין מאָל נישט געהערט פון פּובליקום דאָס וואָרט „העכער!”, ווי ס'איז דער פאַל בײַ אַקטיאָרן וואָס מע דערהערט זיי נישט גוט.

— מיסטער נייטן, איך באַפרײַ אײַך פון קאָנטראַקט, איך קאָן נישט מער...

בײַ אונדז אַלע זענען די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן ווען מיר האָבן דערהערט די ווערטער. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די טעאַטער-קאַריערע פונעם פראַכטפולן לײַכטנדיקן שטערן, דעם אומפאַרגעסלעכן גרויסן יידישן קינסטלער, רודאָלף זאַסלאַווסקי, וואָס האָט אַרײַנגעשריבן אַ גאָלדענעם בלאַט אין דער ליכטיקער געשיכטע פונעם שענסטן פּעריאָד פון יידישן טעאַטער צווישן ביידע וועלט-מלחמות אין דער אַלטער היים, אין אייראָפּע.

קאַפּיטל איין און דרײַסיק

לודוויק זאַץ אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן־טעאַטער

צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן מיטן גע־ניאַלן קאָמיקער־אַקטיאָר, לודוויק זאַץ, אין יידישן פּאַוויליאָן־טעאַ־טער אין לאָנדאָן. איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך איבערצוצײַגן, אַז דער רוב קאָמיקערס, וואָס ס'איז מיר אויסגע־קומען צו זען שפּילן אין דאָזיקן זשאַנער, זענען געווען אונטער זײַן דירעקטן אײַנפלוס און אַ סך האָבן אים אַפילו קאָפּירט מיט אַלע זײַנע הוועיות און תּנועות, אים איבערגעשפּילט אַזוי ווי ער שטייט און גייט. זיי האָבן אפשר אַליין נישט וויסנדיק פאַר זיך, געשפּילט לודוויק זאַצן, אָבער מיט ווייניקער ראַפינירטקייט אין זײַן פּשטות, מיט ווייניקער נאַטירלעכקייט אין זײַן קאָמפּליצירטער אייגנאַר־טיקייט.

בײַם גרעסטן טייל קאָמיקערס האָט מען געקענט באַמערקן אימיטאַציע, נאָכמאַכונג, פעלשונג, ווי אַזעלכע וואָס מאַכן זיך אַ גרינג לעבן און נעמען פון גרייטן, שעפּן פולע זשמעניעס פונעם פאַרטיקן. זעלטן האָט עמעצער צוגעטון אַן אייגן ביסל פעפער און זאַלץ פון אינדיווידועלער אינטערפּרעטאַציע, ס'זאָל האָבן אַן אַנדערן, אַן אייגענעם טעם. די עכטקייט אָבער פונעם שעפער פון דאָזיקן זשאַנער, די נאַטירלעכקייט פון לודוויק זאַצן האָט קיי־נער נישט דערגרייכט. דעם סאַמעט־צאַרטן טעמבער פון זײַן שטים, זײַן אָריגינעלן אַרויסברענגען קאָמיזם אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אַן באַנאַלקייטן, אַז דער עולם זאָל לאַכן דורך טרערן און טאַקע פאַר־גיסן אַ טרער אויך בעת זײַנע טראַגי־קאָמישע סצענעס — דאָס האָט נאָר געקענט באַווײַזן ער אַליין — דער גרויסער קינסטלער לודוויק זאַץ.

מיר האָבן געשפּילט עטלעכע פּיעסן פון זיין רעפּערטואַר. די לעצטע אויפפירונג איז געווען „אַלץ פאַר קינדער". אין דער פּיעסע האָט זיך לודוויק זאַץ דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון דער טעאַטער-קונסט אין זיין זשאַנער. ס'איז איבעריק צוצוגעבן אַז זאַץ האָט דאָ אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטן אַ קאָלאָסאַלן סוקצעס.

אויף די זונטיק-קאָנצערטן האָט לודוויק זאַץ געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. ווער געדענקט עס נישט זיינע אָריגינעלע לידלעך: „איך וויל נישט גיין אין חדר", צי „אָדער גאָר אָדער גאָרנישט", „מע לייגט עס אַרויף אויף מיר" און צענדליגער אַנדערע אַזעלכע שלאָגערס, וואָס ער האָט מיט זיי גענומען דעם עולם מיט שטורעם. אויף אים האָט מען געקאָנט זאָגן דאָס לאַטיינישע ווערטל: „ווייני, ווידי, ווינטשי", געקומען, געזען, געזיגט.

אין די אַלע ראָלן, וואָס כ'האָב געשפּילט מיט לודוויק זאַצן, האָב איך מיט אים מיטגעהאַלטן טראָט. כ'האָב אים פאַרשטאַנען אויפן ווינק און ער האָט נישט געהאַט מיט מיר קיין גרויסע אַרבעט ביי יעדער באַזונדערער אויפפירונג. נאָך זיינע אויפטריטן אין לאָנדאָן האָט ער מיך שוין מער נישט אָפּגעלאָזט. ווו ער איז געפאָרן אויפטרעטן האָט ער מיך מיטגענומען מיט זיך. דאָס איז געווען זיין באַדינג ביים שליסן אַן אָפּמאַך מיט אַ טעאַטער-דירעקטאָר אַז איך מוז זיין מיט אים.

פון לאָנדאָן זענען מיר געפאָרן קיין פּאַריז. אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט און גוט אָרגאַניזירט. באַלד ביים ערשטן אויפטריט האָט לודוויק זאַץ געוווּנען דעם עולם. מ'האָט זיך גלייך אויף אים דערקענט און זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז מ'האָט פאַר זיך אַ גענייאַלן גאָט-געבענטשטן אַקטיאָר, אַ טעאַטער-קינסטלער פון דער ערשטער מדרגה. מיר האָבן רעפּעטירט יעקב גאָרדינס „דער ווילדער מענטש".

אינעם טאָג פון דער פּרעמיערע, וואָס איז שטאַרק רעקלאַמירט געוואָרן, איז לודוויק זאַץ קראַנק געוואָרן. ער האָט געקריגן הויכן פיבער און איז נישט געווען בכוח אַרויסצוטרעטן. מ'האָט גערופן אַ דאָקטאָר וואָס האָט אים באַטראַכט און אים געגעבן מיטלען אויף אַראָפּצוּיאָגן די היץ. ער האָט געטון אַלץ וואָס איז געווען אין זיינע מעגלעכקייטן. ווען ער איז אַרויסגעקומען פון צימער, ווו ס'איז געלעגן דער חולה, האָבן אים אַלע אַקטיאָרן אַרומגע-

לודוויג זאַץ, בעת ווינע גאַסטשפּיל, 1931, אין לאָנדאָן

רינגלט, מ׳האָט שוין געוואָלט הערן פון זײַן מויל אַ גוט וואָרט. דער דאָקטאָר האָט אָבער דערקלערט אַז ס׳איז אוממעגלעך ער זאָל קאָנען שפּילן אין אַזאַ צושטאַנד פון הויכער טעמפּעראַטור, אפשר מאָרגן, ווען די היץ וועט אַראָפּפאַלן, וועט ער זיך קאָנען אויפהייבן.

בײַ נאַכט איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט. מ׳האָט געמאָלדן דעם עולם אַז לודוויק זאַץ איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן און אַז אויף זײַן אָרט וועט שפּילן מאַקס קלאָס, — ער וועט אים פאַרטרעטן אין דער הויפּטראָלע. אייניקע האָבן געמורמלט אַז ס׳איז אַ שווינדל, אַן אָפּנאַרערײַ. און בײַ דער אומצופרידנקייט פונעם עולם איז קלאָר אַז מע קאָן נישט אָנהייבן די פאָרשטעלונג. דעמאָלט האָט איינער פון די אַקטיאָרן דערקלערט פון דער בינע אַראָפּ, אַז ווער עס וויל קאָן צוריק באַקומען דאָס געלט פון די בילעטן אין דער קאַסע.

עולם האָט זיך אָבער נישט גערירט פון די בענקלעך. ווײַזט אויס, אַז אַלעמען איז געווען אינטערעסאַנט צו זען, ווי אַזוי דער פאַרטרעטער וועט זיך אַן עצה געבן מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכער ראָלע פונעם הויפּטראָליסט, לודוויק זאַץ, און כמעט אַלע זענען געבליבן אויף די ערטער. בײַם לעצטן אַקט איז שוין זאַץ געווען אין טעאַטער. ער איז געזעסן אין דער לעצטער ריי, מע זאָל אים נישט באַמערקן. ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט איז ער אַרויף אויף דער בינע און האָט זיך אַנטשולדיקט פאַרן פּובליקום. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום סופלאָר־קעסטל, אַרויסגענומען די פּיעסע פונעם סופלאָרס הענט האָט ער זי מיר איבערגעגעבן, און זיך ווענדנדיק צום עולם האָט ער געזאָגט:

— איך דריק אויס מײַן אָנערקענונג דעם חבר קלאָס פאַר זײַן שפּילן די ראָלע פונעם ווילדן מענטש. איך האָב אים געזען שפּילן אין עטלעכע סצענעס און דאָס איז גענוג צו קענען אורטיילן וועגן די אַקטיאָרישע מעגלעכקייטן זײַנע אויף דער יידישער בינע.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און זאַץ האָט מיר אָנגעשריבן זײַן אָנערקענונג־דעדיקאַציע אויף דער פּיעסע. פון דעמאָלט אָן שפּיל איך די ראָלע פונעם ווילדן מענטש לויט דער ווערסיע פון לודוויק

זאַך, ווי זי איז צוגעגרייט אינעם עקזעמפּלאַר וואָס זאַך האָט מיר געגעבן במתנה.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך זאַצן געזען אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ קעלער אין ניו־יאָרק. דאָרט איז ער אויפֿגעטרעטן ווי אַ זינגער מיט לידער־נומערן. דאָס האַרץ איז מיר פֿאַרקלעמט געוואָרן אין וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד איך האָב דעם גרויסן אַקטיאָר געטראָפֿן. צו וואָסער לאַגע דער גע־ניאַלער לודוויק זאַך איז דערגאַנגען. זײַן פּריצײַטיקער טויט איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון זײַן ירידה, צוליב די פֿאַטאַלע אומשטענדן פֿון זײַן פּריוואַטן לעבן. ער איז אַוועק פֿון דער וועלט און מיט־גענומען אין קבר אַרײַן זײַן גאַנצע גלאָריע, נישט האָבנדיק ווער ס'זאָל אים ירשנען און טראָגן ווײַטער זײַן גרויסקייט, זײַן קרוין; וועמען איבערצוענטפֿערן זײַנע דערפֿאַרונגען און דערגרייכונגען פֿון זײַן טעכניק און אוממיטלדיקן טאַלאַנט וואָס האָט אַזוי התלהבות־דיק באַגײַסטערט דעם ייִדישן טעאַטער־עולם, דאָס פֿאָלק אומעטום ווו אָט דער גרויסער קאָמיקער, דער לײַכטנדיקער שטערן האָט זיך באַוויזן אין זײַן גאַנצער קראַפֿט.

די דערשײַנונג לודוויק זאַך אין ייִדישן טעאַטער איז געווען אַן איינמאָליקע. קיינער האָט אים נישט געקענט פֿאַרטרעטן. ער איז געווען אומפֿאַרטרעטבאַר און אומפֿאַרגעסלעך.



קאַפּיטל צוויי און דרײַסיק

זשעני לאָוויטש האָט געגעבן צו שמעקן טאַבאַק

גלײַך נאָכן גרויסן קינסטלערישן נצחון וואָס סעמועל גאָלדענבורג האָט אָפּגעהאַלטן אין לאָנדאָנער פּאַוויליאָן-טעאַטער, האָט דער דירעקטאָר, נייטן בלומענטאַל געשלאָסן מיט אים אַ פרישן אָפּמאַך אויפן נײַעם טעאַטער-סעזאָן. גאָלדענבורג האָט נישט געוואָלט קיין וועכנטלעכן געהאַלט, ווי ביז איצט, וואָס ס'האָט באַטראָפן 90 פונט אַ וואָך, וואָס ס'איז אין יענער צײַט געווען אַ פאַנטאַסטישגרויסע גאַזשע. ער האָט געמיינט אַז ס'וועט אים בעסער לוינען אויף פּראָצענטער פונעם אײַנקונפט. פאַרוואָס זאָל זיך דער דירעקטאָר אָנשטאָפּן מיט געלט אויף זײַן חשבון? אויף פּראָצענטער וועט זײַן יושרדיקער פאַר ביידע צדדים. לײדער איז דער סיסטעם פון פּראָצענטער נישט דערגאַנגען צו דער סומע וואָס גאָלדענבורג האָט דעמאָלט פאַרדינט אויף דער וועכנטלעכער גאַזשע. ער האָט דאָס מאָל צופיל געשטעלט אויף זיך, אויף זײַן פּערזאָן, און ווייניקער געטראַכט וועגן פּאַסיקן און פאַרשידנאַרטיקן רעפּערטואַר, וואָס דאָס האָט אויך עפּעס צו זאָגן צום דערפאָלג.

מאָרים שוואַרץ איז אַ מאָל געקומען מיט אַ טרופּע קיין פּאַריז האָט אים באַזוכט אַ טעאַטער-קריטיקער וואָס האָט געהאַט זײַן אייגנס אַ גאַנץ נישקשהדיקן הויקער. בײַם געשפּרעך האָט אים מאָרים שוואַרץ, צוליב מזל וועגן, כסדר געגלעט דעם הויקער, ווי אומגערן אַז יענער זאָל עס נישט באַמערקן. דער הויקער האָט אָבער דערפילט דאָס גלעטן, מאַכט ער צו אים:

— מיסטער שוואַרץ, ס'וועט אײַך ווייניק וואָס העלפן אַנער

גלעטן מייַן הויקער. בכדי צו האָבן דערפאָלג מוז מען קומען מיט אַ גוטער פּיעסע... סטאַרן דאַרפן וויסן וואָס אויפצופירן און פאַר ועמען זיי שפּילן. דעמאָלט קאָנען זיי רעכענען אויף סוקצעס.

נישט לאַנג פאַר גאָלדענבורגס קומען צום נייַעם סעזאָן, האָט ער אַרייַנגעשיקט דעם דירעקטאָר אַ בריוועלע אַז ער מוז האָבן צו זייַנע פּיעסן, וואָס ער וועט אויפפירן, אַ יונגע שיינע אַקטרי־סע. פאַרן דירעקטאָר, נייטן בלומענטאַל האָבן נישט עקזיסטירט קיין שוועריקייטן און אוממעגלעכקייטן. גלייַך איז אַנגאַזשירט גע־וואָרן די באַגאַבטע אַקטריסע זשעני לאָוויטש, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ ציגייַנערישע פּרינצעסין. זי האָט געהאַט אַן אידעאַלע גראַציעזע פיגור, אַ פּאָר פייַערדיקע טונקל־ברוינע אויגן, אַ מויל ליכטיקע פּערלדיקע ציין, מיט אַ שוואַרצגעלאָקטן קאָפּ האָר. די זעלטן־שיינע פרייליכע זשעני לאָוויטש האָט אַרויסגערופן אַנט־ציקונג ביי אַלעמען וואָס האָבן זי געזען. ווען גאָלדענבורג איז געקומען קיין לאָנדאָן און מ׳האָט זי אים פאָרגעשטעלט, האָט ער אויסגעשריגן:

— אָט דאָס איז עס! אָט דאָס האָב איך געמיינט! זי איז ווי געבוירן פאַר דער ראָלע!

ביז דער פּראָבע איז ער געווען מלא שמחה, גאָלדענבורג, וואָס ער האָט אַזאַ פּאַרטנערן. ווען מ׳האָט זיך געשטעלט פּראָבי־רן די פּיעסע „אונטער איין דאַך״, פון יאָזעף מאַרקאָוויטש, און זשעני לאָוויטש האָט אַ זאַרגלאָזע, אַ פרייליכע דערלאַנגט איר פּראָזע, איז אים געוואָרן טרויעריק אויף דער נשמה. די ראָלע פונעם יונגן מיידל פאָדערט ערנסטקייט. זי מאַכט דורך אַ טראַ־געדיע. זי לייַדט צוליב אַ גרויסע אומפאַרגעסלעכע ליבע. און די לאָוויטש איז אַ פרייליכע, אַ צאַפּלדיקע, פול מיט לעבן און אַי־דעאַלע סוברעטין.

גאָלדענבורג שטודירט מיט איר איין די ראָלע. ווייַזט איר צו, גיט איר צו פאַרשטיין, לערנט זי ווי אַזוי צו אינטערפּרעטירן די ראָלע וואָס איז אין תוך נישט געווען צופיל קאָמפּליצירט. מ׳האָט זי נאָר באַדאַרפט אויספירן קאָרעקט. ער ווייַזט איר אַהין, ווייַזט איר אַהער, אָבער אַ נעכטיקער טאָג. זי טויג פאָרט נישט פאַר דער

ראָלע. דערצו איז זי אויך צו יונג פאַר אים. דער סוף איז געווען אַז מ׳האָט די ראָלע געמוזט אַוועקגעבן אַ צווייטע אַקטריסע.

אין דער זעלביקער פּיעסע איז דאָ אַ ראָלע פון אַ דינסטמיידל וואָס ברענגט עסן די יונגען אין פערד־שטאַל אַרײַן. מ׳האָט די ראָלע פאַרגרעסערט וויפל ס׳האָט זיך געלאָזט. מ׳האָט איר צוגעגעבן אַ געזאַנג־נומער, זי זאָל זינגען אַ לידל. און — מ׳האָט באַדאַרפט זען די לאַוויטש אין דער ראָלע פונעם דינסטמיידל! ווי אַזוי זי האָט אויסגעזונגען דאָס לידל, ווי אַזוי זי האָט געטאַנצט מיט די פערדיונגען! זי איז געווען די סענסאַציע פון דער פּיעסע!

אָט אַזוי איז אויך געווען אויף די זונטיק־קאָנצערטן. בלויז צוליב איר יוגנטלעכן אויסזען, אַרײַנברענגענדיק אַ שטראָם לעבן אויף דער בינע האָט זי אויך דעם זונטיק־עולם געוווּנען אויף איר זײַט. בפרט אַז זי האָט געהאַט דעם ריכטיקן צוגעפּאַסטן רעפּערטואַר. איר דערפאָלג איז געווען אין לשער. מ׳האָט זי פּשוט געטראָגן אויף די הענט. זי איז געווען דאָס שיינדל פונעם טעאַטער.

צוליב אַ גאַנצע ריי סיבות זענען די פּיעסן אָפט געביטן געוואָרן. איין פּיעסע האָט זיך נאָך נישט באַוויזן רעכט אָנצוואַרעמען אויף דער בינע, ווען מ׳האָט שוין באַדאַרפט טוישן די דעקאָראַציעס צו אַ צווייטער פּיעסע.

גאָלדענבורג האָט איצט געשטעלט טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת״. זשעני לאַוויטש האָט געשפּילט מאַשאַ די ציגײַנערין. איך האָב נאָך קיין אַנדערע אַקטריסע נישט געזען שפּילן אַזוי פּערפעקט די ראָלע ווי די לאַוויטש. זי האָט אַלעמען באַגײַסטערט. און מיט יעדער ראָלע פון גאָלדענבורגס ערנסטן רעפּערטואַר איז זשעני לאַוויטש געשטיגן אין אָנערקענונג פון איר טאַלאַנט. און זי אַליין איז אויך געוואָרן מער ערנסט. מיט מער אויפמערקזאַמקייט האָט זי זיך באַצויגן אויף די פּראָבעס צו דער ראָלע וואָס זי האָט באַדאַרפט אויסלערנען און אָדאַפּטירן. אַלעמען האָט זיך אויסגעוויזן אַז אין דער זשעני לאַוויטש איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. ס׳האָט זיך ווי אָפּגעטון פון איר דאָס שטענדיקע רייצפולע געלעכטער אירס, איר שטיפערישקייט, און ווען מ׳איז צוגעטראָטן צו די פּראָבעס פון שעקספּירס „שײַלאָק״, איז זי געוואָרן ערנסט ווי אַ נאָנע, ווי אַ מאָנאַכין. נישט בלויז דאָס גע־

לעכטער נאָר אַפּילו דער שמייכל איז פֿאַרשוווּנדן פֿון איר פּנים, און אויך דער גלאַנץ פֿון אירע אויגן, וואָס האָבן געבליצט מיט אַ גליקלעכער יונגקייט, איז געוואָרן מאַטער, ערנסטער און דער בליק אירער אַ פֿאַרטראַכטער, אַפּילו פֿאַרזאָרגטער.

אין „שײַלאָק" האָט זי געשפּילט דזשעסיקאַ. מאָטל הילסבערג האָט געהאַט די ראָלע פֿון אַנטאָניאָ, אין דער סצענע, ווען דזשעסיקאַ שטייט אויפֿן באַלקאָן און אַנטאָניאָ רעדט צו איר אַרויף וואַרפֿט זי אים צו אַ בלום. אַנטאָניאָ דריקט מיט ליבע די בלום צום האַרץ, שמעקט שטאַרק צו דער בלום. די סצענע איז גוט געוואָרן אײַנשטודירט אויף די פּראָבעס און אויף דער פּרעמיערע איז זי אָפּגעשפּילט געוואָרן דורך ביידע מיט אַ סך געפֿיל. מאָטל הילסבערג דער פֿאַרליבטער אַנטאָניאָ איז געשטאַנען אויף דער בינע און אַרויפֿגעקוקט מיט פֿאַרליבטע אויגן צו זשעני לאָוויטש, שײַלאָקס טאָכטער דזשעסיקאַ. און אָט גיט זי אים אַ וואַרף צו די בלום צו זײַנע פֿיס. ער כאַפּט די בלום, דריקט זי צו זיך, נעמט זי נאָענט צום פּנים און שמעקט, אָטעמט אין זיך אַרײַן איר דופֿט און באַלד הייבט ער אָן צו ניסן און נאָך וואָס פֿאַר אַ ניסן! — איינעם נאָכן אַנדערן. אַלע אַקטיאָרן וואָס געפֿינען זיך הינטער די קוליסן וווּנדערן זיך וואָס ער ניסט אַזוי פֿיל. זשעני שטייענדיק אויפֿן באַלקאָן האָט זיך נישט פֿאַרלוירן און אים געפֿרעגט:

— טײַערער אַנטאָניאָ, וואָס איז מיט אײַך, איר האָט געכאַפּט אַ פֿאַרקילונג? ניסט, ניסט, זאָל אײַך זײַן צום געזונט...

דער עולם אין זאַל איז געווען זיכער אַז דאָס שטייט אין שעקספּירס „פּראָזע" אַז דאָס שטייט אין „שײַלאָק" און מ'האָט אָנגעהויבן לאַכן. די אַלע אַקטיאָרן וואָס האָבן באַדאַרפֿט אויפֿטרעטן אין דער סצענע, ווי נאָר זיי זענען אַרויף אויף דער בינע און האָבן אַרויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט, און באַלד: — אַפּטשיק! זיי האָבן גלײַך אָנגעהויבן ניסן.

גאָלדענבורג איז געשטאַנען הינטער די קוליסן אַ דערצאָרנטער. אָבער ער האָט געשוויגן. דאָס איז געווען זײַנס אַ וווּנדערלעכע אייגנשאַפֿט — קאָנען שווײַגן. בײַ די פּראָבעס פֿלעגט ער די אַקטיאָרן פֿאַרמאַטערן. בײַ יעדער וואָרט האָט ער אָפּגעשטעלט, געהייסן נאָך אַ מאָל איבערחזרן ביז ער האָט אַרויסבאַקומען פּו-

נעם אַקטיאָר דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, די ריכטיקע באַטאָנונג און אַקצענטירונג פון דער געגעבענער פראַזע. ביי דער פאָרשטע־לונג אָבער איז ער געווען אַ שטילער און רויִקער מענטש, דער שטילסטער. און האָט קיין מאָל מער קיינעם נישט געמאַכט קיין באַמערקונג. ווען ער האָט געזען אַז אַן אַקטיאָר צי אַקטריסע מאַכט אַ בולבע, פלאָנטערט מיט דער צונג, טוט אַלץ פאַרקערט, האָט ער געהאַט אין זיך כוח צו שווייַגן. ער איז געווען דער איינציקער צווישן אַלע סטאַרן וואָס האָט געהאַט כאַראַקטער און געקאָנט באַהערשן זייַנע נערוון.

ווען גאָלדענבורג האָט געזען אַז אַלע אַקטיאָרן ניסן, איז ער אַרויף אויף דער בינע. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך איינגעהאַל־טן נישט צו ניסן, אָבער ס'האָט אים גאָר נישט געהאָלפן. ער האָט אויך גלייַך געגעבן אַ נאָס און נאָך אַ נאָס. גענאָסן אַזוי ווי אַלע האָבן גענאָסן.

ניסנדיק נאָך אַנאַנד האָט מען פאַרענדיקט דעם אַקט בייַם אַקאָמפּאַניאַמענט פון די הילכיקע געלעכטערס פון עולם. ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן האָט זיך געהערט אַ געשריי פון די אַק־טיאָרן:

— ווער האָט דאָ אָפּגעטון דאָס געמיינע שפּיצל?

אַלע האָבן געגוואַלדעוועט, געשריגן, גאָלדענבורג האָט גע־טומלט:

— וואָס איז דאָ געשען, וויל איך וויסן? ווער האָט עס געטון?

די איינציקע, וואָס איז געווען שטיל און האָט זיך פאַרהאַלטן אין גאַנצן רויִק, איז געווען די לאַוויטש. מיט איר שווייַגן האָט זי זיך אַליין פאַרראַטן. גאָלדענבורג איז צוגעשטאַנען צו איר, זי זאָל זאָגן וואָס זי האָט דאָ פאַראַרבעט.

אין גאַנצן נאַיִוו מיט אַן אומשולדיק שמייכעלע האָט זיך אָנ־גערופן זשעני לאַוויטש:

— כ'האָב גאָרנישט געוווּסט אַז אַזאַ פּיטשעננקעלע וויץ קאָן אָנמאַכן אַזאַ גרויסן טומל.

— וואָס הייסט ביי דיר „פּיטשעננקעלע וויץ”?

— אַ נאַרישער שמעק טאַבאַק, אַ ביסל פּעפּער — זאָגט זי מיט אַ שמייכלעלע.

— וואָס פּעפּער? ווי פּעפּער? וואָסער טאַבאַק? האָבן אַלע געשריגן.

— אויף דער בלום — האָט זיך די לאָוויטש מודה געווען — כ׳האָב געוואָרפֿן אַנטאָניאָן די בלום פֿונעם באַלקאָן, האָב איך אַרויפֿגעשיט אַ ביסל טאַבאַק מיט פּעפּער פֿאַר אַ צולאָג, ער זאָל האָבן צו שמעקן. און אַז ער האָט אַ שטאַרקן שמעק געטון האָט ער גענומען ניסן. כ׳האָב געמיינט אַז ער וועט געבן איין נאָס. צום סוף האָט ער זיך צענאָסן אויף אַ רעכטן אמת, ווי ס׳קער צו זײַן. און אַז ער האָט זיך צענאָסן אויף דער בלום האָט זיך דער טאַבאַק מיטן פּעפּער צעשפּרייט אין דער לופֿטן איבער דער בינע און איר אַלע האָט גענאָסן אַז ס׳איז געווען נאָר זיך צו האַלטן בײַ די זײַטן.

זשעני לאָוויטש האָט זיך צעלאַכט ווי אַ קליין אומשולדיק שטיפֿעריש מיידעלע, אַ קונדס, וואָס האָט געטון אַ קליין חכמהלע און געמאַכט אַ גרויסן שאָדן.

— גזלנטע! — האָט גאָלדענבורג אויסגעשריגן — האָסט דאָך דערהרגעט דעם אַקט!

— כ׳וועל נישט מער, מיסטער גאָלדענבורג, איך שווער אײַך אַז מער וועל איך נישט טון אַזאַ נאַרישקייט. אָבער איר האָט געהערט ווי דער עולם האָט געלאַכט?

— נעמט זי אַוועק! — האָט גאָלדענבורג אויסגעשריגן און זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פֿאַרן קאָפּ — נעמט זי אַוועק זואָרן כ׳וועל זי דערשטיקן!

זשעני לאָוויטש האָט אַרומגעכאַפּט גאָלדענבורגן און אים געגעבן אַ קוש וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיך צעלאַכט. זשעני לאָוויטש האָט זיך שוין נישט באַדאַרפֿט אַנטשולדיקן פֿאַר אים. גאָלדענבורג האָט איר שוין אַלץ מוחל געווען.

* * *

קורץ פאַרן ענדיקן דעם סעזאָן, איז זשעני לאָוויטש צוגעקו־מען צו מיר:

— דו מוזסט מיר העלפן.

— אין וואָס גייט עס דיר?

— קיין פאַריז איז געקומען צו פאָרן מײַן חתן, אַן אַקטיאָר. מיר האָבן זיך שטאַרק ליב. כ׳וויל פאָרן קיין פאַריז, חתונה האָבן מיט אים.

כ׳האָב איר, פאַרשטייט זיך, געהאָלפן זי זאָל קאָנען פאָרן קיין פאַריז. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ווי כ׳באַקום פון איר אַ בריוו, איך זאָל זאָל קומען אויף דער חתונה. ווי איבערגעראַשט בין איך געוואָרן ווען כ׳האָב דערזען אַז דער חתן איז נישט דער צו וועמען זי איז געפאָרן, נאָר גאָר אַן אַנדערער, דער אַקטיאָר חיים לעווין.

זיי האָבן זיך ביידע פאַרשאַפט אַ ביסל רעפּערטואַר און זע־נען אַרומגעפאָרן סטאַרעווען. זי האָט שפּעטער געבוירן אַ יינ־געלע. זיי זענען אַ לענגערע צײַט געפאָרן שפּילן טעאַטער איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. כ׳האָב אָפט באַקומען פון זיי בריוו. און אָט איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. און ביידע — זשעני לאָוויטש און חיים לעווין — זענען פאַרשווינדן געוואָרן פון דער אויבערפלאַך.

יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז חיים לעווין גע־פינט זיך אין רוסלאַנד ווי איינער פון דער שארית הפליטה. אָבער ווו זשעני לאָוויטש געפינט זיך, צי זי האָט זיך געראַטעוועט, צי געטיילט דעם גורל פון די פּוילישע ייִדן — האָב איך נישט גע־קענט דערגיין ביז 1940. כ׳בין דעמאָלט אין אַ טאָג געזעסן בײַ אַ דענטיסט און געוואַרט אויף מײַן ריי. כ׳האָב דערווײַל גענומען אין האַנט אַרײַן אַ זשורנאַל, וואָס איז דאָרט געלעגן אויפן נידעריקן טישל. כ׳גיב אַ קוק: אויף דער ערשטער זײַט געפינט זיך אַ בילד פון זשעני לאָוויטש מיט איר יינגעלע. די אויפשריפט איבערן בילד האָט זיך געלייענט: „דער גרויסער סטאַר פון דער ייִדישער בינע זשעני לאָוויטש אין ישראל״. כ׳האָב זיך שטאַרק דערפרייט. הייסט עס אַז זי האָט זיך געראַטעוועט! כ׳האָב איר גלײַך אָנגעשריבן אַ בריוו. שפּעטער איז זי געפאָרן גאַסטראָלירן קיין פאַריז. איך האָב

דרײַ פון די פּאָפּולערסטע סובּרעטינס אויף דער ייִדישער בינע וואָס זענען געקומען צו זייער אייביקער רו אויפן ייִדישן בית־עולם אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל: פון רעכטס צו לינקס: צילי טעקס, אסתּר פּערלמאַן און דזשעני לאָוויטש

עטלעכע מאָל איבערגערעדט מיט די דירעקטאָרן פון „מיטרע״-טעאַטער — ווילי גאָלדשטיין און מרים לערער — וועגן דזשעני לאָוויטש, אַז זי וואָלט אין בוענאָס-איירעס געמאַכט אַ גרויסן סוקצעס. זעט אויס אַז מײַנע רייד האָבן געווירקט. די מיטרע-דירעקציע האָט זי אַראָפּגעבראַכט קיין בוענאָס-איירעס. זי האָט געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג אַ לענגערע צײַט. אַלע געדענקען נאָך אַוודאי אירע אויפטריטן אין אַ ריי פּיעסן. זי אַליין האָט דאָ אויפגעלעבט בײַ אונדז, און איז געוואָרן באַנײַט. פון בוענאָס-איירעס איז זי געפאָרן קיין בראַזיל. בײַ דער ערשטער געלעגנהייט האָט זי אַראָפּגעבראַכט פון רומעניע איר פאָטער, דעם טאַלענטירטן אַקטיאָר שמולעוויטש. שפּעטער האָט זי זיך באַמיט אַז אויך איר ברודער זאָל קאָנען קומען פון רומעניע קיין בראַזיל. לײדער האָט ער אָבער נישט געהאַט קיין אריכת-ימים, ער איז יונג געשטאָרבן אין סאַן-פּאַולאָ. דער טויט פון איר ברודער האָט אויף איר שטאַרק געווירקט. זי האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אונטערקרענקען ביז זי האָט מער נישט געקאָנט אויפטרעטן אין טעאַטער.

אַלץ וואָס ס'איז געווען מעגלעך איז געטון געוואָרן זי צו ראַטעווען. אָבער אָן רעזולטאַטן. דזשעני לאָוויטש, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין טעאַטער, איז אַ גאַנץ לעבן אירס געווען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער. זי האָט אָן טעאַטער נישט געקאָנט לעבן. און ווען אַזאַ אַקטריסע ווייסט, אַז זי וועט אין איר לעבן מער שוין נישט קאָנען שפּילן, איז עס פּונקט ווי אַ מענטש וואָס נעמט אײַן סם און ווייסט אַז ער וועט שוין מער נישט קאָנען לעבן. זי איז אין די שענסטע יאָרן אירע אַוועק אין דער אייביקייט.

זי האָט נישט דערלעבט צו זען איר אייניקל, איר איינציקן זונס קינד. אויפן בית-עולם אין סאַן-פּאַולאָ רוען אין אייביקן פרידן דרײַ ליכטיק-שיינע סוברעטינס פון יידישן טעאַטער: דזשעני לאָוויטש, אסתר פּערלמאַן און צילי טעקס. זייער טויט איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַרן יידישן טעאַטער.

קאַפּיטל דרײַ און דרײַסיק

גיי זוך יושר אין גאָלדענעם לאַנד

דער שווישפּילער מישאַ פּישזאָן, דער זעלטן שיינער מאַנספּאַרשוין, וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג בײַם שיינעם מין, איז געווען באַרימט נאָך אין צאַרישן רוסלאַנד, ווי אַן ערשטקלאַסיקער אַקטיאָר און דירעקטאָר פון גרויסע אַנסאַמבלען וואָס האָבן גאַסטראָלירט אין די גרעסערע ישובים איבער דער רוסישער אימפּעריע..

ווען ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק האָט ער אויך אַנטוויקלט אויף אַ גרויסן מאָסשטאַב זײַן טעאַטראַלע טעטיקייט, אי ווי אַ שווישפּילער, אי ווי אַ רעזשיסער, אי ווי אַן אָרגאַניזירער פון טרופּעס וואָס זענען געפאָרן שפּילן ייִדיש טעאַטער איבער דער לענג און ברייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ער איז געווען אַ מאָדנער אינטערעסאַנטער מענטש מיט אויסערגעוויינלעכע אויב נישט צו זאָגן פענאָמענאַלע אייגנשאַפטן, וואָסער שרײַבער מע זאָל אים נישט אָנרופן, האָט ער באַלד געזאָגט וואָסערע ווערק יענער האָט אָנגעשריבן און אָנגערופן די העלדן בײַ די נעמען. ווי ער וואָלט זיי געקענט אויסגעבונדן, פּערזענלעך. איך קאַוויר נישט צי ער האָט כאָטש איין בוך געלייענט פונעם זעלבן שרײַבער. ס׳איז נישט געווען צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מענטש, וואָס מ׳האָט אים קיין מאָל נישט געזען לייענען אַ בוך זאָל אַזוי מיטהאַלטן טריט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. שוין אָפּגערעדט פון זײַן באַהאַוונט אין דער ייִדישער דראַמאַטורגיע. קענענדיק אַלע, וואָס האָבן נאָר עפּעס וואָס געשריבן פאַרן טעאַטער, האָט מישאַ פּישזאָן געוווּסט וואָס מע קאָן יאָ אַרויפברענגען אויף דער בינע און וואָס נישט פון זייערע דראַמאַטישע טעאַטראַלע ווערק.

אָט דער מישאַ פּישזאָן, וואָס האָט ווי אַ טוריסט, באַזוכט אַ ריי לענדער אין אייראָפּע, איז אויך געקומען קיין פּאַריז. ער האָט מיך דאָ געזען שפּילן. ווײַזט אויס אַז כ׳בין אים געפעלן געוואָרן און ער האָט מיך תיכף אַנגאַזשירט, כ׳זאָל פאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צו שפּילן אין דעטראָיט.

מײַן חלום פון לאַנגע צײַטן איז געווען צו זײַן אין צפון־אַמעריקע. נישט אַזוי צו שפּילן טעאַטער, ווי צו קאָנען עפּעס טון, עפּעס אויספּועלן פאַר מײַנע עלטערן, ברידער און שוועסטערס וואָס זענען געבליבן אין פּוילן, אין דער היים, אין פּולטוסק ווי אויף הייסע קוילן, און האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אַרויסצורײַסן אין דער פרײַער וועלט אַרײַן.

אויף אייגענער האַנט האָב איך זיי נישט געקאָנט אַרויסנעמען, ווי אַ שטאַטלאָזער אָן פאַרמעגן האָב איך נישט געהאַט קיין רעכט אונטערצונעמען שריט, שרײַבן בקשות, זיך ווענדן פּערזענלעך אין די געהעריקע אַמטן. דערצו איז אַ שטאַטלאָזער קיין מאָל נישט געווען זיכער מיט זײַן וווינאָרט. פאַר יעדער קליינינקייט, טייל מאָל אָן אַ פאַרוואָס האָט מען אַזאַ מענטש געקאָנט הייסן פאַרלאָזן ס׳לאַנד.

אין צפון־אַמעריקע האָבן מיר געהאַט פעטערס און מומעס, דעם טאַטנ׳ס ברידער און שוועסטערס, און אויך מײַן מאַמעס אַ שוועסטער וואָס איז געווען פון די גאָר רײַכע מענטשן און אירע קינדער זענען געווען נאָך רײַכערע פון איר. כ׳בין געווען זיכער, אַז זיי וועלן מיר — איין מענטש אַליין, אַ בחור — העלפן פאַרבלײַבן אין אַמעריקע און מיט דעם וועל איך ממילא קאָנען ברענגען מײַנע עלטערן און נאָענטסטע פון פּוילן.

ווען כ׳בין געקומען קיין ניו־יאָרק און זיך דערפרעגט צו זיי, האָב איך געטראָפן — אַנשטאַט פעטערס און מומעס — פאַרשטיינערטע הערצער. פון זייערע קינדער איז דאָך שוין אָפּגערעדט. כ׳קען זיי אַפילו נישט און כ׳ווייס נישט ווער זיי זענען. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס כ׳בין געקומען קיין צפון־אַמעריקע נישט ווי אַ גרינער, נישט ווי אַ קליינשטעטלדיקער, נאָר אַן עלעגאַנט געקליידטער פאַריזער יונגער בחור מיט אַ פּליסיקן ענגליש אין מויל, האָבן זיי זיך אָפּגעטרייסלט פון מיר ווי כ׳וואָלט זיי גאָרנישט געווען



סצענע פון „די חסידישע חתונה", באַאַרבעט און אויפגעפירט דורך מאַקס קלאָס אין
מיטרע־טעאַטער; פון רעכטס צו לינקס: בעלאַ אַריעל, אַנדזשע ראַפּעל, נתן קלינגער,
קלאַראַ גאָלדשטיין, סימאָן נוסבוים, הענרי גערא, מאַקס קלאָס, הערמאַן קלאַצקין,
ראָזיטאַ לאָנדנער

אָנגעהערט קיין שום קרובהשאַפֿט. כמעט אַלע זענען זיי געפֿאָרן אין די פֿאַר׳ שטאַטן פֿאַר מײַן פֿאָטערס געלט. ער האָט זיי באַזאָרגט די שיפֿסקאַרטן און אויך אויסגעהאַלטן זייער צווייטע העלפֿט ביז זיי האָבן דאָרט געקאָנט אַריבערנעמען צו זיך זייערע פֿרויען. דאָך האָבן אָט די אַלע זכותים נישט געהאָלפֿן און ס׳האָט נישט געהאַט קיין שום באַטײַט.

כ׳האָב געפּרוווט ווירקן אויף זיי, אַז זיי זאָלן מיר בלויז העלפֿן פֿאַרבלײַבן אין ניו־יאָרק, כדי כ׳זאָל שפּעטער אַליין קאָנען מאַכן באַמיִונגען צו ברענגען די עלטערן. בכדי צו קאָנען בלײַבן אין נאָרד־אַמעריקע דאַרפֿן זיי מיר געבן אַן אַפֿידייוויט, דאָס הייסט, אַ פֿאַרזיכערונג אַז כ׳וועל נישט פֿאַלן צו לאַסט דער רעגירונג. אַזאַ גאַראַנטיע איז גילטיק דרײַ יאָר. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער וואָס גיט דעם אַפֿידייוויט גאַראַנטירט מיט זײַן פֿאַרמעגן פֿולע דרײַ יאָר אַז כ׳וועל קיינעם נישט פֿאַלן צו לאַסט. און פֿאַר דעם האָבן זיי געציטערט און מורא געהאַט ווי פֿאַר פֿײַער. זיי זענען געווען זיכער אַז כ׳וועל זיך אַוועקזעצן גאַנצע דרײַ יאָר אין נישט וועלן טון די האַנט אין קאַלטן וואַסער, כ׳וועל נישט אַרבעטן און זיי וועלן מיך מוזן אויסהאַלטן מיט אַלעם גרייטן. וויפֿל כ׳האָב זיי נישט געגעבן צו פֿאַרשטיין אַז זיי זאָלן נישט לעבן אין קיין טעות, אַז כ׳דאַרף נישט פֿון זיי קיין שום זאַך, כ׳וועל זיך, ווי ביז איצט, אַליין אַן עצה געבן אין לעבן אויפֿן בעסטן אופֿן, האָט עס געהאָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס. כ׳האָב זיי אויף קיין פֿאַל נישט געקענט איבערצײַגן אַז כ׳וועל חלילה, קיין מאָל נישט נעמען בײַ זיי עפּעס. אַפֿילו אַז כ׳וועל ברענגען מײַנע עלטערן, וועל איך אַליין באַצאָלן אַלע הוצאות פֿאַר זיי. ס׳איז אָבער געווען גערעדט ווי צו דער וואַנט. ס׳האָט גאָר נישט געהאָלפֿן. כ׳האָב דעם אַפֿידייוויט נישט געקאָנט פֿון זיי באַקומען אויף קיין פֿאַל נישט. איינער האָט מיך געשיקט צום צווייטן. און אַז ס׳האָט זיך שוין געפֿונען עמעצער פֿון זיי וואָס האָט מיר געוואָלט געבן די גאַראַנטיעס, איז ער נעבעך געווען אַ קבצן אין זיבן פֿאָלעס, אַליין אויף גרויסע צרות און באַדאַרפֿט אַז עמעצער זאָל אים העלפֿן.

בלית־ברירה האָב איך זיך געווענדט צום פּולטוסקער לאַנדסלײַט־פֿאַראיין אין ניו־יאָרק, אפֿשר קאָנען זיי עפּעס פֿאַר מיר טון.

זיי האָבן באַלד גערופן אַן אַדוואָקאַט, אַ זון פון זייערס אַ לאַנדסמאַן, אים אַפילו געגעבן געלט, ער זאָל אַלץ טון, מיר צו העלפן, כ׳זאָל קאָנען בלײַבן. דאָס אַדוואָקאַטל האָט גענומען ס׳געלט אָבער זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון. און כ׳בין ווידער געבליבן אויף דער פליישבאַנק.

דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ וואָס כ׳האָב באַקומען אינעם גאָלדענעם לאַנד, אינעם שיינעם צפון־אַמעריקע.

כ׳בין נאָך רעכט נישט געהאַט געקומען צו זיך **פונעם ערשטן** קלאַפּ, ווי ס׳איז גלײַך געקומען **דער צווייטער, דער פּראָפּעסיאָ־**נעלער.

ווי דער ערשטער אויפטריט בײַ מישאַ פּישזאָן **אין דעטראָיט** האָב איך אויפגעפירט די פּיעסע „דער קרבן פון זינד“ פונעם באַ־וווּסטן בעלגישן שרײַבער צאָלרעווער. די אויפפירונג האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג. אין יענער צײַט איז זי געווען ביז גאָר אַקטועל. די קריטיק איז געווען פול מיט לויב און אָנערקענונג פאַר דער אויפפירונג פון... מישאַ פּישזאָן.

— סטײַטש — זאָג איך — מישאַ, די פּיעסע האָב איך דאָך אויפגעפירט, פאַרוואָס שטייט „רעזשי פּישזאָן“?

— דאָס איז מײַן אָפּמאַך — זאָגט ער מיר — אין דער אַר־מיסטן־יוניאָן, אַז בײַ אַלע פּיעסן, וואָס ווערן בײַ מיר אויפגעפירט, מוז זײַן געשריבן: רעזשי פּישזאָן.

— ווי אַזוי קען איך וואַקסן ווי אַ רעזשיסער? — האָב איך געפּרוּווט אויפקלערן דעם ענין — איבעריקנס, ס׳איז דאָך אַן אומ־געהערטע זאַך. איך וועל אויפפירן, און אײַך וועט מען באַזינגען? ווּ איז יושר?

— ס׳טוט מיר לייד: אָט דאָס איז מײַן אָפּמאַך.

כ׳האָב געמוזט שלום מאַכן מיט דער דאָזיקער אומ:אָרמאַלער און אומדערהערטער, נישט־עטישער לאַגע און האָב נאָך דעם אויפ־געפירט נאָך עטלעכע דערפאָלגרײַכע פּיעסן, אַלע אונטערן נאָמען פון פּישזאָנען. כ׳האָב געמוזט מאַכן אַ שווײַג, ווײַל סוף־כל־סוף האָט ער דאָך מיך געבראַכט קיין אַמעריקע, כאָטש, צוריק גע־שמועסט, וואָלט איך געווען צופרידן דערמיט ווען כ׳קאָן ווי צום

גיכסטן אַוועק פון דעטראָיט און מוחל מיט די „גליקן”, ווייל גע־האַלט האָט מען מיר סיי ווי נישט געצאָלט לויטן קאָנטראַקט.

די שטאָט דעטראָיט איז מיר בכלל נישט געפעלן געוואָרן. ווינ־טער איז דאָרט שרעקלעך קאַלט, ווי אין סיביר, און זומער ברענט די היץ ווי אַ פייער. דערצו איז ס׳געזעלשאַפטלעכע לעבן נישט אַזאַ ווי אין פּאַריז, צי אַנטווערפּן. אויך די מענטשן זענען יעדער פאַר זיך. כ׳האָב מיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צום דאָזיקן אָרט לעבן. כ׳בין דעריבער געווען צופרידן וואָס ענדלעך האָב איך גע־קאָנט פאַרלאָזן דעטראָיט און אַריבערפאָרן קיין ניו־יאָרק.

ווען כ׳בין געקומען קיין ניו־יאָרק און האָב זיך באַוויזן אין קאַפע „ראָיאַל”, די קינסטלער־קאַפע, האָט מען מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה אַז היות ווי כ׳בין נישט קיין מיטגליד אין דער יוניאָן קאָן איך נישט שפּילן קיין טעאַטער אין ניו־יאָרק, נאָר אַרום ניו־יאָרק און אין די פּראָווינצן. דאָס האָט באַשטעטיקט מנשה סקול־ניק, וואָס כ׳האָב געשפּילט מיט אים אין דעטראָיט. ער איז געקו־מען דעמאָלט ווי אַ גאַסט אויף עטלעכע וואָכן. ער האָט מיך גע־וואָלט אַנגאַזשירן אין זיין טעאַטער אין ניו־יאָרק, אויף סעקאָנד עוועניו, נאָר די יוניאָן האָט נישט דערלויבט. ער ראָט מיך דערי־בער כ׳זאָל גלייך ווערן אַ מיטגליד.

— וואָס הייסט גלייך? — האָב איך אים געזאָגט — ווי קען איך? איך האָב נישט קיין ווינרעכט. און מיטן מאָמענט ווען די וויזע גייט אויס מוז איך פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

דאָך האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן ווי אַזוי מע ווערט אַ מיטגליד אין דער אַמעריקאַנער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן.

כדי צו ווערן אַ מיטגליד האָט מען באַדאַרפט אַריינגעבן אַ דע־קלאַראַציע און איינצאָלן אַ באַטייטיקע סומע: 250 דאָלאַר. דער אַספּיראַנט האָט געמעגט זיין פון די נוצלעכסטע עלעמענטן וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך שטענדיק גענייטיקט אין זיי, האָט ער פון דעסטוועגן געמוזט דורכגיין דעם טרויעריק־באַרימטן עק־זאַמען. נישט קיין טעאָרעטישן חלילה. קענען שרייבן און לייענען יידיש און וויסן עפּעס פון דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער —

דאָס האָט די דעמאָלטיקע אָנפירערס פונעם אַקטיאָרן־יוניאָן נישט אינטערעסירט.

דאַקעגן אין וואַרשע און אויך אין בוענאָס־אײַרעס איז דער אויסהער געווען נאָר אַ טעאָרעטישער. דער אַספּיראַנט האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַן עקזאַמען נישט נאָר פאַר די אָנפירערס פון פאַראיין, נאָר אויך פאַר שרײַבערס, קריטיקערס, רעזשיסערן, וואָס זענען ספּעציעל צוגעצויגן געוואָרן צום עקזאַמינירן. פאַר זיי איז די הויפּטזאַך געווען אַז דער אַספּיראַנט זאָל קענען לייענען און שרײַבן ייִדיש, וויסן וועגן דער געשיכטע פון טעאַטער בכלל און וועגן ייִדיש טעאַטער בפרט. אין ניו־יאָרק, ווי דערמאָנט, איז די הויפּט זאַך געווען דער פֿײַנלעכער עקזאַמען וואָס דער אַספּיראַנט האָט באַדאַרפט אָפּגעבן פאַר די אַקטיאָרן אויף דער קליינער בינע פונעם זאַל אין דער אַקטיאָרן־יוניאָן.

די אַקטיאָרן און אַקטריסעס האָבן זיך צוגעגרייט צו דער דאָזיקער שמחה. ביַי זיי איז שוין פון פריער געווען באַשטימט ווער עס זאָל אַרײַן פאַר מיטגליד און וועמען מע דאַרף אָפּוואַרפן. אָט די באַשטימערס, די אָרגאַניזירערס האָבן זיך אָנגערופן מיטן נאָמען די מאַשין „אַלאַ אַמעריקאַ". דער אַספּיראַנט האָט באַדאַרפט פאַר זיי אָפּשפּילן צוויי ראָלן. איינע באַשטימט פון דער יוניאָן און די צווייטע האָט זיך דער עקזאַמיניסט געקאָנט אַליין אויסקלײַבן. ער האָט אָפּגעשפּילט די ראָלן אָן אַ באַגלייטער, רעדן צו דער וואַנט, צו אַ שטול, צו אַ טיש, ביַי דער פולער ליכט אין זאַל. ער זאָל קענען זען די רעאַקציע פון די ריכטער. מע קען זיך שוין פאָרשטעלן ווי דער עקזאַמען־אָפּגעבער האָט זיך בעת־מעשה געפילט, וויסנדיק אַז זײַן גורל הענגט אָפּ פון דער „מאַשין" וואָס האָט שוין פון פריער באַשטימט: זײַן אָדער ניט זײַן. אַפילו דער אַלטער אַקטיאָר האָט אינעם יונגן עקזאַמען־אָפּגעבער געזען זײַן קאָנקורענט און האָט נאָך דער עקזעקוציע־פּראָבע, אַרײַנגעוואָרפן אינעם שטימקעסטל, דעם באַרימטן „נאָ". איין „יעס" איז שטענדיק געווען צווישן די שטימען, כדי יעדער זאָל זיך קאָנען פאַרענטפערן פאַרן דורכגעפאַלענעם עקזאַמיניסט, אַז דער דאָזיקער „יעס" איז געווען זײַנער.

אַזוי אַרום האָט מען שוין דעמאָלט דעם באַרימטן מאָרים

שוואַרץ עטלעכע מאָל אָפּגעוואָרפֿן. ער האָט מיר דערציילט אַז ער האָט עפֿנטלעך פּראָטעסטירט און האָט פֿאַרלאַנגט צו מאַכן פּראָבע פֿאַר פֿאַרשטייערס פֿון געדרוקטן וואָרט און פֿאַר קריטי־קערס. דער רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס" אייב קאַהאַן, האָט זיך פֿאַר אים איינגעשטעלט און איז אַרויס מיט אַ שאַרפֿן אַרטיקל קעגן דער יוניאָן און די סאָרט פּראָבן. דאָס האָט וואָרשײַנלעך געווירקט און שוואַרץ איז ענדלעך אָנגענומען געוואָרן ווי אַ מיט־גליד. אויך מישאַ פֿישזאָן, וואָס איז אָן צווייפֿל געווען אַ פּרעס־טיזשפֿולער פֿײַנער אַקטיאָר, איז בײַ די עקזאַמענס אַ פּאָר מאָל דורכגעפֿאַלן. ווען ער האָט די יוניאָן געבאָרגט עטלעכע טויזנט דאָלאַר, איז ער בײַם נאָענטסטן עקזאַמען אָנגענומען געוואָרן פֿאַר אַ מיטגליד. הײַנט עקזיסטירן נישט מער די עקזאַמענס. די יונגע גענעראַציע אַקטיאָרן, וואָס האָט איבערגענומען די מאַכט, האָט קודם־כּל אָפּגעשאַפֿט די גיהנומדיקע עקזאַמענס.

ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, די עקזאַמענס האָבן אַ סך יונגוואַרג פֿאַרטריבן פֿון ייִדישן טעאַטער און זענען געווען דער גרעסטער שטער פֿאַר זיי, אַז זיי זאָלן ווערן ייִדישע אַקטיאָרן. דאָס האָט אַ סך גורם געווען צום הײַנטיקן שלעכטן מצב פֿון ייִדישן טעאַטער אין די פֿאַר׳ שטאַטן. מ'האָט נישט דערלאָזט אַז ס'זאָל צוקומען פֿריש בלוט צום ייִדישן טעאַטער.

איך האָב באַקומען אַן אָנבאָט פֿון סעם אַווערבאַך — סיידי שיינגאָלד און מאַקס קלעטער צו פֿאָרן מיט זיי שפּילן טעאַטער אין באָסטאָן, אין אַ חברים־טרופּע. מ'האָט מיר צוגעזאָגט גאָל־דענע גליקן, און געגעבן צײַט צו ענטפֿערן. צופֿעליק האָב איך זיך געטראָפֿן מיט יאָזעף שיינגאָלד און זײַן פֿרוי פּרענצים אַדלער, וואָס כ'האָב געשפּילט מיט זיי אין פּאַריז. בײַ דער געלעגנהייט האָב איך זיך באַקענט מיט זייער טאָכטער, זייער אַ שיינע, זי האָט מיר געזאָגט אַז זי פֿאָרט שפּילן קיין באָסטאָן מיט דער זעלבער טרופּע. דערהערנדיק דאָס בין איך באַלד געלאָפֿן צו אַווער־באַכן און אים געזאָגט:

— יאָ, איך פֿאָר מיט אײַך.

באָסטאָן איז פּונקט אַזאַ שטאָט ווי אַלע אַנדערע שטעט אין נאָרד־אַמעריקע. כמעט אַלע שטעט האָבן דעם זעלבן פּנים דאָרט, אַ

גרויסער געשעפֿטלעכער צענטער אין שטאָט, און אַרום דער שטאָט וווינען די מענטשן. מע באַמערקט אין באַסטאָן מער אַריסטאָקראַטישקייט ווי אין די אַנדערע שטעט. די מערסטע טייל יידן וווינט אין אַ געגנט וואָס איז ווייַט פֿון צענטער. כמעט אַלע האָבן זייערע אייגענע שיינע ווילעס, הייַזקעס. ווינטער איז שרעקלעך קאַלט. זייער אָפֿט פֿאַרדעקט דער שניי די קליינע הייַזער, אַז מע זעט זיי קוים אַרויס.

אין אַט דער געגנט האָבן מיר געשפּילט. ווי אַ חברים־טרופּע איז פֿאַר יעדער אַקטיאָר באַשטימט געוואָרן אַ מאַרקע (פּראָצענטער) פֿון די פֿאַרדינסטן לויטן ווערט און קאַטעגאָריע פֿונעם אַקטיאָר, דאָס הייסט, אַז ס׳האָט געקאָנט זייַן דרייַ אָדער מער פֿאַרשידענע מאַרקעס. נאָך דער ערשטער וואָך שפּילן האָב איך באַקומען פֿונעם פֿאַרדינסטן געלט לויט מייַן מאַרקע. פֿרעג איך: מיסטער אַווערבאַך, וויפֿל האָבן פֿאַרדינט די אַנדערע אַקטיאָרן? און איר? און אייַער פֿרוי? און מאַקס קלעטער?

— דאָס דאַרף איינער פֿון צווייטן ניט וויסן.

— וואָס הייסט ניט וויסן? ס׳איז דאָך אַ חברים־טרופּע, דאַרפֿן דאָך אַלע וויסן אַ רעכענונג, איר קענט זיך דאָך האָבן באַשטימט פֿאַר אייַך, אייַער פֿרוי און קלעטער, אַזעלכע הויכע מאַרקעס, אַזעלכע פּראָצענטער אַז בייַ די גרעסטע געשעפֿטן קאָן מיר נאָר בלייַבן וואַסער אויף קאַשע.

— טוט מיר לייד — זאָגט ער — דער אָפּמאַך איז באַשטימט פֿון דער אַקטיאָרן־יוניאָן.

— דאָס הייסט — זאָג איך אים — אַז דער אַקטיאָרן־פֿאַראיין איז אייַנגעגאַנגען אויף אַזאַ אָפּמאַך? אַז איינער פֿון צווייטן זאָל נישט וויסן וויפֿל דעם אַנדערנס מאַרקע באַטרעפֿט?

— אַזוי איז עס, חבר קלאָס — איז געווען זייַן ענטפֿער. איך האָב שוין אין מייַן לעבן געשפּילט אין חברים־טרופּעס, נאָר אין אַזאַ געהיימענישפֿולע חברים טרופּע בין איך געווען דאָס ערשטע מאָל. אָבער פֿאַרפֿאַלן, כ׳האָב נישט קיין עצה. כ׳מוז אַראָפּשלינגען דעם ביטערן טראָפּן. אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען אין טעאַטער אַרייַנגעקומען צוויי אימיגראַציע־באַאַמטע און מ׳האָט מיר גאַנץ העפֿלעך געמאָלדן אַז איך דאַרף פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. פֿאַר וואָס? מייַן

וויזע און פאס זענען דאך נאך גילטיק! פארוואס דארף איך אוועקפארן?

— דערפאר ווייל דו ביסט איבערגעגאנגען פון איין דירעקטאר צו א צווייטן.

געבראכט האט מיך מישא פישזאן, און כדי צו שפילן ביי אן אנדערן האב איך באדארפט ארויספארן פון לאנד און דער אנדער דער זאל מיך ברענגען אויף זיין קאנטראקט. פון אט דעם געזעץ האב נישט איך און נישט די אמעריקאנער יידישע אקטיארן געוואוסט, און ס'האט נישט געהאלפן קיין רעדן און קיין בעטן און קיין אויפווייזן אז די טרופע דארף מיך. איך מוז ארויספארן. זיי האבן באלד באשטימט די דאטע: בלויז עטלעכע טעג, צום טערמין האבן זיך די באאמטע געיאוועט ביי דער שיף, זען צי איך פאר אוועק.

דאס מוזן אוועקפארן פון באסטאן פון אזא סארט חברים-טרופע מיט די אויסטערלישע באדינגונגען איז נישט געווען דאס ערגסטע. אויך פון מיינע ליבע-האפענונגען איז גאר נישט געווארן, ס'האט זיך אויסגעלאזט א זייפנבלאז. פארקערט, כ'בין געווען צופרידן וואס איך פאר צוריק אינעם שיינעם ליכטיקן אנטווערפן, ווו אונדזערע יידן זענען אלע געווען ווי איין משפחה, פריינדלעך איינער צום צווייטן. אין יידישן טעאטער איז מען נישט געגאנגען, נאר געלאפן... בין איך דעריבער געפארן מיט א גוט געמיט.

ס'האט נישט געדויערט קיין דריי חדשים ווי כ'באקום א קאנטראקט פון אירווינג דזשייקאבסאן צו קומען שפילן אין פילאדעלפיע אין וואלנאט-סטריט-טעאטער. דאס טעאטער איז דאכט זיך דאס עלטסטע אין צפון-אמעריקע. מיט אירווינג דזשייקאבסאן און מערי שיינפעלד האב איך געשפילט אין בעלגיע. מיר האבן זיך זייער באפריינדעט. מיר זענען געווארן גוטע חברים. דערפאר בין איך געווען צופרידן ווידער צו ארבעטן מיט זיי צוזאמען.

ווען כ'בין אנגעקומען אין ניו-יארקער פארט האט מען מיך, נאכן רעווידירן די דאקומענטן, אפגעשיקט קיין עלים-איילאנד, ווו ס'געפינען זיך די געכאפטע אריינגעשמוגלטע אימיגראנטן, און פון דארט ווערן זיי צוריק געשיקט פון וואנען זיי זענען געקומען. אויך פארדעכטיקע טוריסטן האלט מען דארט ביז ס'ווערט אויסגעקלארט זייער לאגע. אין וואס מ'האט מיך פארדעכטיקט —

האָב איך נישט אָנגעהויבן צו ווייסן ביז כ'בין געשטעלט געוואָרן פאַר דער קאָמיסיע פון עליס-איילאַנד. אפילו אוירווינג, וואָס איז געקומען צום פּאָרט מיך אָפּוואַרטן און האָט געוויזן אַז כ'בין אָנאָנ־סירט אין טעאַטער אין פילאַדעלפיע און די טרופּע וואַרט אויף מיר, האָט גאָר נישט געקאָנט אויפטון.

ביי דער קאָמיסיע האָט מען מיר געגעבן אַ דאָלמעטשער.

— איך נייטיק זיך נישט אין קיין איבערזעצער — האָב איך געזאָגט — איך רעד ענגליש. און איך פרעג זיי:

— איז מיין וויזע, וואָס כ'האָב באַקומען אין אַמעריקאַנער קאָנ־סולאַט אין אַנטווערפּן, אַ ריכטיקע?

— יאָ — איז געווען דער ענטפער.

— טאָ פאַרוואָס האַלט מען מיך דאָ? פאַר וועלכן פאַרברעכן?

מיין שנעלן צוריקקומען קיין אַמעריקע איז זיי נישט געווען גענוג קלאָר. זיי האָבן גענומען באַטראַכטן מיין שטאַטלאָזן פּאַס פון אַלע זייטן און זיך דורכגערעדט צווישן זיך. כ'האָב פון זיי געפאָדערט: אָדער זיי לאָזן מיך פריי, אָדער זיי זאָלן מיך צוריק־שיקן קיין בעלגיע. איך בין נישט קיין פאַרברעכער און זיי האָבן נישט קיין רעכט מיך דאָ צו האַלטן. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז ס'וועט בלויז דויערן עטלעכע טעג. זיי דאַרפן עפּעס נאָכפרעגן און אַלץ וועט זיין דערליידיקט. מן-הסתם האָבן זיי געוואָלט ווייסן צי איך האָב פריער ווירקלעך געאַרבעט ווי אַן אַקטיאָר און וועגן מיין אויפפירונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין צווישן איז געקומען אוירווינג דזשייקאָבסאָן מיט עטלעכע פריינד און מ'האָט מיך ענדלעך באַפרייט. איך בין באַלד מיט אוירווינגען געפאָרן קיין פילאַדעלפיע און אויפן צווייטן טאָג האָב איך שוין געשפּילט, ווייל סימאָן רעכציייט, וואָס האָט מיך דערווייל פאַר־טראָטן אין דער ראָלע, האָט געמוזט צוריקפאָרן קיין ניו-יאָרק.

פילאַדעלפיע ווערט אָנגערופן — אין דער געניויער איבער־זעצונג פון ענגליש — דער בית-עולם מיט ליכט, צוליב דער טויט־קייט וואָס הערשט אין דער שטאָט. זונטיק טאָר מען נישט שפּילן קיין טעאַטער. דאָרט איז גילטיק דאָס ענגלישע געזעץ. ווינטער איז שרעקלעך קאַלט. די נאָז און די אויערן זענען די גרעסטע קרבנות פון די גרויסע קעלטן. דער שניי איז זייער הויך און די

גאָס איז שווער אַריבערצוגיין. איך טראַכט ביי זיך, ווי בין איך דאָ ווידער אַריינגעפאַלן! איך קום דאָך פאַרט פון אַזעלכע שיינע לענדער ווי פראַנקרייך, בעלגיע, אָבער צוליב אַ פאַרליבעניש איז פילאַדעלפיע פאַר מיר געוואָרן די שענסטע שטאָט.

כ׳בין געווען גליקלעך און שטאָלץ. ווען כ׳האָב באַקומען די מעגלעכקייט צו קאָנען אויפפירן אַ פיעסע מיט אַזעלכע גרויסע אַק־טיאָרן אין דער טרופע, ווי איזידאָר קעשער, מנחם רובין, מאַקס ראָזענבלאַט, רובין וועגנראָף, סעם דזשאָזעפסאָן, אוירווינג דזשוי־קאָבסאָן, מערי שיינפעלד, מערי סיימאָן, פאַני ליאָבריצקאַ, העלען בידאָ און דזשעני קעשיר.

איך האָב אויפגעפירט אַ פיעסע פון משה ריכטער „די אויפ־געקומענע גבירים״, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. כ׳האָב באַקומען אַ גוטע קריטיק. זעט אויס, אַז ס׳איז נאָך דאָ יושר אויף דער וועלט, אַפילו אין די פאַראייניקטע שטאַטן.



קאַפּיטל פיר און דרײַסיק

מײַן אַבאַרבאַנעל־אויפֿפירונג אין בוויבעריק

נאָכן פאַרענדיקן דעם טעאַטער־סעזאָן אין פילאַדעלפיע בין איך צוזאַמען מיט מײַנעם אַ חבר, בנימינדל פישביין — אַ טאַלענטירטער רעזשיסאָר און כאַראַקטער־קאָמיקער — אַנגאַזשירט געוואָרן אויף אַ גאַנצן זומער־סעזאָן צו געבן קליינקונסט־פאָרשטעלונגען אינעם שלום־עליכם־קעמפ בוויבעריק, וואָס איז געפירט געוואָרן אונטער דער לייטונג פונעם באַוווּסטן פּעדאַגאָג און אינטעלעקטואַל לייביש לערער.

דער בוויבעריק־קעמפ ליגט אין דער געגנט פון פּאַגיבסי וווּ דער מלוכה־פּרעזידענט רוזוועלט האָט געהאַט זײַן זומער־רעזידענץ. אויפֿן פּאַן פון דער מאַלערישער לאַנדשאַפט שפּרייט זיך אין גרינס דער אַפּרופּלאַץ, וווּ ס׳קומען זומערצײַט פאַרברענגען יונג און אַלט.

אין בוויבעריק האָבן זיך געפינען, שיינע באַקוועמע באַנגאַלעס, הילצערנע דאַטשע־שטיבלעך. אַרום פליסט אַ קלאָרער צעכוואַליעטער טײַך. צעצווײַגטע ביימער. שפּילפּלעצער. דער טעאַטער־סאַלאָן אין דער גרויסער געבײַדע איז אַ רחבותדיקער און איז אויך צוגעפּאַסט פאַר קאָנצערטן און פאָרלעזונגען. אַ חוץ דעם אָפּרוּ ווערט דאָרט געפירט אַן אויספּלאַנירטע פּערמאַנענטע קולטור־אַרבעט מיט אַ פּראָגראַם און אײַנגעשטעלטן סדר אויף אַ הויכן ניוואָ. ממש אַ גן־עדן־ווינקל פאַר עמך, פאַר ייִדישע פאָלקסמענטשן וואָס קומען אַהער אין די זומער־חדשים אי פאַרברענגען, אי אָפּרוען.

אָפֿט קומען דאָ אַראָפּ צו גאַסט גרויסע פּערזענלעכקייטן. מיר האָבן געהאַט דעם כבוד אַז אונדזערס אַ רעווי־פאָרשטעלונג זאָל באַזוכט ווערן דורכן גרויסן ייִדישן דיכטער און דראַמאַטורג ה. לייוויק, וואָס איז געקומען צו גאַסט קיין בוויבעריק. איך געדענק אַז

כ'האָב דעמאָלט רעציטירט חיים־נחמן ביאַליקס פּאָעמע „אַ פּריי־לעכס" און לייוויק האָט מיר אויסגעדריקט אַנערקענונג פאַרן רע־ציטירן ביאַליקס פּאָעמע פון אויסנווייניק.

אויף אַפּרו זענען אויך געקומען יוסף בולאָוו און ליובאַ קאַ־דיסאָן זיי האָבן מהנה געווען דעם עולם מיט אַ קליינקונסט־קאָנ־צערט און מיך צוגעצויגן צו שפּילן די ראָלע פון רבין אין „ברו־ריה". דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל וואָס כ'האָב געשפּילט מיט אָט די צוויי גאַטגעבענטע אַקטיאָרן.

דער דירעקטאָר פון בויבעריק־קעמפּ, לייביש לערער, אַ האַר־ציקער מענטש מיט אַ סך וויסן, אַן ערודיט, אַליין אַן אָנגעזעענער שרייבער, מחבר פון אַ ריי וואָגיקע ווערק, וואָס האָבן באַרייכערט די יידישע מחשבה ווי „יידישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען", „אַזוי זענען מענטשן", „די פּסיכאָלאָגיע פון ליטעראַטור", „מענטש און ייד". אָט דער באַשיידענער לייביש לערער האָט מיך איין מאָל פאַרבעטן אין אַן אויפדערנאַכט צו זיך אין קאַבינעט. ער דאַרף מיט מיר עפּעס איבעררעדן. ער האָט אַרויסגענומען פון שופלאַד אַ העפט און גלייך מיר געגעבן לייענען זיינס אַ ליברעטע, אַ דראַ־מאַטיש בילד אויף אַ היסטאָרישער קאַנווע וועגן דעם יידישן פי־נאַנץ־מיניסטער אין שפּאַניע, דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל, וואָס האָט צו וויסן געגעבן די יידן אַז ס'גרייט זיך אויף זיי אַ גירוש, באַוווּסט אין דער יידישער געשיכטע ווי דער גירוש־שפּאַניע. צום סוף האָט ער, דרך־אגב, געגעבן אָנצוגעהערן, אַז אויב ס'איז גוט פאַר דער סצענע וואָלט ער געווען צופרידן ווען ער, קלאַס, וואָלט זיך אונ־טערגענומען עס אויפצופירן אָט טאַקע דאָ אין בויבעריק, מיט די פעיקסטע קינדער וואָס געפינען זיך דאָ און ער איז זיכער אַז ס'וואָלט געהאַט גרויס דערפאָלג.

ער האָט פאַר מיר איבערגעלייענט די ליברעטע וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גוט געבויטן אינטערעסאַנטן דיאַלאָג, דראַמאַטישע אַקציע, קאָנפליקטן, שפּאַנונג. און ס'איז ביי מיר גלייך געבוירן גע־וואָרן די אידיי ווי אַזוי דאָס סצענישע בילד דאַרף געוויזן ווערן. איך האָב אים אויסגעדריקט מיין אַנטציקונג און באַמערקט אַז זיין באַשיידנקייט איז שוין גאָרנישט קיין מעלה ביים וועלן רעאַ־ליזירן עפּעס אויפן טעאַטראַלן געביט.

ער האָט מיר, ווי דעם רעזשיסער, אָנפאַרטרויט די אויפפירונג וואָס דאַרף געגעבן ווערן אונטערן פרײַען הימל.

מ׳האָט צונויפגערופן די קינדער און זיי דערקלערט אין וואָס עס גייט, אַז זיי וועלן אַלע דאַרפן אויפטרעטן אויפן פרײַען פעלד און שפילן אַ היסטאָרישע פיעסע. יעדער איינער וועט באַקומען זײַן ראָלע אויסצולערנען אויף אויסנווייניק.

כ׳האָב אויסגעזוכט דעם פּאַסיקן פּלאַץ. מ׳האָט גערופן די קינדער, זיי זאָלן קומען אַהין. חברה קליינוואַרג איז זיך צונויפגעקומען. כ׳האָב זיי, ווי געוויינטלעך אין צפון־אַמעריקע, גערופן אויף ענגליש, זיי זאָלן צוקומען צו מיר. נאָר קיינער פון זיי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט ווי נישט זיי מיינט מען. איך רוף זיי נאָך אַ מאָל און ווידער דאָס זעלביקע, לייביש לערער שטייט לעבן מיר און שמייכלט.

איך קוק אויף אים, כ׳קוק אויף די קינדער און פאַרשטיי נישט וואָס דאָ קומט פאָר. פרעג איך אים:

— זאָגט מיר, פרײַנד לערער, וואָס איז דאָס אַזוינס? ווי אַזוי זענען די קינדער דערצויגן? וואָס פאָלגן זיי מיך נישט? און וואָס באַטײַט אײַער צופרידענער שמייכל?

— רופט זיי נישט אויף ענגליש, נאָר אויף ייִדיש, וועט איר דעמאָלט זען.

און אַזוי איז געווען צו מײַן און לערערס גרויסער סאַטיספאַקציע. כ׳האָב געגעבן אַ ייִדישלעכן רוף:

— אַנו, קינדערלעך, קומט אַלע אַהער צו מיר!

באותו רגע האָט זיך ס׳קליינוואַרג אַ לאָז געטון צו מיר מיט אַ טומלדיקער פרייד און גדולה אַזוי ווי קינדער קאָנען לויפן. כ׳וועל די דאָזיקע סצענע קיין מאָל נישט פאַרגעסן. די שפּראַך פון גאַנץ בויבעריק איז — ייִדיש.

בכדי אַרויסצוברענגען אַ געטרײַ בילד פון דער מיטלאַלטערלעכער שפּאַנישער תקופה, בין איך ספּעציעל געפאָרן קיין ניו־יאָרק און פון אַ שטאָטישן מוזיי האָב איך באַקומען די בילדער פון דער כאַראַקטעריסטישער קליידונג פון יענער צײַט ווי אַזוי די ייִדן זענען דעמאָלט געגאַנגען אָנגעטון און אויך דעקאָראַציע בילדער פון יענער טונקעלער עפּאָכע.

נאָך מײַן צוריקקומען פון ניו־יאָרק האָבן זיך די קינדער גע־נומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן געמאָלן די דעקאָראַציעס, גענייט די קליידער. אין דער זעלביקער צײַט זענען טאָג טעגלעך פאָרגעקו־מען פּראָבעס. דאָן אַבאַרבאַנעל האָט געשפּילט אַ דרײַצניאָריקער בחור׳ל מיט אײַנגעבוירענע אַרטיסטישע פעיִקייטן. ס׳זענען אויך צוגעגרייט געוואָרן די געהעריקע ליכטעפעקטן. מ׳האָט אַנגאַזשירט אַ זינגערין און לייביש לערערס שוואָגער, אַ קאָמפּאָזיטאָר האָט אַראַנזשירט מוזיק, ספּעציעל געשריבן פאַר דער פּיעסע.

די פּיאַנאָ איז געשטאַנען אויף אַ דזשיפּ פאַרשטעלט מיט צווײַ־גן. די קינדער האָבן מאַרשירט און דער דזשיפּ מיט דער פּיאַנאָ האָט זיי נאָכפאָרנדיק באַגלייט מיט מוזיק. פון אַלע אַרומיקע קעמפּס זענען געקומען קינדער און דערוואַקסענע צו דער פאָרשטעלונג וואָס איז פאָרגעקומען בײַנאַכט. דער גאַנצער פּלאַן מיט דער פּראָוויזאָ־ריש אויפגעשטעלטער בינע אויף דער פרײַער לופט צווישן ביימער און אויסגעשטערנטן הימל האָט אויסגעזען ווי אַ פאַנטאַסטישע וועלט פון אַ קינדער־מעשהלע אין אַ פאַרכישופטער זומערנאַכט פון חלום און שפּיל.

נאָך דער פאָרשטעלונג, וואָס האָט אַרויסגערופן באַגײַסטערונג בײַ אַלעמען, האָט לייביש לערער, דער מחבר פון דער היסטאָרישער דראַמע, מיר אויסגעדריקט אָנערקענונג און מיט האַרציקע ווערטער באַדאַנקט פאַר דער אײַנגעגעבענער אויפפירונג, וואָס איז רעאַלי־זירט געוואָרן אויף אַ דיסציפּלינירטן אופן מיט אַן עלעמענט וואָס לאָזט זיך נישט אַזוי לײַכט באַהערשן, ווי ס׳זענען עס געווען די ראַליסטן פון דער פאָרשטעלונג — די קינדער פונעם קעמפּ בוכבעריק.

***

אין דער קינדער־רעפּובליק בוכבעריק איז דאָ אַ טאָג וואָס די קינדער איז דערלויבט צו זײַן קינדעריש, אמתע קונדסים, פּראַוווען כלערליי שטיק און אָפּטון שפּיצלעך ווען זיי ווילן. לייביש לע־רער, וואָס האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין צײַט זיך צו באָדן אין טײַך, האָבן אים די קינדער פאַרנאַרט צום ברעג און מיט אַן אומ־

באַמערקטן זײַטיקן שטופּ איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין טײַך אַרײַן אַנגע־טוענערהייט. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַן אויסשטעלונג פֿון קאָמישע זאַכן, ווו דער הויפּט־אָביעקט פֿון חוזק איז געווען דאָס שיינע מין.

אין יענעם טאָג זענען די קינדער די פּאַקטישע באַלעבאַטים פֿון דער בוּיבעריק־רעפּובליק מע מוז זיי פּאָלגן און אויספֿירן זייערע באַפֿעלן. אַן אינטערעסאַנטער און פֿאַרווײַלנדיקער טאָג. אויף די אײַנפֿאַלן פֿון חברה קליינוואַרג קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן.

ווען כ׳בין אַרײַנגעקומען אין מײַן באַנגאַלאָ האָב איך געטראָפֿן אויפֿן טיש אַ באַרג פֿאַרשידענע קנעפּ פֿון כלערליי קאָלירן, נאָדל־פֿאָדעם, אַ פֿינגערהוט אָט אַזוי ווי ביי אַ שנײַדער אין וואַרשטאַט. אַ ווײַל בין איך געבליבן דערשטוינט. פֿון וואַנען נעמט זיך דאָס אַלץ צו מיר אויפֿן טיש? איך גיב אַ קוק: אַלע קנעפּלעך פֿון מײַן גאַנ־צער גאַרדעראָב האָבן די חברה קונדסים אָפּגעשניטן און ליגן אין אַ קופּע אויפֿן טיש. איך האָב פּשוט נישט וואָס אָנצוטון.

ערשט אויפֿן צווייטן טאָג האָבן זיך עטלעכע מיידלעך געמאָלדן, ווי פֿרײַוויליקע, מיר אָנצונייען די קנעפּלעך. איך אַליין האָב אָבער אויך געמוזט נעמען נאָדל־פֿאָדעם אין האַנט אַרײַן און נייען. זיי האָבן מיך שפּעטער געפֿירט אין אָפּיס, אין ביוראָ פֿון ליפּע לערער, דער ברודער פֿון לייבישן, וואָס איז געווען דער טעכנישער לייטער פֿונעם קעמפּ.

אינעם גאַסטבוך האָבן זיי אין מײַן קעגנוואַרט אַרײַנגעשריבן אַ דאַנק און אָנערקענונג פֿאַר מײַן אויפֿפֿירן דעם אַבאַרבאַ:על־ספּעק־טאַקל וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ רושם אויף אַלע באַזוכער.

דעם לעצטן סעזאָן אין צפֿון־אַמעריקע האָב איך געשפּילט אין האָפּקינסאָן־טעאַטער אין ברוקלין אונטער דער דירעקציע פֿון אוויר־ווינג דזשייקאָבסאָן און מרים קרעסין.

כמעט ביים סוף פֿון טעאַטער־סעזאָן זענען געקומען אין טעאַ־טער אַרײַן צוויי אימיגראַציע־באַאַמטע און האָבן מיר דערמאָנט אַז מײַן דערלויבעניש צו בלײַבן אין לאַנד גייט אויס און אַז איך דאַרף פֿאַרלאָזן דאָס גאָלדענע לאַנד.

— איך וועל אײַך בעטן אַ פֿאַרלענגערונג — האָב איך זיי גע־זאָגט — כ׳האָב עס שוין געטון צוויי מאָל.

— דו וועסט קיין פאַרלענגערונג נישט באַקומען — איז געווען דער ענטפער — ווײַל דײַן שטאַטלאָזער פאַס ענדיקט זײַן גילטיקייט. און אָט דעם פאַס קאָן מען אין ערגעץ נישט פאַרלענגערן, נאָר אין דעם לאַנד ווו דו האָסט אים באַקומען — אין בעלגיע.

— איך גלויב — האָב איך אַלץ נישט נאָכגעגעבן — אַז דער בעלגישער קאָנסול אין ניו־יאָרק וועט אים מיר פאַרלענגערן.

— אויב ער וועט עס דיר טון — זענען זיי געוואָרן ווייכער — וועסטו קאָנען באַקומען אַ פאַרלענגערונג פון דײַן אויפהאַלטן זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער בעלגישער קאָנסול האָט אָבער אָפּגעזאָגט. ער האָט נישט קיין רעכט אויף דעם און ס׳ליגט נישט אונטער זײַן רעסאָרט. איך האָב ע:דלעך קוים אַרויסבאַקומען אַ פראַנצויזישע דורכרײַז־וויזע. בײַ דער שיף זענען שוין געשטאַ:ען באַאַמטע, בכדי צו קאָנטראָלירן צי איך פאָר טאַקע אָפּ.

קאַפּיטל פינף און דרײַסיק

אַ שטאַטלאָזער אָבער פאָרט אַן אַקטיאָר

און אָט געפינען איך זיך שוין צוריק אין פּאַריז. אין דער וווּנדערלעכער שטאָט וווּ אַפילו אַ שטאַטלאָזער פילט זיך ווי בײַ זיך אין דער היים. כ'האָב זיך אָבער לאַנג נישט געקאָנט אויפהאַלטן דאָ. און כ'האָב גענומען די באַן צו פאָרן קיין בעלגיע. אויף דער בעלגישער זײַט אָבער קומט אַרויף דער גרענעץ־באַאַמטער:

— פּאַס! קאָנטראָל!

אויף אַ גענויג איידעלן אופן זאָגט ער מיר, דער גרענעץ־וועכטער, אַז איך קאָן מער, לײדער, נישט אַרײַנפאָרן קיין בעלגיע, ווײַל מײַן פּאַס און אידענטיטעט־קאַרטע איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען.

— סטײַטש — טענה איך צו אים — בעלגיע איז דאָך מײַן היים, שוין אַזוי פיל יאָרן ווי כ'וווין אין אַנטווערפּן.

— ס'טוט מיר לייד, מעסיע — זאָגט ער העפלעך און קאַלטבלוטיק.

ער האָט מיך אַראָפּגעראַבעטן פון צוג און מיט דער נאָענטסטער באַן בין איך געוואָרן צוריקגעשיקט קיין פּאַריז.

אויף דער פראַנצויזישער גרענעץ האָט זיך ווידער געעיאַוועט אַ פרישער גרענעץ־באַאַמטער מיטן זעלביקן פּיזמון וואָס אויף דער בעלגישער גרענעץ:

— פּאַס! קאָנטראָל! סיל־ווו־פּלע!

ער קומט צו מיר צו און פרעגט מיך:

— ווו פאָרסטו? דו האָסט דאָך נישט קיין וויזע.

און באַלד מיט דער אָנגעקומענער באַן האָט מען מיך ווידער אַ מאָל צוריקגעשיקט קיין בעלגיע. און אין בעלגיע חזרט זיך

איבער דאָס זעלביקע שפּיל. צוריק קיין פּאַריז. איך בין ממש גע־וואָרן פאַרצווייפלט. כ'בין געזעסן אַ פאַרקלעמטער אין געהאַקטע צרות און נישט געזען פאַר זיך קיין אַרויסגאַנג פונעם פאַרכישופטן קרײַז, וואָס וואַרפט מיך פון איין לאַנד אין צווייטן, אַהין און צו־ריק, אַז מע קאָן פון זינען אַראָפּ, אַן אמתדיק פויעריש גיהנום.

כ'האָב בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אין פאַל מע וועט מיך איצט צו־ריקשיקן, וועל איך איבערלאָזן אויף דער באַן מײַן גאַנץ ביסל האָב און גוטס, מײַן גאַנצן באַגאַזש און וועל זיך ערגעץ אַראָפּכאַפּן אויף אַ סטאַציע און אַדורכגיין די גרענעץ אונטן־אַרום, ווו מע פרעגט נישט אויף קיין וויזע, בכלל נישט אויף קיין שום דאָקומענטן.

דאָס מאָל אָבער האָט מיך געראַטעוועט מײַן אַרטיסטיש פּאַך: דער נאָמען פון אַן אַקטיאָר. דער פראַנצויזישער באַאַמטער וואָס האָט דאָס מאָל קאָנטראָלירט די פּעסער, האָט אַרײַנגעקוקט אין מײַן פּאַס און מיך געפרעגט, צי איך בין אַן אַקטיאָר, צי כ'שפּיל טעאַטער.

— יאָ, איך בין אַ טעאַטער־מענטש.

— אויב אַזוי, טאָ פאָר! איך האָב דיך נישט געזען!

און אַזוי האָט גענומען אַ סוף צו מײַן נאָכאַנאַנדיקן וואַנדערן פון פראַנקרײַך קיין בעלגיע און צוריק, און ענדלעך האָב איך זיך דערשלאָגן קיין פּאַריז.

איך בין אַוועק אין האָטעל, ווו כ'האָב שטענדיק געוווינט. דער אייגנטימער האָט מיר דערלויבט צו זײַן בײַ אים נישט אײַנגעמאָלדן.

אין לאַנקרי־טעאַטער האָט דעמאָלט געשפּילט אַ טרופּע אונטער דער דירעקציע פון אַ געוויסן לאַזאַר. כ'בין גלײַך געוואָרן אַנגאַ־זשירט. צו די פּראָבעס בין איך געפאָרן מיט אַ טאַקסי. דאָס גלײַכן צו די פאָרשטעלונגען האָב איך זיך געמוזט אַרײַנזעצן אין אַ טאַקסי און זיך ווידער געהייסן פירן אין לאַנקרי־טעאַטער. די זעלביקע געשיכ־טע האָט זיך איבערגעחזרט פון טעאַטער צוריק אין האָטעל. כ'האָב מורא געהאַט צו גיין אַ טריט אויף דער גאַס צוליב די כסדרדיקע קאָנטראָלן אויף טריט און שריט.

מאַכט זיך אַ מעשה, דעם טעאַטער־דירעקטאָר האָט זיך פאַר־גלוסט צו פאַרבעטן אַלע מענער־אַקטיאָרן אין שוויצבאָד אַרײַן. מע קומט אַרײַן אין קאָרידאָר, מע נעמט בילעטן בײַ דער קאַסע און לאָ־זאָר וויצלט זיך נאָך אַז נאָכן באָד איז גוט צו מאַכן דעם אמתן שנאַפּס

און צו פֿאַרבײַסן מיט אַ פֿערטל געגנדזנס, און פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ גייט שוין אַרײַן אין חשבון, אַז ער צאָלט פֿאַר אַלץ. מיר זענען שוין אין פֿאַרעדיקן באָד, מע גיסט זיך מיט שעפּלעך וואַסער, און פּלוצעם זאָגט לאַזאַר אַז ס׳איז אים נישט גוט. ער באַווײַזט נישט צוצוגיין צו דער באַנק, ווי ער גיט זיך אַ צי אוים אויפֿן נאַסן שטיינערנעם דיל ווי גרויס ער איז און נאָך איידער מע באַווײַזט זיך אַרומצוקוקן גיט ער אַ שטאַרב אַוועק אויפֿן אָרט. ער איז געווען אַ האַרצלײַדנדיקער און האָט נישט געטאָרט נעמען קיין הייסן דוש. און אָט די אומפֿאָרזיכטיקייט האָט אים געקאָסט דאָס לעבן.

מיטן טויט פֿונעם טעאַטער־דירעקטאָר לאַזאַר איז אויך אָפּגעשטאָרבן דער טעאַטער־סעזאָן פֿון 1939 און גלײַך האָט זיך דערנענטערט די סכנה פֿון דער צווייטער וועלט־מילחמה. איך האָב זיך געפֿונען אין האָטעל ווי אין אַ געפֿענגעניש. קיין טריט האָב איך נישט געקאָנט מאַכן פֿון האָטעל אַרויס, ווו ס׳האָט אויף מיר, דעם שטאַטלאָזן און אומלעגאַלן, געלויערט דאָס שפּיזיקע אויג פֿון דער געהיים־פּאָליציי. וואָס טוט מען זיך פֿאַר אַן עצה? ווי פּלאָנטערט מען זיך אַרויס פֿון דאָזיקן פֿאַרכישופֿטן קרײַז? בלית־ברירה האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און בין אַוועק אין דער פּאָליציי־פּרעפֿעקטור. און איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל זאָל נעמען אַ סוף צום גיהנום. ס׳האַרץ האָט אין מיר געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, ווען כ׳האָב דערזען די לאַקייען מיט די בופֿן־הויזן און ווײַסע זאָקן ביז איבער די קני׳ען און מעשענע קייטן אויפֿן האַלדז. זיי האָבן מיך אָפּגעשטעלט:

— וווּהין, מעסיע?

— איך וויל זען דעם פּרעפֿעקט פֿון דער פּאָליציי. איך דאַרף מיט אים רעדן עפּעס וויכטיקס.

כ׳האָב געוווּסט, אַז אויף מײַן שיין פּנים קוקנדיק וועט מען מיך נישט צולאָזן צום פּרעפֿעקט. כ׳האָב זיי גלײַך געגעבן אין יד אַרײַן. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און מ׳האָט מיך אַרײַנגעפֿירט צו אים. דער שעף פֿון דער פּאָליציי — אַ יונגער בלאָנדער אינטערעסאַנטער מאַן — האָט מיך אָנגעקוקט פֿאַרשנדיק. איך פֿרעג אים צי ער רעדט ענגליש ווײַל מײַן פֿראַנצויזיש איז נישט אַזוי פֿליסיק.

— יאָ — גיט ער אַ מאַך צו מיר — קענסט רעדן ענגליש. איך

דערציילן אים אַלץ ווי אַזוי מ׳האָט מיך געוואָרפן ווי אַ באַלעם, פון איין זייט גרענעץ צו דער אַנדערער און איך בעט ביי אים נישט מער ווי אַ דערלויבעניש זיך אויפצוהאַלטן אויף צוויי חדשים, כ׳זאָל קאָנען מאַכן באַמיִונגען זיך צו באַזאָרגן מיט אַ וויזע ערגעץ אין די אַמעריקאַנער לענדער און קאָנען לעגאַל אַרויספאָרן פון פראַנקרייך.

— איך באַוווּנדער דיין מוט — איז געווען זיין ענטפער — דו ביסט שוין איבער צוויי חדשים אומלעגאַל אין לאַנד און איצט האָסטו זיך דערוועגט צו קומען צו מיר נאָך הילף? דו ווייסט ווו מיר שיקן די אומלעגאַלע מענטשן?

אָבער דאָס מאָל ראַטעוועט מיך ווידער מיין שם פון אַן אַקטיאָר. ער קוקט אויף מיר מיט אַ צופרידן שמייכעלע:

— מיין פרוי — זאָגט ער צו מיר — איז אויך אַן אַקטריסע. זי שפּילט אין „קאָמעדי פראַנסעז” און איך קאָן ביי זיך נישט פועלן, אַז אַ מענטש פון זעלביקן פאַך וואָס מיין פרוי זאָל זיין אויסגעשטעלט אויף אומזיסטע ליידן צוליב עפּעס אַ פאָרמעלן פאַרשריפט. ער האָט מיר אויפן אָרט געגעבן די דערלויבעניש צו בלייבן דריי חדשים אין לאַנד, און מיר אָנגעזאָגט, כ׳זאָל טון אַלץ צו קאָנען אַוועקפאָרן וואָס גיכער שוין צוליב דעם אַליין וואָס מע זעט פאָר די אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ מילחמה.

דער פּרעפעקט האָט אַריינגערופן איינעם פון די לאַקייען, ער זאָל מיך באַגלייטן אויפן דריטן שטאָק ווו מען וועט מיר אָפּשטעמפּלען די דערלויבעניש. כ׳האָב אים האַרציק באַדאַנקט, דעם פּרעפעקט, און אים געזאָגט אַז כ׳וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן זיין מענטשלעכע האַנדלונג פון אַ הויך־הומאַניטאַרן כאַראַקטער.

ווען כ׳בין אַרויפגעקומען אין דער הייך האָט מען מיר נישט געגעבן באַלד דעם שטעמפּל אויף די גאַנצע דריי חדשים, נאָר דערווייל בלויז אויף איין חודש אַזוי ווי ס׳זאָגט דאָס געזעץ. ווען דער חודש וועט זיך ענדיקן זאָל איך ווידער קומען, וועט מען מיר געבן אויף אַ פרישן חודש. מילא, זאָל זיין אויף אַ חודש, אַבי כ׳קאָן שוין אַרויסגיין פריי אין גאַס אָן שום מורא פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. כאָטש כ׳קען גוט פּאַריז, האָב איך פאַר פרייד נישט געוווּסט ווו צו שטעלן אַ טראָט. דער חודש האָט זיך געענדיקט און איך דאַרף גיין אין פּאָליציי פאַרלענגערן מיין דאָקומענט. ווען כ׳בין צוגעקו־

מען צום פאליציי-בנין איז מיר געווארן פינצטער אין די אויגן. הונדערטער מענטשן זענען געשטאנען פארן פארמאכטן טויער און געווארט, ס'טויער זאל זיך עפענען, זיי זאלן קאנען פארלענגערן זייערע פאפירן. זיי זענען געשטאנען שוין פון פארטאג אן צו קאנען וואס גיכער אנקומען צום באקומען דעם שטעמפל אויף זייערע דאקומענטן אז ס'איז זיי דערלויבט צו בלייבן נאך א חודש אין פראנקרייך.

ווי נאר דאס טויער האט זיך געעפנט איז געווארן א ווילד געלויף פון די מענטשן, צו דערגרייכן ארויף אין דער הייך אויפן דריטן שטאק, ווו ס'ווערט דורכגעפירט די פראצעדור פונעם פארלענגערן די פאפירן. אין משך פון די אויפנעם-שעלן ווערן דערליידיקט ביז צוויי הונדערט פערזאן. לויט מיין ריי, ווו איך געפין זיך, וועל איך זיכער נישט אנקומען און מיין שטיין איז אומזיסט. דאס הייסט, אז כ'וועל ווידער עטלעכע טעג נישט קאנען גיין אין גאס, ווייל נישט אלע טעג אין דער וואך ווערט דורכגעפירט די פארלענגערונג. פאליציי האט געהאלטן ארדענונג איבער די הונדערטער מענטשן. טייל פאליציסטן האבן זיך אויפגעפירט ברוטאל. זיי האבן געשטופט און געשטויסן די פרעמדלענדער, דעם א זעץ, יענעם א קלאפ. דער אנטיסעמיטיזם האט דעמאלט שטארק געבושעוועט אין פראנקרייך בפרט ביי די ארדענונג-היטער, ביי דער פאליציי. אזוי שטייענדיק אין דער ריי האב איך באמערקט נישט ווייט פון מיר א מער מענטשלעכן פאליציסט, האב איך געמאכט א חלשות-סצענע און בין אוועקגעפאלן. עטלעכע פאליציי-לייט זענען צוגעלאפן און מיך אויפגעהויבן, אראפצוטראגן צום פאליציי-דאקטאר. דערווייל האט דער פאליציסט ארויסגענומען מיינע פאפירן פון בוזעמטאש און איז אריין זיי פארלענגערן.

ליגנדיק ביים דאקטאר איז אונטערגעקומען דער פאליציסט און געזאגט, אז מ'האט מיר פארלענגערט אויף צוויי חדשים. ווי נאר כ'האב דערהערט די בשורה-טובה בין איך הענדום-פענדום אראפגעשפרונגען פון בעטל. דער דאקטאר און די פאליציסטן האבן געקוקט אויף מיר פארווונדערטע, גלייך ווי כ'וואלט אויפגעשטאנען תחית-המתים, געווארן פון טויט לעבעדיק. וואס איז דא געשען?

כ׳האָב זיי דערקלערט, אַז כּדי צו באַקומען היינט די פאַרלענגערונג האָב איך, ווי אַן אַקטיאָר, אָפּגעשפּילט די סצענע.

כ׳האָב געהאַט מזל. ס׳איז זיי געפעלן געוואָרן ס׳שטיקל אַרבעט. צום ערשטן מאָל האָבן זיי דערזען פאַר זיך אַן אַקטיאָר אין לעבן. זיי האָבן זיך אַלע צעלאַכט. ווידער אַ מאָל האָב איך זיך אַרויסגע־דרייט פון אַ פיינלעכער סיטואַציע און ס׳האָט מיר צוגעשפּילט דאָס מזל אַ דאַנק דעם וואָס כ׳בין אַן אַקטיאָר.

אַ דאַנק טאַקע מיין אַקטיאָרישקייט האָב איך זיך אין דער לעצטער מינוט אַרויסגעראַטעוועט פונעם סכנה־קריין, פונעם לעצטן פיבערדיקן מילחמה־צוגרייט וואָס האָט שוין געהאַט אַרומגענומען, ווי מיט אַ פייערדרינג, גאַנץ אייראָפּע כאָטש דערווייל נאָך אומגע־זען.

מיין קוזין אַדאָלף מידע, וואָס איז דעמאָלט געווען דירעקטאָר פון מיטרע־טעאַטער אין בוענאָס־איירעס, האָט מיר אַרויסגעשיקט אַלע נייטיקע פּאַפּירן. אַזוי אַרום האָב איך געקאָנט פאַרלאָזן פראַנק־רייך און סוף יולי 1939, געציילטע וואָכן ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, בין איך אָנגעקומען קיין אַרגענטינע.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

אַן ערשטער אַרויספֿאָר איבער די קאָלאָניעס

דעם אמת מוז מען זאָגן: אַרגענטינע איז מיר געפֿעלן גלייך פֿון דער ערשטער מינוט ווי כ'האָב באַטרעטן דעם באָדן. בוענאָס-אײַרעס האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו זײַן אַ פֿרייליכע שטאָט, די מענטשן פֿרײַנדלעכע, צוגעלאָזענע. מע פֿאַרברענגט אין די שפּעטע נאַכט-שעהען אין די שיינע קאַפֿעען. געמיטלעך, נישט געאײַלט, מענטשלעך, וואָס דאָס איז אין צפֿון-אַמעריקע בכלל נישט צו טרעפֿן.

אַ שטיק ייִדיש שטייגער-לעבן האָט זיך דאָ איבערגעטראָגן פֿון אַמאָליקן וואַרשע. אַ שלל ייִדישע אינסטיטוציעס וואָס האָבן איי־בערגעפֿלאַנצט אַהער די ייִדישע קולטור-טראַדיציעס. אַ ייִדישער אַקטיאָרן-פֿאַראיין, אַ שרײַבער-פֿאַראיין אַפֿילו אויפֿן נאָמען פֿון אַ וואַרשעווער ייִדישן שרײַבער: ה. ד. נאָמבערג. אַ ייִדישער אַקטיאָר, וואָס קומט פֿון דער פֿרעמד, ווערט דאָ דורכן אַקטיאָרן פֿאַראיין אויפֿ־גענומען מיט אָפֿענע אָרעמס. דרײַ ייִדישע טעאַטערס, וואָס שפּילן אַ גאַנצע וואָך. צוויי ייִדישע טאָגצײַטונגען מיט גרויסן פֿאַרנעם וואָס פֿאַרהיימישן באַלד דעם פֿריש געקומענעם וואָס פֿילט זיך ווי בײַ זיך אין דער היים; וואָכנבלעטער, זשורנאַלן, קלובן, קולטורקרײַזן, פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, אַ ייִדיש לעבן, אַ ייִדישע וועלט.

כ'האָב דאָ אויך געטראָפֿן מײַנע לאַנדסלײַט, פּולטוסקער און סע־ראָצקער וואָס האָבן אַן אייגענע געזעלשאַפֿטלעכע היים, דעם לאַנדס־לײַט-פֿאַראיין פֿון פּולטוסק-סעראָצק. וואָס האָט געהאָלפֿן יעדער גע־קומענעם לאַנדסמאַן אין וואָס עמעצער האָט זיך געניי̈טיקט און ביזן הײַנטיקן טאָג האַלטן זיי אָן די שיינע טראַדיציע.

וואָס נוגע טעאַטער איז די דעמאָלטיקע לאַגע נישט געווען פֿאַר מיר קיין צו אָנגענעמע. איך בין געקומען שפּילן טעאַטער און כ'האָב

מיטגעבראַכט עטלעכע אינטערעסאַנטע פּיעסן. ווייַזט זיך אַרויס אַז אין מיטרע-טעאַטער האָט מייַן קרוב, אַדאָלף מידע, איינגעפירט יידישע פילמען מיט קליינקונסט-נומערן פאַרן אָנהייב פונעם פילם. צום דאָזיקן צוועק האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון צפון-אַמעריקע דאָס אַרטיסטן-פּאָרל מעדאָף. מיט זיי האָב איך געשפּילט אין דער באַרימטער רוסישער אָפּערעטע „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ", אויף יידיש, אין די בראָנקס. זיי זענען געווען גוטע קאָנצערטיסטן צוגעפּאַסטע פאַר קליינקונסט. כ'האָב מיך אויך אַן עצה געגעבן מיט די קליינקונסט - נומערן כאָטש כ'בין, ווי געזאָגט, נישט געווען צוגעגרייט צו דעם.

פון פּוילן איז אין יענער צייַט אָנגעקומען די טרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון מאַקס פּערעלמאַן און גיטאַ גאַלינאַ, מאַקס באָזשיק און זייַן פרוי רייזל ליבראָווסקאַ, חבל בוזגאַן און זייַן פרוי רבקה שילער און לייב פרידמאַן. איך האָב אָנגעהויבן שפּילן מיט זיי אין דער טרופּע וואָס האָט דורכגעפירט אַ סוקצעספולן סעזאָן.

נאָכן פאַרענדיקן דעם טעאַטער-סעזאָן פון 1940 אין בוענאָס-איירעס, איז אַ גרופּע אַקטיאָרן געשיקט געוואָרן דורך דער יקאַ צו שפּילן יידיש טעאַטער אין די קאָלאָניעס אין ענטרע-ריאָס און לאַ פּאַמפּאַ. איך בין געווען איינגעשלאָסן ווי איינער פון דער גרופּע. אונדזער ערשטער אויפטריט איז פאָרגעקומען אין דער קאָלאָניע קאַפּיזשע. אין מיטן פעלד איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער הילצערנער באַראַק, וואָס מאַכט אויסערלעך אַן איינדרוק פון אַ שייַער. אינעווייניק איז אָבער אַלץ איינגעאָרדנט ווי אַ שיין באַקוועם דאָרפיש טעאַטערל. לאַנגע הילצערנע בענק זענען אויסגעשטעלט אונטן אין זאַל. אַ שיינע באַקוועמע בינע, אַפילו גאַרדעראָבעס פאַר די אַקטיאָרן זענען דאָ פאַראַן, וווּ זיך צו גרימירן און זיך איבערטון. אַלץ דיין, ציכטיק צוגעגרייט. ס'איז אויך פאַראַן אַ באַזונדער שיינער באַקוועמער צימער. ווייַזט אויס אויף זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג. כ'האָב געפרעגט די חברים פאַר וועמען וועלן מיר דאָ שפּילן? איך זע נישט קיין הייַזער אַרום, אַפילו אין דער ווייַטנס איז נישט געווען צו זען אַז ס'זאָל זיך וווּ ערגעץ געפינען אַ באַוווינטע געגנט.

די חברים אַקטיאָרן האָבן מיך באַרויִקט :

— זאָרג זיך נישט, דער טעאַטער וועט הײַנט זײַן פול געפּאַקט ביז איין פּלאַץ.

דאָך איז פאַר מיר נאָך אַלץ געבליבן אַ רעטעניש: פון וואַנען וועט זיך נעמען אַן עולם צו באַזעצן די אַלע אויסגעשטעלטע לאַנגע בענק פונעם טעאַטער?

אין יענער צײַט האָט מען דאָ אין אַרגענטינע נישט געוווּסט פון די אַלע מאָדערנע אויפטועך, ווי וואָרטקאָנצערטן, רעציטאַלן, קליינקונסט-פּראָגראַמען פון שטיקלעך און פּיצלעך, מאָנטאַזשירטע נומערן, באַשמאָלצן מיט מאָנאָלאָגן, עטלעכע סצענקעס, געזאַנג-אויפטריטן און היידאַ געפאָרן! דעמאָלט איז אַ פאָרשטעלונג געווען — אַ פאָרשטעלונג מיט פאַרנעם — שווערע אַרטילעריע. מ'האָט געשפּילט גאָרדינס רעפּערטואַר, אָדער אָפּערעטעס וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט גאַנצע עפּאָכעס, צוויי, דרײַ דורות מיט פאַרוואַנדלונגען, גאַנצע לעבן-דראַמעס דורכגעפלאָכטן מיט כאַראַקטער-לידער און ראָמאַנטישע ליבע-לידער. ס'האָט זיך עפּעס אָפּגעטון אויף דער בינע וואָס האָט געהאַלטן געשפּאַנט דעם צושויער ביזן פאַלן פונעם פאָרהאַנג אין לעצטן אַקט.

ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט. מיר זענען שוין אַלע גרימירט און איבערגעטון. איך הייב זיך אויף און גיי אַרויס אין דרויסן אַ גרימירטער. מיט אַ מאָל זע איך פון ווײַטנס אָנקומען אַ מחנה רײַטער. זיי פליִען אויף די פערד מיט לאַנגע מעסערס פאַרשטעקט בײַ די זײַטן. כ'בין אַרײַנגעלאָפן צו די אַקטיאָרן און אויסגעשריגן נישט מיט מײַן קול:

— חברים, לאָמיר אַנטלויפן! לאָמיר זיך ראַטעווען! גוייִם אויף פערד קומען מיט מעסערס! זיי וועלן אונדז דאָ אַלע פּאַרטיק מאַכן! לאָמיר אַנטלויפן!

די אַקטיאָרן האָבן זיך צעלאַכט און מיך אַרויסגעפירט אין דרויסן. כ'גיב אַ קוק: ס'קומען אָן סולקעס, וועגעלעך אויף צוויי רעדער געשפּאַנט מיט פערד. די סולקעס זענען באַזעצט מיט פרויען און קינדער, אַלע זעען זיי אויס ווי טיפּישע פויערן, דאָרפסלײַט. מיט אַ מאָל הער איך ווי אַ יונגער רײַטער שרײַט צום צווייטן:

— משה, פאַר מיר נעם אויך זעקס ענטראַדאַס (בילעטן).

כ'בין געוואָרן דערשטוינט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז די אַלע

רײַטערס זענען ייִדן און די פֿרויען מיט די קינדער און די עלטערע מענטשן אויף די סולקעס-װעגעלעך זענען אַלץ — אַחינו בני ישׂראל עמך, קאַטשערע און לאָפּאַטע, די העראָיִשע מחנה ייִדישע קאָלאָניסטן, העלדן פֿון דער אַרגענטינער ייִדישער קאָלאָניזאַציע.

מײַנע חברים אַקטיאָרן האָבן מיר אָנגעװיזן אויף זיי און געזאָגט:

— דאָס זענען גאַוטשאָס, ייִדישע גאַוטשאָס, פֿעלדמענטשן, פֿויערן פֿונעם שענסטן טיפּ.

די אַרגענטינער פֿויערן האָבן אָנגעפֿילט דאָס טעאַטער. כ׳װעל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן װי אַזוי אָט די ייִדישע ערדמענטשן האָבן אויפֿגענומען די פּיעסע „כאַסיע די יתומה" פֿון יעקב גאָרדין. זיי האָבן איבערגענומענע מיטגעלעבט און ממש מיטגעשפּילט מיט די אַקטיאָרן אויף דער בינע. איבערגעלעבט יעדער סצענע און בײַם פֿאַרענדיקן, װען ס׳איז געפֿאַלן דער פֿאָרהאַנג, זענען אַלע אויפֿגעשטאַנען פֿון די ערטער און ענטוזיאַסטיש געשריגן: בראַװאָ! בראַװאָ! און האָבן געפֿאָדערט נאָך „לאַ זשאַפּאַ"! אַ צוגאָב, מע זאָל נאָך עפּעס פֿאַרברענגען פֿאַר זיי. מיר האָבן געהאַט פֿאַר זיך אַ קולטור-באַװוסטזיניקן עלעמענט, מיר האָבן געשפּילט פֿאַר אַן עולם װאָס פֿאַרשטייט טעאַטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַ דראַמע האָבן מיר זיי געגעבן עטלעכע נומערן פֿון לײַכטערן זשאַנער, אַ הומאָרעסקע, אַ קאָמיש בילדל. מיט הילכיקע בראַװאָס האָבן די קאָלאָניסטן באַדאַנקט פֿאַרן קולטור גענוס װאָס מיר האָבן זיי פֿאַרשאַפֿן.

אינעם באַזונדערן זײַטיקן זיצונגזאַל איז שוין געװען צוגעגרייט פֿאַר אונדז אַן אמתער יום-טוב מיט געדעקטע טישן. מײַנע חברים פֿון דער טרופּע האָבן מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן עולם, װי אַ נײַ-צוגעקומענער אין דער אַקטיאָרן-מישפּחה װאָס איז איצט צום ערשטן מאָל געקומען אין אַ ייִדישער קאָלאָניע.

איך האָב באַװוּנדערט דעם נײַעם טיפּ ייִד, װאָס די קאָלאָניעס האָבן פֿון זיך אַרויסגעגעבן, אַזעלכע פֿעסט-געבויטע, ריזיקע יונגען, פֿאַרהאַרטעװעטע פֿון דער שװערער פֿעלד-אַרבעט אונטער אַ ברענענדיקער טראָפּישער זון, ייִדישע גאַוטשאָס װאָס זענען באַשריבן געװאָרן דורך ייִדישע און ייִדיש-שפּאַנישע שרײַבערס און געװאָרן אַ

שם-דבר אין דער אַרגענטינער ייִדישער ליטעראַטור ווי אין ייִדישן לעבן.

מיר זענען שפּעטער געקומען לויטן מאַרשרוט פֿון אונדזער טור, אינעם טיפּיש-ייִדישן שטעטעלע מאָזעסוויל, ווו אַלץ איז געווען ייִדיש, פֿונעם בריווטרעגער ביזן פּאָליציאַנט און בירגערמײַסטער. אַלע זענען געווען ייִדן און אַלע האָבן גערעדט ייִדיש.

פֿונעם באַראָן הירשס קאָלאָניעס האָב איך געוווּסט ווען כ'בין נאָך געווען אין אייראָפּע. ווער אָבער האָט זיך געקענט פֿאָרשטעלן וואָס די קאָלאָניעס שטעלן מיט זיך פֿאָר און וואָס אונדזערע ייִדן האָבן געקענט שאַפֿן — אַ נײַע וועלט פֿון ערד-אַרבעטער, פּיציכט-לער, וואָס פֿירן אַ געזונט, פּראָדוקטיוו, וווּנדערלעך שיין ייִדיש לעבן, אַן אײַנגעוואָרצלט לעבן אויף זיכערן באָדן, וואָס קיין שום שטורעמ-ווינטן — האָט זיך געדאַכט — וועלן עס נישט קאָנען אַראָפּטראָגן פֿון זייער אײַנגעזעסנקייט.

איך, דער לעבן-לאַנגער נע-ונדניק, דער אייביקער שטאָטלאָזער, דער פֿאַרפֿאָלגטער און געטריבענער פֿון איין לאַנד אין אַנדערן, האָב דאָ, צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן דערפֿילט פֿון דער נאָענט דעם זיסן טעם פֿון אַ זיכערן אייגענעם באָדן. ס'האָט זיך מיר גאָרנישט געוואָלט אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען. כ'האָב זיך נישט געקענט שיידן מיט די ייִדישע קאָלאָניסטן.

ווען כ'בין צוריקגעקומען קיין בוענאָס-אײַרעס האָב איך געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן די ניסים ונפֿלאות וואָס כ'האָב זיך אָנגעזען אין די ייִדישע קאָלאָניעס און וועגן די האַרציקע טײַערע פּאָלקייִדן, האָרעפּאַשניקעס, די ערד-אַרבעטערס, פֿאַרבונדענע מיט דער נאַטור, ווי אַ טייל פֿון דער נאַטור.

יאָרן שפּעטער, ווי נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, צו באַזוכן די קאָלאָניעס — אַלץ איינס צי דורך דער ייִקאַ, צי גלאַט אַ חברים-טרופּע — בין איך מיט גרויס פֿאַרגעניגן געפֿאָרן כאָטש אַזאַ רײַזע איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן. אין טייל קאָלאָניעס איז פּשוט געווען שווער אַריבערצוגיין פֿון איין זײַט וועג אויפֿן אַנדערן צוליב די גרויסע בלאָטעס, און טאָמער איז בײַ נאַכט געגאַנגען אַ רעגן איז מען צו מאָרגנס געווען אָפּגעשניטן פֿון דער גאַנצער וועלט, נישט אַרויסצושטעלן קיין פֿוס. מ'האָט נישט גע-

קאָנט נישט אַרײַנפאָרן און נישט אַרויספאָרן. שפּעטער זענען די װעגן אין אַ סך קאָלאָניעס געװאָרן אַספאַלטירט. אין דער קאָלאָניע אַלקאַראַז האָבן די אַקטיאָרן געמוזט אַדורכקריכן דורך אַ פענצטער צו קאָנען צוקומען צו דער פּראָװיזאָריש אױפגעשטעלטער בינע און די גאַנצע צײַט בעתן שפּילן זענען די ריזיקע זשוקעס געפלױגן פאַר דער נאָז און האָבן ממש געפּאַטשט אין פּנים אַרײַן. דאָך איז אַלץ געװען אָנגענעם צו שפּילן פאַר דער װוּנדערבאַרער קאָלאָניסטישער יוגנט, װאָס האָט גערעדט מאַמע־לשון — אַ מחיה צו הערן; פאַר די האַרציקע ייִדן־קאָלאָניסטן װאָס האָבן אָנגעפילט דעם זאַל, צוגעגריט דורך זײ אַלײן אי די בענק, אי די בינע, אי די ליכט. זײ האָבן אונדז באַדאַנקט פאַרן קומען צו זײ און זײ מהנה זײַן מיט ייִדיש טעאַטער און געבעטן נישט צו פאַרגעסן אין זײ און װידער זען צו קומען און אַרײַנגעבן אַ רוח־חיים, װאָס דער ייִדישער טעאַטער פאַרמאָגט עס אין זײַן פּאַטענץ.

אינטערעסאַנטע סצענעס און בילדער האָבן מיר בײַגעװוינט בעתן שפּילן אין די ייִדישע קאָלאָניעס. אָט זענען מיר געקומען קײן סאַן אַנטאָניאָ. די גרופּע אַקטיאָרן איז באַשטאַנען פון: שלמה פּרױזאַמענט מיט זײַן פרוי, די סובּרעטין פון װאַרשעװער סקאַלאַטעאַטער גיזי היידען; קאַטיאַ פּלאַװינאַ, יוסף גרימינגער, דוד קאַפּלאַן און איך.

אין יענער צײַט איז פּונקט אױסגעפאַלן אין דער געגנט אַ גרױסע טריקעניש. חדשים װי ס׳איז נישט געגאַנגען קײן רעגן. די תבואות אױף די פעלדער האָבן גענומען דאַרן און קװאַרן. בהמות זענען געפאַלן פון הונגער און דאָרשט.

די ייִדן־קאָלאָניסטן האָבן אונדז געזאָגט מיט ביטערן געלעכטער:

— טעאַטער איז אונדז טאַקע ליב און טײַער, נאָר װען איר ברענגט אונדז צום טעאַטער אַ ביסל רעגן־װאַסער אױך װאָלט איר אונדז אױף אַן אמת געװען דערפרײט.

אַן איבערגענומענער פון דער קאָלאָניסטישער זאָרג און אַלײן אַן אומבאַהאָלפענער פון נישט קאָנען גאָרנישט טאָן דערצו, האָט זיך יוסף גרימינגער, דער אײביק־זאָרגלאָזער בעל־בטחון אַרױסגעכאַפּט:

— ייִדן, איך שווער אײַך בײַ באָרד און פּיאות, אַנישט איז מײַן נאָמען נישט גרימינגער, אַז הײַנט בײַ נאַכט וועט גיין אַ רעגן!

קאַטיאַ פּלאַווינאַ, די מער ערנסטע און ווײניקער עקזאַלטירטע, מוסרט גרימינגערן פאַר מאַכן אַזאַ וויץ אין אַן ערנסטער צײַט, ווען ייִדן זענען אַזוי אַנגעווייטיקט, וואָס באַדראָט זייער גאַנצע עקזיסטענץ און ס'שמעקט מיט קאַטאַסטראָפע.

— און איך זאָג אײַך — האָב איך זיך אָנגערופן — אַז גרימינגערס זאָג איז גאָרנישט קיין וויץ. ער ווייס וואָס ער רעדט. און אַז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט וועט מקוים ווערן. איך האָב מיר מײַנע סמנים און איך זאָג אײַך אַז הײַנט בײַ נאַכט וועט רעגענען.

— חברים — האָט אַ זאָג געטאָן איינער פון די קאָלאָניסטן — אויב ס'וועט זיך אַרויסווײַזן פאַר אַן אמת דאָס וואָס איר זאָגט, מאַכן מיר אײַך דעם שענסטן באַנקעט וואָס סאַן אַנטאָניאָ האָט נאָך אַזוינס נישט געזען!

דאָס טעאַטער אין סאַן אַנטאָניאָ איז באַשטאַנען פון אַ בלעכענעם גאַלפּאָן, אַ שײַער פון הוילן בלעך: די ווענט פון קאַרבירטע בלעכן, דער דאַך פון קאַרבירטע בלעכן און אַפילו די טיר פון בלעך. אונטער דער בינע האָבן זיך „אויפגעהאַלטן" אַ סך הינער, קאַטשקעס, גענדז, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן מיט זייער דרײַגאָרנדיקן קרייען און קוואַקען, ווי אַן אוווערטורע פאַר אונדזער אָנהייבן שפּילן.

מיר האָבן געגעבן אַ קליינקונסט-פּראָגראַם. די בלעכענע בינע איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו קאָנען אויפפירן אַפילו די קלענסטע פּיעסע. אויפן קליינעם בינע-פּאָדיום האָבן מער ווי צוויי-דרײַ אַקטיאָרן נישט געקאָנט אַרויף מיט אַ מאָל.

ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די היץ איז געווען גרויס. די גאַנצע בלעכענע געבײַדע איז געווען אָנגעגליט ווי אַ פײַערדיקע קויל. מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער פּראָגראַם. שלמה פּריזאַמענט און גיזי היידען האָבן געשפּילט אַ סקעטש. דער עולם אין זאַל איז אָבער געזעסן פאַרזאָרגט און האָט קוים געגעבן דאָ און דאָרט אַ שמייכל. די טריקענײש האָט זיי אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. זיי האָבן אויף קיין רגע נישט געקאָנט פאַרגעסן אין די אויסגעטריקנטע פעלדער ווען מע דאַרף שוין באַלד אַראָפּנעמען די תבואה פון פעלד, און ס'וועט נישט זײַן וואָס אַראָפּצונעמען.

שלמה פּריזאַמענט נעמט דאָס פידעלע און הייבט אָן שפּילן אַ פריילעכס. און מיט אַ מאָל, נישט צו גלייבן די אייגענע אויערן, האָט זיך דערהערט אַ געטאַנצערײַ פון טראָפּנס אויפן בלעכענעם דאַך. ס׳האָט אָנגעהויבן גיין אַ רעגן, אַ רעגן אַ מבול. אַזוי ווי שדים און רוחות וואָלטן זיך צעטאַנצט אויפן דאַך.

דער עולם האָט פאַרגעסן אין די אַקטיאָרן אויף דער בינע און גענומען זיך שטופּן און שפּאַרן צום אַרויסגאַנג. אַלע זענען אַרויס אין דרויסן און אָנגעהויבן טאַנצן פאַר פרייד.

וועגן ווײַטער אָנגיין מיטן פּראָגראַם האָט שוין נישט געקאָנט זײַן קיין רייד, ווײַל ס׳איז שוין נישט געווען איצט מיט וואָס אי־בערצוראַשן דעם עולם קאָלאָניסטן. די גרעסטע איבעראַשונג איז שוין געקומען און דאָס איז געווען דער לאַנג אויסגעקוקטער מלאך־הגואל — דער רעגן.

עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד האָט געגאָסן דער רעגן. און מיר זענען אַזוי געזעסן אײַנגעפּעקלט אין דעם סאַן אַנטאָניאָ, נישט צו רירן זיך פון אָרט. מיר האָבן נישט געקאָנט אַרויספאָרן צוליב די בלאָטעס און אויך די ייִדן האָבן אונדז נישט געלאָזט פאָרן:

— איר האָט אונדז געבראַכט מזל — האָבן זיי אונדז געזאָגט, און זיי האָבן אונדז געקאָרמעט מיט אַלעם גוטן ביז די בלאָטעס זענען געוואָרן אויסגעטריקנט און מ׳האָט שוין געקאָנט אַרויס־פאָרן אויף די וועגן.

קאפיטל זיבן און דרייסיק

אין בערנאסקאני — אויפן טור אין דער פאמפא

די גרופע שוישפילערס — סאפיא ראפאלאוויטש, הערמאן קלאצקין, בערנארדא זויער, אניטא לאנג און איך — האבן זיך אוועק־געלאזט אין דער פאמפא ווו מיר זענען ארויסגעטרעטן אין די קא־לאניעס אין דער ווייטער אפגעלעגענער סטעפיקער געגנט.

אויף אונדזער טור זענען מיר אין א נאכט אנגעקומען אינעם קאלאניסטישן שטעטל בערנאסקאני. מיר זענען אוועק אינעם איינ־ציקן האטעל וואס דאס שטעטל פארמאגט. אבער לײדער זענען אלע 8 צימערן געווען פארנומען.

קלאצקין, וואס איז שוין דא אויפגעטראטן עטלעכע מאל, האט געוווּסט וואס מע טוט אין אזא פאל.

— חברים — האט ער איבערגענומען די קאמאנדע — איר ווילט דורכשלאפן א נאכט נאך אזא מידן וועג, טא קומט, מירן גיין שלאפן אין דער פאליציי.

מיר זענען אוועק אויפן פאליציי־פאסטן. דער קאמיסאר האט אונדז העפלעך אויפגענומען, געבעטן זיצן און אויסהערנדיק אין וואס עס גייט האט ער אונדז געזאגט:

— וואס גייט אייך אזוי אין לעבן צו נעכטיקן אין דער פאליציי? גייט גיכער אריבער אין נייעם שפיטאל וואס שטייט ליידיק. די קאלאניסטן האבן נישט ליב צופיל צו קרענקען. דארט וועט איר האבן פרייע בעטן מיט אלע באקוועמלעכקייטן.

מיר האבן אים אפגעדאנקט פאר זיין עצה טובה:

— נו מילא, זאל זיין אין שפיטאל.

— יא, אבער איר דארפט זען צו קריגן די דערלויבעניש פונעם שפיטאל־דאקטאר.

סצענע פון „דער זינגענדיקער מילנער", פריי באַארבעט און אויפגעפירט
דורך מאַקס קלאָס אין בענאָס־איירעס און ישראל מיט העני גערא און
ראָזיטאַ לאָנדנער; אויפן בילד: ראָזיטאַ לאָנדנער און מאַקס קלאָס



סצענע פון צווייטן אַקט פון „דער זינגענדיקער מילנער"; רעכטס:
הענרי גערא, לינקס: נתן קלינגער

דער קאָמיסאַר האָט אונדז געוויזן ווי דער דאָקטאָר וווינט. מיר זענען אַוועק צו אים, קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס פאַר מידקייט.

דער דאָקטאָר, אַז ער האָט אונדז דערזען, האָט ער זיך אַרומגעכאַפּט מיט אונדז, ווי יוסף מיט די ברידער. ס׳ווייַזט זיך אַרויס אַז ער איז אַ מאָל געווען אַ סטאַטיסט אין טעאַטער „סאָלעיל" און ער קען אונדז אַלעמען זייער גוט:

— קומט, חברים — האָט ער זיך מיט אונדז דערפרייט — בייַ מיר וועט איר שלאָפן ווי גראַפן.

דער דאָקטאָר האָט געהייסן צוגרייטן פאַר אונדז די בעסטע צימערן און גלייַך איז געגרייט געוואָרן אַ טיש צום אָוונטברויט כיד־המלך.

בייַ דער וועטשערע האָט דער דאָקטאָר דערמאָנט די צייַטן ווען ער איז געווען אַ נאָמענלאָזער סטאַטיסט אין יידישן טעאַטער. ער האָט אָנטיילגענומען אין „עקדת יצחק". סאָפיאַ ראַפּאַלאָוויטש, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון שרה, האָט דעמאָלט הערלעך שיין געזונגען.

אין דעם מאָמענט האָט זיך בייַ דער ראַפּאַלאָוויטש אַרויסגעכאַפּט אַ פאַר טענער. נו, נו, מער האָט מען נישט באַדאַרפט. באַלד האָט זיך הינטערן פענצטער פאַרזאַמלט אַ כאַפּטע קריסטלעכע מיידן און יונגען. זיי האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון פענצטער ביז סאָפיאַ ראַפּאַלאָוויטש האָט פאַר זיי געזונגען אַ שפּאַניש לידל, און אַזוי זענען זיי יעדער אָוונט געקומען און אונדז נישט געלאָזט שלאָפן ביז סאָפיאַ האָט עפּעס געזונגען. דעמאָלט זענען זיי צופרידענע אַוועק.

כמעט ס׳גאַנצע שטעטל יידן איז געקומען צו דער פאָרשטעלונג. בייַ די פענצטער און טירן איז געווען פול קריסטלעכע צושויער, וואָס האָבן געשפּאַנטע נאָכגעפאָלגט די האַנדלונג פון דער פּיעסע און שפּילן פון די אַקטיאָרן אויף דער בינע און געלאַכט בייַ יעדער קאָמישער סצענע און אונדז האַרציק אַפּלאָדירט.

די בערנאַסקאָנער יידן — אַלע געוועזענע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין קאָלאָניסטישן שטעטל אַרייַן און פאַרמאָגן נאָך אייגענע טשאַקרעס, ערד־שטחים הינטער דער שטאָט — האָבן מיט גרויס התלהבות אויפגענומען די פאָרשטעלונג און

אוודאי מיט אַ סך האַרציקייט — אונדז אַקטיאָרן וואָס זיי האָבן אונדז נאָך דעם מכבד געווען מיט אַ פײַנער מסיבה בײַ געדעקטע טישן אַזוי ווי אויף אַן אמתער חתונה.

אין נאָמען פון די בערנאַסקאָנער ייִדן האָט באַדאַנקט דער שפּיטאָל־דאָקטאָר פאַרן קינסטלערישן גענוס וואָס מיר האָבן זיי פאַרשאַפט מיט אונדזער שפּילן, און אין זײַן רעדע האָט דער דאָקטאָר אונדז פאַרזיכערט אַז זינט ער איז דאָקטאָר האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אַזעלכע פּאַציענטן אין זײַן שפּיטאָל, ווי די ייִדישע אַקטיאָרן־געסט וואָס זענען געלעגן בײַ אים גאַנצע פינף טעג אויף די שפּיטאָל־בעטלעך געזונטערהייט.

אין אונדזער וואָרט וואָרט האָבן מיר אונטערגעשטראָכן זײַן מענטש־לעכע און קאָלעגיאַלע באַציִונג צו אונדז און אַז מיר וועלן עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן, פּונקט ווי ס׳וועלן בלײַבן בײַ אונדז אײַנגעקריצט אין זכרון אַ סך אַנדערע ענלעכע געשעענישן, וואָס ס׳האָבן זיך מיט אונדז געטראָפן אויף אונדזערע טורן איבער די ייִדישע קאָלאָניעס. צי קאָן מען פאַרגעסן די רײַזע פון ריוועראַ קיין לאַפּין ווו די וועגן זענען פול געווען מיט גריבער און זומפּן און מ׳האָט נישט געקאָנט פאָרן נישט פאָרויס און נישט צוריק? אָדער די געשיכטע מיט די צוויי אויטאָמאָבילן מיט אַקטיאָרן וואָס זענען איניינעם אַרויסגעפאָרן אין אַ קאָלאָניע און איין לאַסט־אויטאָ איז פאַרשוווּנדן פון וועג און איז אָנגעקומען אין דער קאָ־לאָניע ערשט אויפן צווייטן טאָג און דאָס פיבערדיקע וואַרטן אויף זיי איז געווען פאַרבונדן מיט עגמת־נפש, זאָרג איבער זייער גורל און איבערטראַכטענישן ווו האָבן זיי געקענט פאַרפאַלן ווערן און אויסקוקן ביז מ׳האָט זיי שוין ענדלעך דערזען אָנקומען.

מיר האָבן אָבער אַלץ גענומען פאַר ליב. און זענען גרייט געווען אַפילו ברענגען קרבנות אַבי צו קומען מיטן קינסטלערישן ייִדישן וואָרט אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקלען, אין ווײַטסטן העק פון די ייִדישע קאָלאָניעס; אומעטום זענען מיר געקומען מיט אונדזער וואָרט, מיט ייִדישער נגינה, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט יום־טובדיקייט, אויפלעב אין דער שווערער האָרעפּאַשנער וואָך פונעם ייִדישן קאָלאָניסט, וואָס ס׳איז געווען פאַר אים די גרעסטע דער־קוויקונג.

קאַפּיטל אַכט און דרײַסיק

מײַנע סצענישע דראַמאַטיזאַציעס און דוד ליכטס אַן אויפפירונג

ענדלעך האָט מאַטקע אַ פּאַס! (אַ פראַזע פון שלום אַשס „מאַטקע גנב"). ענדלעך האָב איך זיך נאַטוראַליזירט און אָנגענומען די אַר־געגנטינער בירגערשאַפט, און בין געוואָרן אויס שטאַטלאָזער.

אַ דאַנק דעם פּאַס קאָן איך פאָרן איבער דער וועלט שפּילן יִדיש טעאַטער. פאַר דער צײַט וואָס איך בין אין בוענאָס אײַרעס האָב איך זיך אויסגעלעבט אויסשליסלעך אויף דער יִדישער בינע ווי אַ יִדישער אַקטאָר און געשפּילט אַלערליי זשאַנערס.

כ'האָב אָנטיילגענומען אין חברים־טרופּעס. כ'בין געווען אַנ־גאַזשירט בײַ פאַרשידענע דירעקטאָרן, אין כלערליי טעאַטערס. כ'האָב זיך באַטייליקט מיט סטאַר־געסט פון פאַרשידענעם קאַלי־בער. און האָב אַליין אויך אויפגעפירט פּיעסן מיט פאַרשידענע שוישפּילערס.

איך וויל דאָ דערמאָנען אַ ריי פּיעסן וואָס כ'האָב ביז איצט אויפגעפירט אין בוענאָס־אײַרעס:

דאָס לעבן פון בעל־שם פון ש. פּריילך געשפּילט אין טעאַטער „סאָלעיל"

70 יאָר יִדיש טעאַטער פון נ. צוקער „ „ טעאַטער „נאַסיאָנאַל"

דער דאָרפיונג פון ד. ערליך „ „ טעאַטער „מיטרע"

צוריק צו זײַן פאָלק פון ל. קאָברין „ „ טעאַטער מיטרע־סאָלעיל

קרייצער סאָנאַטע פון ל. קאָברין „ „ טעאַטער מיטרע־סאָלעיל

דער האַרצלאָזער בעל־צדקה פון י. גאָרדין געשפּילט אין
„מיטרע" און טעאַטער „בוענאָס־אײַרעס"
דער ווילדער מענטש פון י. גאָרדין " "
„מיטרע" און טעאַטער „בוענאָס־אײַרעס"
שווער צו זײַן אַ ייִד פון שלום־עליכם " "
טעאַטער מיטרע־סאָלעיל
דאָס רעדל פון מזל פון ראָוז שושנה " "
טעאַטער „מיטרע"
דעם נאַציס ייִדישע טאָכטער פון ד. קאַץ " "
טעאַטער „מיטרע"
הערשעלע אָסטראָפּאָליער פון י. גערשענזאָן " "
טעאַטער „מיטרע"
אויפגעקומענע גבירים פון וו. ריכטער " "
טעאַטער „מיטרע"

כ׳האָב זייער אָפט באַאַרבעט און אויפגעפירט דעם רעפּערטואַר פון פאַרשידענע סטאַר־געסט און אויך געשטעלט מײַנע אייגענע, דורך מיר געשריבענע פּיעסן וואָס זענען געשפּילט געוואָרן אין בוענאָס־אײַרעס און אין ישראל:

קבצנים זוכן גליק געשפּילט אין טעאַטער „מיטרע"
אוי, איז דאָס אַ ווײַבל " " " „מיטרע"
און אין ישראל
שמעון דער מאָלער " " " „מיטרע"
ווען דאָס פידעלע שפּילט " " " „מיטרע"
און אין ישראל
דער גאַסן־הענדלער " " " „סאָלעיל"
און אין ישראל
צוריק פון פראָנט " " " „סאָלעיל"
אַ נאַכט אין פּאַריז " " " „סאָלעיל"

„די פריילעכע וואַנדערער" געשריבן מיט זלמן קאָלעשניקאָוו געשפּילט אין טעאַטער סאָלעיל. „אויפן וועג קיין ישראל" געשריבן מיט שלמה פּריזאַמענט, געשפּילט אין טעאַטער מיטרע.

צו מײַנע נײַע נאָך נישט געשפּילטע פּיעסן געהערן: „יהודית פון גליל", „בײַ די ברעגן פון ירדן" און „דער פאַרדאַכט". אויך אייניקע איינאַקטערס וואָס צווישן זיי איז פאַראַן אַ סאַטירע פונעם יידישן טעאַטער.

כ'האָב אינסצעניזירט דעם ראָמאַן פון לעאָ האַלפּערן „אין קאַמף פאַר אַ מאַן" (געווען געדרוקט אין „די פּרעסע"), און דעם ראָמאַן פון גאָלדע קרימער „אויפן שיידוועג" וואָס איז געשפּילט געוואָרן אונטערן נאָמען „דער וועג צו זיך".

איך האָב אויך געשפּילט אונטער דער רעזשי פון דוד ליכט, וואָס איז אַן צווייפל בײַם הײַנטיקן טאָג איינער פון די אָנגעזעענסטע רעזשיסערן בײַם יידישן טעאַטער. די ווערק, וואָס ער האָט אויפגעפירט, זענען דורך די קריטיקער און טעאַטער-מבינים אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אָנערקענונג און באַצייכנט געוואָרן ווי מאָנומענטאַלע ספּעקטאַקלען. איך האָב געשפּילט אונטער זײַן רעזשי אין די ווײַטערדיקע פּיעסן: „וועסט ירשענען דעם ווינט", „די לודמירער מויד", „סוזי", „בר-כוכבא", „אונדזער ערד" און לייוויקס צוויי דראַמעס „אַ חתונה אין פערנוואַלד" און „דער נס אין געטאָ".

בעת מיר האָבן געשפּילט לייוויקס „דער נס אין געטאָ" בין איך מיטגעריסן געוואָרן פון זײַן מײַסטערהאַפטיקן שילדערן דעם היסטאָרישן אומפאַרגעסלעכן וווּנדערלעכן טראַגיש-העראָישן קאַמף פון אונדזערע העלדישע ברידער און שוועסטערס קעגן די נאַצישע רוצחים, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז איך בין איינער פון די העלדישע קעמפערס אין וואַרשעווער געטאָ.

איך האָב אויך געשפּילט אונטער ליכטס רעזשי „מידת הדין" פון דוד בערגעלסאָן (אין טעאַטער סאַלעיל). בײַ דער אויפפירונג האָט געטראָפן אַזוינס וואָס ביזן הײַנטיקן טאָג איז פאַרבליבן דאָס ווערטל „פּ אַ וו אָ ל י ע ד י ב אָ ר ד".

אין אַ געוויסער סצענע פון „מידת הדין" ווערט די בינע פאַרוואַנדלט אין אַ תפיסה-קעלער. פון איין זײַט איז דער קעלער געווען אָפּגעצוימט פאַר פרויען און אין מיטן פונעם קעלער זענען געווען אַ סך טרעפּ וואָס האָבן געפירט צום הויכן פּאָדיום פון וואַנען מ'האָט געקאָנט זען דאָס קליינע תפיסה-פענצטערל

דער שױשפּילער־רעזשיסער
ד ו ד ל י כ ט

דורך וועלכן ס'האָט זיך דורכגעזופּט און ס'האָט אַרײַנגעשײַנט אַ ביסל דרויסנדיקע ליכט.

איך האָב געשפּילט די ראָלע פון אַ לעדער־סוחר וואָס איז געוואָרן אײַנגעזעצט מיט נאָך אַנדערע ייִדן. אין דער סצענע בין איך געשטאַנען אויפֿן הויכן פּאָדיום אײַנגעוויקלט אין טלית און האָב געמורמלט אַ תּפֿילה. די ייִדן האָבן זיך אָנגענומען בײַ די הענט און זינגענדיק אָנגעהויבן אַרויפֿצוגיין אויף די טרעפּ און זיך געשלענגלט ווי אין אַ ראָד, ביז צו די הויכקייטן פון די טרעפּ און פון דאָרט ווידער אַראָפּ, קיין פּאַרענטש בײַ די טרעפּ, ווו זיך אָנצוהאַלטן, איז נישט געווען, נאָר עטלעכע גרויסע פעסער זענען געשטאַנען אַרום די טרעפּ נייטיקע צו דער אויסשטאַטונג.

אין דער סצענע האָבן זיך באַטייליקט אויך עטלעכע סטאַטיסטן. מיט אַ מאָל האָט אַ סטאַטיסט, וואָס איז מיט זײַן האַנט געווען אײַנגעשלאָסן אין דער האַנט פונעם אַקטיאָר דוד קאַפּלאַן, אַנשטאָט צו שטעלן דעם פוס אויף די טרעפּ, האָט ער געשטעלט לעבן די טרעפּ, און וועלנדיק זיך ראַטעווען נישט צו פאַלן, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין דער באָרד פון קאַפּלאַנען, וואָס האָט אויסשריגן: — „פּאַוואָליע די באָרד!” און איז געפאַלן צוזאַמען מיטן סטאַטיסט אין אַ פאַס אַרײַן מיט די פיס אין דער הויך, דער צווייטער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און אַזוי איז געוואָרן אַ פּאַלעניש פון אַלע ייִדן.

מאַקס פּערלמאַן, וואָס איז געווען אַן איזאָלירטער און נישט געגאַנגען מיט די ייִדן, האָט לאַכנדיק אויסגעשריגן: — ייִדן, שלאָגט זיך נישט!

די מוזיקער האָבן אַזוי געלאַכט אַז זיי האָבן נישט געקאָנט שפּילן און איך שטייו אויבן און דאַרף פאַרענדיקן די סצענע מיט אַ רעדע צו די ייִדן. ווי קאָן מען רעדן אַז מע שטיקט זיך פון געלעכטער. איך האָב אײַנגעביסן אַ ליפּ ביז בלוט און הויך אַקצענטירנדיק יעדער וואָרט האָב איך קוים פאַרענדיקט די סצענע, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן דורכן עולם מיט שטורמישע אָוואַציעס, זײַענדיק זיכער אַז אַלץ איז אַזוי פאַרגעזען לויטן אָריגינאַל פון דער פּיעסע.

מאַסן־סצענע פון ה. לייוויקס „אַ חתונה אין פערנוואַלד", אויפגעפירט פון דוד ליכט אין טעאַטער „סאַלעיל"; אייבערשטע ריי שטייען פון רעכטס צו לינקס: נתן קלינגער, מאַקס קלאָס, מאַרגאָט שטיינבערג, דוד קאַפּלאַן; אין פראָנט זיצנדיק: פאַולינע טאַכמאַן, אַברהם שטרייטמאַן, סאַשע ראָזענטאַל, ראָבערטאָ טאַפיר, אַנאַ פעלדבויט, עלזאַ ראַבינאָוויטש, סאַמועל זילבערבערג

קאַפּיטל נײַן און דרײַסיק

אַז דער סוף איז גוט — איז אַלץ גוט

אין 1946 האָט די דירעקציע פון סאָלעיל-טעאַטער אַנגאַזשירט אַ טרופּע מיט דער אַקטיאָרן-משפּחה בורשטיין בראָש, צו שפּילן אין אַ ריי גרעסערע שטעט אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ.

מיר זענען געקומען קיין מענדאָסאַ, וווּ אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט פון פריִער, און אויפגעטרעטן פאַר די אָרטיקע ייִדן מיט גרויס דערפּאָלג. מ'האָט אונדז באַהאַנדלט ווי די פּרינצן. ערשט אויף דער פּראָווינץ האָט מען זיך געקאָנט איבערצײַגן ווי באַליבט ס'איז דער ייִדישער אַקטיאָר בײַם ייִדישן פאָלקסמענטש, ממש אײַנגעבאַקן אין האַרצן ווי אַן אייגן קינד. מיר האָבן אָפּגעשפּילט און באַזאָרגטע מיט צדה-לדרך זענען מיר געפאָרן פון מענדאָסאַ אין אַ ספּעציעל-געדונגענעם אָמניבוס קיין סאַן-כואַן אַזוי ווי ס'איז געווען פאָרגעזען אין פּלאַן פון אונדזער מאַרשרוט, בכדי שפּעטער צוריק צו פאָרן מיטן זעלביקן אָמניבוס קיין מענדאָסאַ וווּ מיר וועלן דאַרפן געבן אַ צווייטע פאָרשטעלונג.

נאָכן אָפּשפּילן אין סאַן-כואַן האָבן אונדז די ייִדן נישט געוואָלט אַוועקלאָזן ניכטערן. זיי האָבן פאַר אונדז אײַנגעאָרדנט אַ גרויס-אַרטיקן באַנקעט, וואָס ס'איז געווען פאַר אונדז אַן אמתער סורפּריז. מיר האָבן פאַרבראַכט מיט די סאַנכואַנער ייִדן ביז שפּעט אין דער נאַכט אין אַ געהויבענער שטימונג. פריילעכע און צעשטראַלטע פון גרויסן סוקצעס האָבן מיר זיך אַרײַנגעזעצט אינעם אָמניבוס, וואָס האָט זיך געלאָזט מיט אונדז איבערן בײַנאַכטיקן שאָסיי, אויפן וועג צוריק קיין מענדאָסאַ, וווּ די מענדאָסינער ייִדן האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז און אויסגעקוקט מיט אומגעשטילטער אויסגעבענקטקייט נאָכן כּישופדיקן, טעאַטראַלן לעבעדיקן ייִדישן וואָרט.

מיר זענען געזעסן צופרידענע אויף די ווייך־אויסגעבעטע זיצ־פּלעצער און דער אָמניבוס האָט זיך מיט אַ גרויסער גיכקייט באַוועגט פאָרויס איבערן שאָסיי. דער שאָפער האָט מיט געניטקייט און זיכערקייט געהאַלטן ביידע הענט אויפן רעדל און אַזוי פאָרנדיק געכאַפּט אַ לייַכטן דרעמל און דאָס איז געווען גענוג אַז דער אָמניבוס זאָל זיך פרייַ און אומבאַמערקט פאַר די אַקטיאָרישע פאַסאַזשירן ווי פאַרן שאָפער גופא, זיך געבן אַ דריי און אַ שאַר אַראָפּ פון שאָסיי. מיר האָבן אַלע גענומען שרייַען. אַ פאַרשלאָפענער האָט דער שאָפער מיט אַן אומגעלומפּערטן מאַנעווער געגעבן אַ דריי מיטן רעדל וועלנדיק צוריק אַרויף אויפן שאָסיי און דער אָמניבוס האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעקערט און איז אַרויף אויפן פעלד און געבליבן ליגן אַן איבערגעקערטער מיט די רעדער אַרויף אין דער הויך.

אַ נס וואָס דער מאָטאָר האָט זיך תיכף פאַרלאָשן, איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ שריפה. אין קעגן פאַל וואָלטן מיר אַלע אינעווייניק פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. פון אָמניבוס איז נישט מעגלעך געווען אַרויסצוקריכן ווייַל די טיר איז געווען פאַרהאַקט און מ׳האָט זי נישט געקאָנט עפענען.

פאַרבייַפאָרערס, וואָס האָבן בייַגעוווינט דאָס דראַמאַטישע בילד און געהערט אונדזערע פאַרצווייפלטע הילפרופן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן מאַניפּולירן ביי דער טיר ביז ס׳איז זיי קוים געלונגען צו מאַכן אַ קליינע עפענונג. אַנדערע וואָס זענען פאַרבייַגעפאָרן און געזען דאָס אומגליק, האָבן זיך גיך געלאָזט קיין מענדאָסאַ צו וויסן געבן אין שטאָט מע זאָל שיקן הילף.

פאַרבלוטיקטע, פאַרוווּנדיקטע האָבן מיר זיך קוים אַרויסגעדראַפּעט פונעם איבערגעקערטן אָמניבוס. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און ס׳זענען אָנגעקומען אַמבולאַנסן וואָס האָבן אונדז אַוועקגעפירט צעקאַליעטשעטע אין שפּיטאָל אַרייַן אין מענדאָסאַ, וווּ מיר האָבן באַקומען די ערשטע גיכע הילף.

באַלד איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ צעטל פון די ערנסט פאַרוווּנדעטע וואָס דאַרפן אָנקומען צו אַ כירורגישער אינטערווענץ.

צווישן זיי האָבן זיך געפונען: קלאַראַ שטראַמער, מאַרגאָט שטיינ-
בערג, נתן קלינגער, נחמן ערליך און מאַקס קלאַס.

פּסחקע בורשטיין, ליליאַן לוקס און ישראל פּעלדבוים זענען אַ-
רוים אומבאַשעדיקט. בורשטיינס קינדער מאַטעלע און זיסעלע זע-
נען צום גליק נישט מיטגעפאָרן. סאַלאָמאָן שטראַמער איז אָפּגעקו-
מען מיט לייכטע ווונדן.

פונעם אַקצידענט האָט זיך אויך דערוווּסט דער ווײַנקעניג פון
מענדאָסאַ, משה טוברעט, דער קולטור-מעצענאַט, און גלייך איז ער
געקומען צו לויפן און האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַלץ וואָס מיר האָ-
בן געהאַט נייטיק.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אויספאָרשונגען. ס'האָבן
זיך באַוויזן פּאָליציי-לייט, קאָמיסאַרן, זשאַנדאַרן, אַדוואָקאַטן. מ'האָט
אונדז אויסגעפרעגט, געפאָרשט, ווי אַזוי ס'איז געשען און אַלע האָבן
באַשטעטיקט אַז די הויפּטשולד פאַר דער קאַטאַסטראָפע טראָגט
דער שאָפער.

מיר זענען אָפּגעלעגן איבער דריי וואָכן אין דער סאַנאַטאָריע
אין גרויסע געהאַקטע צרות. מיט ווייטיקן אין אַלע אברים. אין
צווישן צייט זענען אָנגעגאַנגען די פאַרהאַנדלונגען מיט דער אָמני-
בוס-קאָמפּאַניע. מיר זענען אַלע געווען זיכער אַז יעדער פון אונדז
וועט דאָ רייך ווערן פון דער שריפה און קריגן אַ קאַפּל געלט אַנט-
שעדיקונג. צום סוף איז די דערוואַרטע פאַרגיטיקונג באַשטאַנען אין
דעם וואָס מיר זענען אַלע געבליבן לעבן. קיינער פון אונדז האָט
נישט געקריגן קיין סענט.

ווידער האָט זיך באַוויזן דער גוטהאַרציקער ייִד משה טוברעט,
דער גרויסער נדבן, דער זעלטענער מענטש, וואָס איז שטענדיק צו
יעדער צייט געווען גרייט אַנטקעגן צו טראָגן הילף בפרט אַ ייִדישן
אַקטיאָר און אַ ייִדישן שרייבער וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיי אַ
ספּעציעלן פּיעטעט. ער האָט געהערט אַז מיר גרייטן זיך שוין
אַוועקצופאָרן, האָט ער פאַר אונדז איינגעאָרדנט אַ פיינעם אָפּשייד-
אָוונט.

כ'האָב נאָך געהאַט אין גיפּס אַ פוס מיט אַ האַנט. מ'האָט מיר
דעריבער צוגעטיילט צו זיין בלויז דער קאָנפעראַנסיער פונעם אָוונט.
און ווי מיין איינלייטוואָרט האָב איך, ביים עפענען די מסיבה, דער-

מאַקס קלאָס אין דריי באַזונדערע ראָלן; רעכטס: דאָן פעדעריקאָ פון דער
פּיעסע „אַ ראָמאַנס אין מידבר" פון יאָזעף מאַרקאָוויטש; אין צענ־
טער: דער זיידע אין דער פּיעסע „אין יעדער הייס" פון ז. קלמנאָוויטש;
דער קייזער ווילהעלם אין „ד"ר הערצל", אויפגעפירט דורך מאָריס שוואַרץ
אין בוענאָס־איירעס

ציילט אַ מעשהלע וואָס האָט געהייסן „אַ גרוס פון יענער וועלט": מע זאָגט אַז פון יענער וועלט קומט קיינער נישט צוריק. און אָט זענען מיר אַלע געווען מיט אַ פוס אויף יענער זײַט פונעם לעבן און, ווי איר קענט זיך אַליין איבערצײַגן, זענען מיר דאָ צוריק ווי געסט פון יענער וועלט.

ווי אַזוי ס'איז געשען דער נס וועט איר זיך באַלד דערוויסן. דער הויפּט-טײַוול מיטן פּאַרשפּיצטן פּנים — דאַר און קוואַר מיטן אויסגעדונדיקטן פליייצקעלע, האָט צוזאַמענגערופן אַלע זײַנע מלאכי-השרת און זיי באַפוילן צו רופן די גאַנצע פמליה של מעלה, ער וויל אָפּגעבן אַ באַריכט פון זײַנע מעשים וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעטון אויפן עולם השקר. האָט זיך אָנגערופן דער שני-לטײַוול:

— כ'האָב מורא צו זאָגן אַז ס'איז אומזיסט די אַרבעט, ס'וועט קיינער נישט קומען.

— וואָס זשע טוט מען אַז די מלאכי-חבלה זאָלן יאָ קומען? — נעמט זיך דער הויפּט-טײַוול אָן פאַרן מאַקיאַוועלישן שפּיצבערדל.

— גאַנץ פּשוט — ענטפערט דער טײַוולאָנישער אונטערפּירער. — מע דאַרף עס אײַנאָרדענען אָט אַזוי ווי די מענטשן אונטן אויף דער ערד טוען עס — מיט אַן אַרטיסטישן פּראָגראַם.

— געדעכט! — שרײַט אויס דער טײַוול איבער אַלע טײַוולאָנים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן בליק, נישט קאָנענדיק קוקן קיינעם אין פּנים אַרײַן — לויפט אַלע אויף די וועגן און שטעגן אויף דער ערד און ווען איר וועט באַגעגענען אַ גרופּע אַקטיאָרן, די בעסטע, פאַרשטייט זיך, שפּילערס, זינגערס און טענצערס זאָלט איר אָפּטון אײַער פּאַרטיזאַניש שטיקל אַרבעט און זיי אַלע אַרויפברענגען צו מיר אין הימל אַרײַן.

די חברה טײַוולאָנים — שדים, לצים און נישטגוטע — האָבן זיך גלײַך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און באַמערקט ווי אונדזער אָמניבוס לויפט איבערן שאָסיי. זיי האָבן נישט לאַנג געטראַכט, אי־בערגעדרייט דעם אָמניבוס און אונדז געבראַכט אויף יענער וועלט. און אָט שטייען מיר אַלע אויסגעשטעלטע אין אַ דעפילאַדע. דער טײַוול מיטן שמאָלן פליייצקעלע קומט אַרײַן, באַטראַכט אונדז זײַטיק פון קאָפּ ביז די פיס און לאָזט אַרויס אַ מוראדיקן געשריי:

— איר זשוליקעס, וואָס איר זענט! טײַוולאָנים זענט איר? שלימזלען! כ'האָב אײַך געהייסן ברענגען די שענסטע און בעסטע שוישפּילערס, האָט איר מיר געבראַכט אַזעלכע וויסטע קאַליקעס! אַראָפּ מיט זיי צוריק אויף דער ערד!

און אָט זענען מיר צוריק מיט אײַך! אַפּנים אַז אונדז איז נאָך באַשערט אַ שפּאָר ביסל יאָרן צו דינען מיט אונדזערע באַשיידענע כוחות דעם יידישן טעאַטער און פֿאַרשאַפֿן נחת-רוח אונדזער טעאַטער-עולם אויף ד ע ר וועלט, וואָרן אַ געפּאַלענעם העלפֿט גאָט און אַז דער סוף איז גוט — איז אַלץ גוט!



קאפיטל פערציק

בן־ציון ווייטלער האָט אָפּגערופן די „גזירה"

בעת ס'איז מיר אויסגעקומען צו שפּילן מיט בן־ציון ווייטלער און שפרה לערער אין בוענאָס־אײַרעס, אין טעאַטער „אַרכענטינאַ", איז געווען געמאָלדן אין די יידישע צײַטונגען אַז אויך די אַנדערע נאַכט ראָש־השנה וועט ווערן געשפּילט יידיש טעאַטער. וואָס אַן אמת, שפּילן אומעטום די יידישע טעאַטערס ראָש־השנה בײַ נאַכט אַ חוץ אין בוענאָס־אײַרעס, וווּ ס'טעאַטער איז ראָש־השנה אַלע מאָל געווען געשלאָסן.

כ'האָב געוווּסט, אַז ווייטלער, איז אַ שטרענג־טראַדיציאָנאַלער מענטש, כמעט אַ רעליגיעזער. ער אַליין שטאַמט אַרויס פון אַ רע־ליגיעזער היים. זײַן פאָטער איז געווען גבאי־ראשון בײַם באַרימטן בעלזער רבין און ווי זאָגט מען עס: דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווײַט פון ביימעלע. און אין דעם פאַל איז געווען ריכטיק דער זאָג: אַזוי ווי דער טאַטע — אַזוי דער זון.

ווען כ'האָב געזען דעם אַנאָנס אין די צײַטונגען האָב איך שטאַרק געצווייפלט צי ווייטלער ווייסט פון דעם, און צי די מעלדונג איז אַרײַנגעגעבן געוואָרן מיט זײַן הסכמה. אויב נישט, הייסט עס דאָך פשוט אונטערגעפירט, געשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט.

איך האָב דעמאָלט געזונגען ווי אַ משורר בײַם באַוווּסטן חזן קלמעלע ווייץ. אין מיטן דאַווענען האָב איך איבערגעלאָזט דעם כאָר און בין אַוועק זוכן ווייטלערן, וואָס האָט געדאַוונט אינעם אָפּ־געדונגענעם טעאַטער „אַרכענטינאַ", וואָס איז, ווי אַלע יידישע טעאַטער־זאַלן אין די טעג פון ראָש־השנה און יום־כיפור פאַרוואַנ־דלט געוואָרן אין אַ שיל.

בן־ציון וויטלער

כ'האָב זיך גענומען דורכשטופּן צווישן די מתפּללים מיט די טליתים אויף די קעפּ, אים געזוכט מיט די אויגן אין אַלע זײַטן און אים נישט געקענט געפינען. כ'בין אַרויף אויף דער בימע און האָב באַמערקט אַ הויכן ייִד, וואָס איז געשטאַנען אײַנגעוויקלט אין אַ גרויסן טלית, אַז מ'האָט צו מאָל דעם קאָפּ זײַנעם נישט אַרויסגע־זען. ער איז געשטאַנען אַ צעוויגטער, אַ צעדאַוונטער אַזוי ווי די אַמאָליקע ייִדן אין דער אַלטער היים, וואָס האָבן מיט זייערע תּפי־לות געוואָלט עפענען די שערי־רחמים, צערײַסן דעם גזר־דין, אויס־פּועלן בײַם רבונו־של־עולם דאָס גוטע קוויטל פון אַ פרישן יאָר לעבן מיט געזונט און פּרנסה. כ'בין געבליבן שטיין און נישט געוווּסט: זאָל עס זײַן ווײַטלער אָט דער אײַנגעהילטער און פאַרמאַכטער ייִד?

אַזוי ווי מע קלאַפּט אָן אין אַ טיר אַזוי האָב איך אָנגעקלאַפּט אָן דעם ייִד:

— זײַט מוחל ר' ייִד, אַ רגע...

— נו, נו, אינו מפסיק... — איז געקומען אַן ענטפער ווי פון יענער וועלט

— מפסיק אַהין, מפסיק אַהער... איך וויל וויסן צי מע שפּילט הײַנט בײַ נאַכט צי נישט?

— ווער האָט עס געזאָגט? — האָט ער מיט כעס געגעבן אַ וואָרף צו די פּאָר וואָכעדיקע ווערטער — און ווײַטער געזאָגט מיט אַ וויינענדיק קול די תּפילה.

— אָט שטייט דאָך אין דער צײַטונג, זעט דעם אַנאָנס. וויל איך דאָך וויסן אויף וועלכער וועלט מ'איז? צי מע שפּילט צי מע שפּילט נישט?

נישט טראַכטנדיק קיין רגע האָט ער געגעבן אַ טו אויס דעם טלית. מיט אַ לאַנגן שפּרײַז איז ער צו צום בעלעמער, ווו דער חזן איז געשטאַנען און געדאַוונט:

— זײַט מוחל, ר' חזן — האָט ער אים מיט זײַן גרויסן קער־פּער אָפּגעשטופּט אין אַ זײַט און פאַרנעמענדיק זײַן אָרט האָט ווײַט־לער געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אין שטענדער מיט אַזאַ כּוח אַז דער עמוד איז שיִער נישט צעשפּרונגען געוואָרן אויף שטיקלעך. אויף די העכסטע טענער האָט ער מיט זײַן פעסטער שטים אויס־געשריגן:

— רבותי, ייִדן! הײַנט בײַ נאַכט װערט נישט געשפּילט קײן טעאַטער! זאָלן אַלע װיסן, אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל! הײַנט איז יום־טוב.

דער עולם מתפּללים האָט זיך פֿאַרגעסן אַז ער געפֿינט זיך אין אַ שיל, װאָס כאָטש ס׳איז אַ גאַנץ יאָר אַ טעאַטער־זאַל, איז עס הײַנט אַ מקום־קדוש און ס׳איז אױסגעבראָכן אַ שטורמישער אַפּלױז, גלײַך װי מע װאָלט די ייִדן אָנגעזאָגט די בשורה טובה אַז משיח איז געקומען.

ס׳איז אפשר געװען דאָס אײנציקע מאָל װאָס אַ ייִדישער אַקטיאָר האָט אַרױסגערופֿן אַן אַפּלױז אין אַ פֿולע שיל מיט דאַװענערס, מיט ייִדן אין טליתים.

און כאָטש די בילעטן אױפֿן בײַנאַכטיקן ספּעקטאַקל זענען שױן כמעט געװען װי פֿאַרקױפֿט, האָט מען דעמאָלט ראָש־השנה בײַ נאַכט נישט געשפּילט, די פֿאָרשטעלונג איז נישט צו שטאַנד געקומען און די מענטשן װאָס זענען געקומען צום טעאַטער האָבן געטראָפֿן אַ טונקעלן פֿאַיע מיט אױסגעלאָשענע לאָמפּן און אַ געשלאָסענע טיר. בן־ציון װיטלער האָט אָפּגערופֿן די „גזירה״ און נישט געבראָכן די טראַדיציע.



קאַפּיטל איין און פערציק

מיט מאָרים שוואַרץ אין דרום־אַפריקע

אין יולי 1954 האָט דער „טעאַטריקל טראַסט קאָמפּאַני" וואָס האָט אָנגעפירט מיט די גרעסטע טעאַטערס אין דרום-אַפריקע, אַראָפּגעבראַכט מאָרים שוואַרצן מיט אַ גרויסער טרופּע צו שפּילן אַ חודש צײַט ייִדיש טעאַטער אין יאָהאַנעסבורג.

יאָהאַנעסבורג איז אַ גרויסע מאָדערנע שטאָט, אַ קליין ניו-יאָרק. בײַטאָג איז די שטאָט פול מיט לעבן, דערנענטערט זיך אָבער דער אָוונט, נאָכן שליסן די געשעפטן, ווערט די גאַס פּוסט, אָפּגעליידיקט, נישט צו זען קיין לעבעדיק נפש. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי — וועל איך זיך נישט אַרײַנלאָזן אין קיין חקירות. איך ווייס נאָר אַז אין די אָוונטן פאַרברענגען ייִדן אין פאַמיליע-קרײַזן, בײַ זיך אין דער היימישער סביבה. ס׳גייט אויך אָן אַ ייִדיש קולטור-לעבן. אין יענער צײַט האָט עקזיסטירט אַ דראַמקרײַז אונטער דער לייטונג פונעם באַוווּסטן רעזשיסער, דעם אַקטיאָר יעקב מאַנסדאָרף ע"ה.

כמעט נײַנציק פּראָצענט פון די אָרטיקע ייִדן זענען ליטוואַקעס, און דאָס ביסל נישט-ליטווישע ייִדן איז צווישן דער ליטווישער מערהייט געוואָרן בטול בשישים. בדרך-כלל זענען עס האַרציקע מענטשן.

ווי געזאָגט איז מאָרים שוואַרץ געקומען מיט אַ טרופּע שפּילן טעאַטער פאַר די אָרטיקע ייִדן. אין דער טרופּע האָבן זיך געפינען: זשעני לאָוויטש, קלאַראַ גאָלדשטיין, יעקב קורלענדער, אַהרן אַלעקסאַנדראָוו, אסתר פּערעלמאַן, בעלאַ אייז, בערטאַ אייז, מיכל מיכאַלאָוויטש, ישכר האַנטפּוס, קאַטיאַ פּלאַווינאַ, סאַשאַ ראָזענטאַל, הערמאַן שענצער, פייגעלע שוואַרץ, ווילי גאָלדשטיין (דאָס מאָל ווי אַן

אַקטיאָר), דיריגענט-מײַסטער סימאָן טענאָווסקי, מנחם מענדל שוואַרץ און מאַקס קלאָס.

די אויפֿנאַמעס פֿאַר מאָרים שוואַרצן האָבן געטראָגן דעם כאַ־ראַקטער, ווי ס׳וואָלט געקומען אַ לעגענדאַרער רבי פֿון אַנדע־רער וועלט. אויף די דרום-אַפֿריקאַנער ייִדן קאָן מען זיך פֿאַרלאָזן. זיי ווייסן ווי אַזוי אויפֿצונעמען אַ קינסטלער, בפֿרט אַזאַ וועלט־באַרימטן, ווי מאָרים שוואַרץ, וואָס איז געקומען צום ערשטן מאָל קיין דרום-אַפֿריקע, מיט אַזאַ גרויסער טרופּע פֿון ערשטקלאַסיקע שוישפּילערס. נישט ערגעץ אַנדערש ווי נאָר אין גרויסן סיטי-האָל (שטאָטישן רעגירונג-זאַל) האָבן זיי אײַנגעאָרדנט דעם ריזיקן קבלת־פּנים מיט כל-טוב און מיט אַ סך רעדעס פֿאַר די חשובֿע שוישפּי־לער-געסט.

די ערשטע פֿאָרשטעלונג האָט מאָרים שוואַרץ געגעבן י. י. זינגערס „די ברידער אַשכנזי״.

גלײַך ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פֿאַרקויף פֿון בילעטן זענען שוין באַלד אין דער פֿרי געשטאַנען פֿאַר דער קאַסע לאַנגע רייען מענטשן, זיך צו באַזאָרגן מיט אײַנטריט-קאַרטן צו דער פֿאָר־שטעלונג. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן ווי אַזוי מאָרים שוואַרץ און די אַקטיאָרן זענען אויפֿגענומען געוואָרן דורכן עולם ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אויף דער בינע.

די פֿאָרשטעלונג האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם און באַלד אויף צו מאָרגנס זענען אַלע צײַטונגען פֿון יאָהאַנעסבורג געווען פֿול מיט לויבגעזאַנגען. אַלע זענען געווען מיט דער מיינונג אַז אַזוינס האָט דרום-אַפֿריקע נאָך נישט געזען. נאָכן קאָלאָסאַלן סוקצעס זע־נען מיר אַלע געווען זיכער אַז מ׳וועט פֿאַרבלײַבן אין דרום-אַפֿריקע אַ סך לענגער ווי ס׳איז געווען פֿאַרגעזען אין קאָנטראַקט.

די צווייטע פּיעסע איז געגאַנגען „יאָשע קאַלב״ פֿון זעלביקן מחבר. „יאָשע קאַלב״ ווערט געשפּילט אין גאַליציאַנער דיאַלעקט, ווײַל די גאַנצע האַנדלונג קומט פֿאָר אין גאַליציע. נאָכן שפּילן איז אַרונטערגעקומען הינטער די קוליסן אַ דעלעגאַציע פֿון די ליטווישע ייִדן און האָט דערקלערט אַז זיי אינטערעסירט שטאַרק די פּיעסע, נאָר לײַדער האָבן זיי כמעט ווי גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. און זיי בעטן

מע זאָל די פּיעסע שפּילן אין זייער דיאַלעקט, ווי אַלע מאָל. שוואַרץ האָט זיי פאַרזיכערט אַז שוין מאָרגן וועט עס געשען. די ייִדן זענען באַלד געלאָפן זיך באַזאָרגן מיט נייַע בילעטן, און ווי אַ דאַנק האָבן זיי אַלעמען באַשאַנקען מיט בלומען נאָך דער פאָרשטעלונג ווו ס'איז פאָרגעקומען די מערקווירדיקע אומוואַנדלונג: איבער נאַכט זענען די נעכטיקע גאַליציאַנער העלדן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ריינע ליטוואַקעס, מיט אַ טיף ליטווישן יאָשע קאַלב.

ווידער איז געקומען אַ גרויסער סוקצעס: „די משפחה קאַר־נאָווסקי", אַלץ פון זעלביקן י. י. זינגער. יעדער פון אונדז האָט גע־שריבן אַהיים אַז מע וועט זיכער בלייַבן אין דרום־אַפריקע אַ לענ־גערע צייַט. פאַרגליסט זיך אָבער מאָרים שוואַרצן צו שטעלן „שיי־לאָק און זייַן טאָכטער" פון אַרי אבן־זהב (די פּיעסע האָט נישט פּי־גורירט אין פּראָגראַם וואָס שוואַרץ האָט אָנגעגעבן).

צוליב דער פּיעסע איז געקומען דער רים צווישן דעם דירעק־טאָר פונעם טראַסט און מאָרים שוואַרץ. דער דירעקטאָר איז געווען קעגן דער פּיעסע, ווייַל זי איז שוין אַ צופּיל אָפּגעשפּילטע פון די גרעסטע ענגלישע קאָמפּאַניעס וואָס קומען פון ענגלאַנד, און יעדער קען זי שוין דאָ כמעט פון אויסנווייניק. שוואַרץ האָט פאַרזיכערט אַז דאָס איז נישט די זעלבע פּיעסע. „שיילאָק און זייַן טאָכטער" איז אַן ענטפער אויף שעקספּירס „שיילאָק".

— דערפאַר טאַקע דאַרף מען זי נישט שפּילן — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט — כדי צו פאַרמייַדן קאָמענטאַרן, דיסקוסיעס, קריטיק, צי דער ענטפער איז יאָ באַרעכטיקט, אָדער נישט.

אַ חוץ מייַן שפּילן, האָב איך געהאַט די אויפגאַבע צו פאַר־זאָרגן קאָסטיומען, פּאַרוקן און גרימירן די צאָלרייַכע סטאַטיסטן, וואָס זענען געווען בחורים און מיידלעך פון די רייַכסטע פאַמיליעס און האָבן מיטגעווירקט אין די ספּעקטאַקלען אָן שום פינאַנציעלן אינטערעס. איך בין אַרייַן אין ביוראָ פון דירעקטאָר צו רעדן מיט אים וועגן נייַע קאָסטיומען (זיי האָבן דאָס אַלץ געהאַט אין זייער אייגענעם באַזיץ). מאָרים שוואַרץ האָט זיך דערפרייט וואָס כ'בין גראָד צופעליק אַרייַנגעקומען אין ביוראָ ווו זיי ביידע — דער די־

מאָריס שוואַרץ, אין דער ראָלע פון
סענדער בלאַנק

רעקטאָר און שוואַרץ — האָבן באַהאַנדלט דעם ענין פון דער נײַער פּיעסע. און ער האָט זיך אָנגערופן:

— אָט איז מיסטער קלאַס, איינער פון מײַנע ערשטע און בעסטע אַקטיאָרן, זאָל ער אײַך זאָגן זײַן מיינונג וועגן „שיילאָק און זײַן טאָכטער". איך האָב געמוזט צובאַמבקען, כאָטש מיר איז די פּיע־סע, צוליב געוויסע טעמים, קיין מאָל נישט געווען געפעלן...

איך האָב נאָך דעם געזאָגט ווען מיר זענען — אַלע אַקטיאָרן — געווען צוזאַמען:

— מיסטער שוואַרץ, ס'לוינט זיך נישט אײַנצורײַסן מיט זיי צוליב אַ פּיעסע. איר האָט גענוג רעפּערטואַר.

ווילי גאָלדשטיין האָט אויף זײַן שטייגער צוגעגעבן:

— מיסטער שוואַרץ, עך מיין אַז זיי זענען גערעכט, וואָס דאַרפט איר ברענגען ביער קיין מינכן? אַפריקע איז ענגלאַנד, טאָ לאָזט איבער די פּיעסע פאַר די ענגלענדער.

אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. מאָרים שוואַרץ איז פאַרעקשנט באַשטאַנען אויף זײַנס, אַז ער מוז שפּילן די פּיעסע. דער דירעקטאָר פון דער טעאַטער־קאָמפּאַניע האָט אים נאָכגעגעבן. ער האָט אים אָבער באַלד געוואָרנט אַז קיין שום פאַרלענגערונג פון קאָנטראַקט וועט אין קיין פאַל נישט זײַן. שוואַרץ האָט בײַ זיך געטראַכט: נישקשה, ער וועט בעסער ווערן, ער וועט זען דעם גרויסן דערפאָלג וואָס די פּיעסע וועט האָבן. און — מאָרים שוואַרץ האָט זיך באַוויזן אין דער ראָל פון שיילאָק... בלויז אין דעם איז עס אים געגאַנגען.

דער רעזולטאַט איז געווען נישט קיין גוטער. די פּיעסע האָט נישט געבליצט און נישט אויסגענומען נישט בײַם עולם און נישט בײַ דער קריטיק.

מאָרים שוואַרץ איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ גענעראַל וואָס האָט פאַרלוירן אַ גרויסע שלאַכט. בכדי צו ראַטעווען די מערכה האָט ער באַלד געשטעלט שלום־עליכמס „שווער צו זײַן אַ ייִד", וואָס האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן מאָראַלישן און פינאַנציעלן דערפאָלג.

צו פאַרענדיקן דעם קאָנטראַקט האָט מען, לויטן אָפּמאַך, גע־

מוזט שפּילן אין קייפּטאָן, די צווייט-גרויסע שטאָט אין דרום-אַפֿריקע.

קייפּטאָן איז אַ וווּנדערבאַרער ישוב. פֿאַר דער קורצער צײַט וואָס מיר זענען געווען דאָרט איז אין יאָהאַנעסבורג אַרויסגעטרעטן דער זשורנאַליסט און קריטיקער פֿון „דער ציוניסט-רעקאָרד" ה. גערשטאַטער מיט אַן אַרטיקל, אַז מע זאָל שוואַרצן מיט דער טרופּע צוריקברענגען, ווײַל אין שטאָט איז מיט זייער אַרויספֿאָר געוואָרן וואָכעדיק און אומעטיק, אוים יום טוב אין יאָהאַנעסבורג. אין זעלביקן זינען האָבן אויך געשריבן אַלע אַנדערע צײַטונגען.

דער טעאַטער-טראָסט האָט אויף דעם רוף געשוויגן צוליבן קאַפּריז פֿון מאָרים שוואַרץ, וואָס האָט גורם געווען דעם ריס צווישן דעם דירעקטאָר און דער טרופּע. אַ דאַנק דער אַמביציע פֿון שוואַרצן האָט די טרופּע דעמאָלט אַ סך פֿאַרלוירן אין דרום-אַפֿריקע.

נישט שטענדיק קאָן אַ קינסטלער — מעג עס זײַן אַפֿילו פֿון אַזאַ קאַליבער ווי מאָרים שוואַרץ — זאָגן אַז ער ווייסט שוין אַליץ און שטעלן אויסשליסלעך אויף זיך אַליין. נישט אַלע מאָל געלינגט עס. נישטאָ קיין חכמים ביים טעאַטער בכלל, און ביים ייִדישן טעאַטער אַוודאי נישט.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

אַ יידישע אַקטריסע — אַ העלדישע מאַמע

אין 1955 האָבן ווילי גאָלדשטיין און מרים לערער אַנגאַזשירט אַ טרופּע צו שפּילן מיט בן-ציון וויטלער און שפּרהלע לערער אין דרום-אַפריקע. אויך איך האָב זיך געפונען צווישן די אַנגאַזשירטע.

באַלד נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג, „מײַן גליקלעכע היים", האָבן וויטלער און שפּרהלע לערער געוווּנען דעם עולם אין יאָהאַנעסבורג. וויטלער האָט באַמערקט אַז דער טעאַטער איז טאַקע פול, אָבער קיין יוגנט האָט מען נישט געזען אַפילו אויף קיין רפואה. דאָס יונגוואַרג איז נישט געקומען. זײַן אַמביציע איז אָבער געווען צו זען יוגנט אין יידישן טעאַטער. נאָך אַ באַראַטונג וועגן דעם ענין האָט ער באַשלאָסן אַז אין דער נאָענטסטער פּיעסע שפּילן מיר ביידע — ער און איך — אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. אונדזערע דיאַלאָגן וועלן מיר פירן מערסטנטייל אויף ענגליש. שפּרהלע שפּילט אין דער פּיעסע אַ טאָפּלטע ראָלע צוויי טיפּן מיידלעך און די סאָלדאַטן דערקענען ניט ווער ס'איז ווער. זייער אַ קאָמישע סיטואַציע. וועט זי אויך ווו ס'וועט זײַן נייטיק רעדן ענגליש. אויב ס'איז געווען אַ מיטל ווי אַזוי אַרײַנצוברענגען דרום-אַפריקאַנער יידישע יוגנט, וואָס פאַרשטייט נישט קיין יידיש אין יידישן טעאַטער, איז דאָס געווען ס'בעסטע מיטל. חברה יונגוואַרג איז געוואָר געוואָרן אַז מע רעדט אויך ענגליש, זענען זיי געקומען צו לויפן. די יוגנטלעכע האָבן זיך אַמוזירט. ס'איז זיי געפעלן דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן, איבער הויפּט די לידלעך. אמת די יידישע צײַטונגען האָבן שאַרף אַטאַקירט דעם מעטאָד פון רעדן ענגליש אויף דער יידישער בינע. וויטלער אָבער האָט זיי באַוויזן אַז בײַ דער אַרבעט, און אין גאַס זינגען איצט די יוגנטלעכע — יידישע לידלעך וואָס זיי האָבן

געהערט פון דער ייִדישער בינע אַראָפּ און זענען געוואָרן ליבהאָבער פון ייִדישן טעאַטער און פון ייִדישן לשון.

זיי האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין איין פאָרשטעלונג. יעדער מאָל זענען זיי געקומען אין אַ גרעסערער צאָל. ס׳איז באמת אַ פרייד צו הערן ווי אַ סך יונגטלעכע, וואָס האָבן קיין מאָל קיין ייִדיש וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן, זינגען איצט די לידלעך וואָס וויטלער האָט זיי אויסגעלערנט פון דער בינע. קריטיקערס האָבן געמוזט צוגעבן אַז אויפן געביט פון אַרײַנברענגען יוגנט אין ייִדישן טעאַטער אין דרום-אַפריקע האָבן בן-ציון וויטלער און שפּרהלע לערער אַ סך אויפגעטון.

אין דער זעלבער טרופּע האָט מיט אונדז מיטגעשפּילט אַן אַקטריסע פון יאָהאַנעסבורג, אסתר שטיין. אַ שיינע עלעגאַנטע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, גאָר אַ גוטע טאַלענטירטע אַקטריסע. זי האָט געהאַט אַן איין איינציקן זון, אַ לופטפליִער אין דער ישראל-דיקער ציווילער אַוויאַציע.

אין אויגוסט 1955 איז אויף דער בולגאַרישער טעריטאָריע אַראָפּגעשאָסן געוואָרן אַ ישראל-אַוויאָן. איינער פון די פּילאָטן איז געווען דער זון פון אונדזער אַקטריסע, אסתר שטיין. אַלע 48 פּערזאָן, וואָס דער ישראל-אַוויאָן האָט געפירט, זענען אומגעקומען.

די ישראל-רעגירונג האָט איר טעלעגראַפירט וועגן דעם אומגליק, אויסדריקנדיק מיטגעפיל און איר געבעטן צו קומען מיטן נאָענטסטן אַוויאָן קיין ישראל. מע וואַרט אויף איר מיט דער לוויה.

בײַם דערהאַלטן די טראַגישע ידיעה האָט די אומגליקלעכע מאַמע באַקומען אַ נערוועזשן שאָק. און נאָר אַ דאַנק די אַרויסגערופענע דאָקטוירים איז זי אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ נערוון-צוזאַמענברוך.

אין דעם פרימאָרגן האָט זי באַדאַרפט אָפּפליִען קיין ישראל בײַצוווינען די קבורה פון איר איינציקן זון, איר קרוין, איר שטאָלץ — אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין לעבן.

אין זעלביקן אָוונט דאַרף זײַן די פאָרשטעלונג וואָס איז געווען אַנאָנסירט. בילעטן זענען ווי אַלע מאָל שוין פון פריִער געווען אויספאַרקויפט. דאָס טעאַטער איז געווען פול. יונגוואַרג זיצט מיט

שטראַלנדיקע פּנימער, האַלטנדיק אין דער האַנט די בלעטלעך מיט די אָפּגעדרוקטע מיט לאַטיינישע אותיות רעפּריינען פון די לידלעך, וואָס ס׳וועט געזונגען ווערן בײַ דער פּיעסע. מיר האָבן זיך געפינען אין גרויס פאַרלעגנהייט. וואָס טוט מען אין אַזאַ פאַל? די טרויעריקע בשורה איז צו אונדז דערגאַנגען שפּעט אין אָוונט. זי איז געקומען אומגעריכט, אין גאַנצן פּלוצעם. אויסשנײַדן די ראָלע איז אוממעגלעך. אָן דער ראָלע האָט נישט די פּיעסע קיין שום ווערט. אַלע אַנדערע אַקטריסעס אין דער טרופּע שפּילן וויכטיקע ראָלן. האָט מען זיך געווענדט צו יעקב מאַנסדאָרף, אפשר וועט איין אַקטריסע פון זײַן טרופּע קאָנען ווי ס׳איז אַרויסהעלפן, אָבער קיין איינע פון זיי האָט זיך נישט געוואָלט דעצידירן אַרויסצוטרעטן אין אַ ראָלע אין לעצטן מאָמענט, נישט-ווייסנדיק אפילו וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך אין דער פּיעסע.

בלית-ברירה איז געבליבן אָפּצורופן די פאָרשטעלונג. אין יאָהאַנעסבורג ווערט ניט געשפּילט יעדער טאָג, און אַז מע דאַרף אָפּרופן אַ פאָרשטעלונג, באַטײַט עס אַ גרויסער פינאַנציעלער פאַרלוסט.

ווי דערשטוינט זענען מיר אַלע געוואָרן, ווען אין טעאַטער האָט זיך באַוויזן די אַקטריסע אסתר שטיין. זי איז געקומען שפּילן. זי האָט זיך דערוווּסט, אַז די פאָרשטעלונג וועט צוליב איר נישט געשפּילט ווערן איז זי געקומען ראַטעווען, אַרויסהעלפן פון דער שווערער לאַגע.

— די פאָרשטעלונג מוז געשפּילט ווערן.

ס׳זענען נישטאָ קיין ווערטער איבערצוגעבן וואָס די אומגליקלעכע מאַמע האָט געפּילט בעתן שפּילן. און מיר אַקטיאָרן האָבן אין דער אסתר שטיין דערזען אַ העלדישע פרוי, ווי איינע פון די תנכישע העלדישע פרויען. די וואָס האָבן דאָ לחלוטין גאָרנישט נישט געוווּסט פון דעם אַלעם וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, זענען געווען די צושויערס אין זאַל, ווײַל די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען אינעם זעלביקן ריטעם ווי שטענדיק.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט וויטלער באַקאַנט געמאַכט דעם פּובליקום וועגן דעם טראַגישן פאַל. די אַקטריסע אסתר שטיין איז

אויף דער בינע געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע אויסגעהאַקט פֿון קאַלטן מאַרמאָר, ווי איינע פֿון אונדזערע לעגענדאַרישע העלדישע ייִדישע מאַמעס וואָס די ייִדישע געשיכטע געדענקט זיי אין אַלע צײַטן און אין אַלע דורות.

דער עולם האָט איר טראַגיש-אומגעקומענעם זון צוזאַמען מיט אַלע אַוויאָן-אומגעקומענע באַערט מיט אויפשטיין און אַ מינוט שווײַגן. פֿון טעאַטער האָבן מיר זי באַגלייט אַהיים און פֿון דאָרט — צום אַוויאָן, וואָס האָט זי געפֿירט קיין ישראל זיך צו געזעגענען מיט איר זון, אַ קוק טון אויף אים צום לעצטן מאָל.

דאָס קאָן נאָר טרעפֿן בײַ אַקטיאָרן — זאָל עס געזאָגט ווערן צו זייער לויב — וואָס פֿאַר זיי עקסיסטירט איין געבאָט: לאַך, פּאַיאַץ, אַפֿילו ווען דײַן האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער פֿון ווייטיק און פּײַן.

קאַפּיטל דרײַ און פּערציק

„יאָ, געװיס, אַװדאי!" — בולאָװס אױפּטו

קוים האָבן בן־ציון װיטלער און שפּרה לערער פאַרענדיקט זײער סוקצעספולן סעזאָן, איז באַלד אָנגעקומען קײן יאָהאַנעסבורג די פאַמיליע בורשטײן. פּסחקע און זײַן פרוי ליליאַן לוקס. (די קינדער זײערע מאַטעלע און זיסעלע זענען נאָך דעמאָלט געװען קלײנע). זײ זענען געװאָרן קאָנטראַקטירט פון אַ יאָהאַנעסבורגער דירעקטאָר, אַ. פאַלקענשטײן, װאָס האָט צוגעצױגן װילי גאָלדשטײן פאַר אַ שותּף, כּדי צו קאָנען שפּילן מיט די זעלביקע אַקטיאָרן װאָס זענען געװען פאַרקאָנטראַקטירט פון גאָלדשטײנען אױף דער גאַנצער צײַט פון זײער געפינען זיך אין דרום־אַפריקע.

פּסחקע בורשטײן איז באַלד צוגעטראָטן מיט אונדז פּראָבירן די פּיעסע „דער קאָמעדיאַנטשיק". איך האָב פּסחקען ממש געבעטן נישט צו שטעלן די פּיעסע, װײַל זי װערט געשפּילט אין טיפּישן װאַרשעװער דיאַלעקט און די דרום־אַפריקאַנער ליטװישע ייִדן װעלן דאָס נישט אױפנעמען, ס'קאָן געשען ס'זעלבע װאָס מיט „יאָשע קאַלב" בײַ שװאַרצן. אָבער פּסחקע און די לוקס זענען באַשטאַנען אױף זײערס: נאָר „דער קאָמעדיאַנטשיק" מוז זײַן זײער דעביוט־פּיעסע.

— דאָס איז דער מאַסקאָט אונדזערער װאָס האָט אומעטום געמאַכט דעם גרעסטן רושם.

— אומעטום יאָ, אָבער נישט אין דרום־אַפריקע — האָב איך מיט זיכערקײט געזאָגט. לײדער האָב איך געהאַט רעכט. די ייִדן זענען געזעסן אין טעאַטער בײַם שפּילן די פּיעסע און האָבן געפרעגט אײנער דעם צװײטן אױף זײער ליטװישן לשון: — װאָס זאָגט ער דאָרט? איך פאַרשטײ ניט אַ װאָרט!

און ווען פּסחקע האָט געזונגען זיַין באַרימטן קופּלעט „הו-שאַ-שאַ-שאַ" איז גאָר געווען אַ צרה. דאָס פון וואָס די פּוילישע ייִדן לעקן די פינגער לאָזט עס די ליטווישע ייִדן קאַלט און גלייַכגילטיק. ס'רעדט נישט צו זיי: דער סוף איז געווען אַז מיר זענען געווען געצוווּנגען גלייַך צוצוטרעטן צו נייַע פּראָבן. מיר האָבן רעפּעטירט „אַ חתונה אין שטעטל". אַן אָפּערעטע וואָס האָט באמת געהאַט דעם פאַרדינטן דערפאָלג.

אין דער זעלבער ציַיט האָט אין יאָהאַנעסבורג געשפּילט אויף דער ענגלישער בינע אונדזער גרויסער יוסף בולאָוו די פּיעסע „דער פינפטער סעזאָן", וואָס איז געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. די יאָהאַנעסבורגער ייִדן זענען געלאָפן אין ענגלישן טעאַטער און האָבן געשעפּט נחת זעענדיק ווי אַלע מיטשפּילנדיקע אַקטיאָרן זעען אויס נעבעכדיק, קליין קעגן דעם גרויסן ייִדישן אַקטיאָר יוסף בולאָוו. דאָס איז אויך געווען די מיינונג פון די אָרטיקע טעאַטער-קריטיקער.

ס'וואָלט געווען אַ גרויסע אומגערעכטיקייט אַוועקצולאָזן בולאָוון פון דרום-אַפריקע און אים נישט געבן די מעגלעכקייט צו שפּילן ייִדיש טעאַטער. ייִדן האָבן פאַרלאַנגט, די ציַיטונגען האָבן וועגן דעם געשריבן, די דירעקטאָרן, וו. גאָלדשטיין און א. פאלקענשטיין אונטער וועמענס דירעקציע די פאַמיליע בורשטיין מיט דער טרופּע האָבן געשפּילט, האָבן דעריבער געבעטן פּסחקען, ער זאָל דערלויבן בולאָוון צו שפּילן איין פּיעסע. פּסחקע און די לוקס האָבן באַלד אַרויסגעוויזן דעם חברישן זשעסט און זיי, צוזאַמען מיט די דירעקטאָרן, האָבן פאַרבעטן בולאָוון אויפצוטרעטן. דער זשעסט פון די בורשטיינס איז פון אַלעמען באַגריסט געוואָרן. בולאָוו איז געווען ביז גאָר צופרידן צו קאָנען שפּילן ייִדיש טעאַטער אין דרום-אַפריקע, און ער האָט מיט גרויס פאַרגעניגן אָנגענומען דעם אָנבאָט.

באַלד נאָכן פאַרענדיקן מיטן ענגלישן טעאַטער איז בולאָוו צוגעטראָטן צו פּראָבירן מיט אונדז „דער קיביצער". די פאַמיליע בורשטיין איז פאַר דער ציַיט געפאָרן פאַרברענגען ביַים ים אין מיוזענבערג, אַ וווּנדערבאַרער קוראָרט לעבן קייפּטאָן.

אין יאָהאַנעסבורג איז געווען אַ ייִדישער אַקטיאָר וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן סוקצעס אויף דער ענגלישער בינע. ער איז

אַ מאָל געווען זייער באַליבט און באַקאַנט, אָבער צוליב זײַן טויב ווערן און אויך צוליב אַנדערע קראַנקייטן האָט ער פאַרלוירן די מענטשלעכע גלײַכוואָג און אָפט גערעדט נאַרישקייטן. ייִדיש האָט ער קוים געקאָנט אַ פּאָר ווערטער. שטענדיק האָט ער זיך געטו־ליעט צו אַקטיאָרן און ספּעציעל צו ייִדישע. איז געקומען אַ ייִדישע טרופּע איז ער געוואָרן דער פרייליכסטער מענטש און אַ חוץ זײַן טויבקייט האָט מען אין אים נישט דערקענט קיין שום אומנאָר־מאַלקייט. יוסף בולאָוו האָט באַלד פון אָנהייב אַרויסגעוויזן צו אים אַ גרויס אײַנזען און רחמנות. ער פלעגט אים זייער מקרב זײַן.

אין דער פּיעסע האָט אויסגעפעלט ווער ס'זאָל שפּילן די ראָלע פון יאַנקל דעם קיביצערס ברודער, וואָס איז אַ נישט־דערבאַקענער טיפּ, ער זיצט שטענדיק בײַם טומבאַנק אין ציגאַרעטן־געשעפט, שנײַדט טאַבאַק און אויף יעדער פראַגע אָדער טעלעפאָן־רוף, ווייס ער נאָר צו ענטפערן די פּאָר ווערטער: „יאָ, געוויס, אַוודאי"... מער קען ער נישט. דאָס איז זײַן גאַנצע ראָלע.

בולאָוו האָט גלײַך געזאָגט אַז דער בחור וועט זײַן גוט פאַר דער ראָלע. ווי אַזוי אָבער וועט ער וויסן, צוליב זײַן טויבקייט, ווען צו זאָגן די פּאָר ווערטער? אויף דעם האָט מען געפונען אַן עצה: מען וועט מאַכן אַ לעכל אין דער דעקאָראַציע, דאָרט וווּ ער זיצט בײַם בופעט, און דורכן לעכל וועט מען אים מיט אַ שטע־קעלע געבן אַ שטופּ, וועט ער וויסן אַז ער דאַרף רעדן.

בולאָוו האָט מיר געגעבן צו שפּילן לעווינגסטאָן, דעם רײַכן מאַן, און גלײַכצײַטיק מיר אָנפאַרטרויט צו דערלייזדיקן אַלץ וואָס איז נייטיק פאַר דער פּיעסע, און אויך אָנפירן מיט דער בינע. בעת דער פאָרשטעלונג זאָל איך דעם סטאַטיסט צום רעפּליק געבן דעם שטופּ מיטן שטעקעלע, וועט ער אַרויס מיט דער פראַזע „יאָ, געוויס, אַוודאי", וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין לערנען און זיך אויס־געלערנט.

אין טאָג פון דעביוט האָט בולאָוו ממש געשטראַלט פון פרייד פאַר דער געלונגענער אויסשטאַטונג וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר דער פּיעסע. ס'האָט נישט געפעלט די מינדסטע זאַך. בײַ דער קאַסע הענגט אַ צעטל אויספאַרקויפט. הינטער דער בינע הערשט



יוסף בולאָוו

אַ נערוועזע שטימונג. צו דער צײַט האָב איך געגעבן דעם צייכן און דער פאָרהאַנג איז אַרויף.

ווען בולאָוו האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, האָט ער באַקומען אַ התלהבותדיקע אויפנאַמע. און ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן איז ספּאָנטאַן אויסגעבראָכן אַ שטורמישער אַפּלויז און ס'האָט זיך געהערט פונעם עולם:

— ער איז דאָך אַן אונדזעריקער, אַ ליטוואַקל.

ס'האָט נאָר געפעלט אַז זיי זאָלן אַרויף אויף דער בינע און זיך צעקושן מיט אים פאַר פרייד.

זייער גערירט איז בולאָוו געווען פונעם אויסערגעוויינטלעכן ברוך-הבא, זײַן שפּילן האָט אָפט מאָל אַרויסגערופן אַפּלויזן, בײַם אָפענעם פאָרהאַנג.

מײַן יאַנקל האַלט זיך ווי אַ מענטש. ער זיצט בײַם טומבאַנק און שנײַדט דעם טאַבאַק און וואַרט אויפן שטופ מיטן שטעקעלע. דער רעפּליק איז געקומען, איך גיב אים דעם שטויס און מײַן יאַנקל הייבט אָן צו דערלאַנגען דעם „יאָ, געוויס, אַוודאי" אָן אויפהער. בולאָוו ווינקט צו אים ער זאָל אויפהערן, אָבער ער האַלט אין איין זאָגן: „יאָ, געוויס, אַוודאי", „יאָ, געוויס, אַוודאי". דער עולם לאַכט און ער הערט ניט אויף. וואָס איז געשען? דאָס שטעקעלע האָט זיך פאַרטשעפּעט אינעם לעכל פון דער דעקאָראַציע און ווען כ'רײַס עס אַרויס מיט כוח וואָלט איך זיכער מיטגעריסן אַ שטיק דעקאָראַציע. האָב איך געפּרוּווט פּאַמעלעך אַרויסנעמען דאָס שטעקעלע, אָבער ער, פילנדיק דאָס שטעקעלע האָט געהאַלטן אין איין זאָגן דעם „יאָ, געוויס, אַוודאי", ביז מיר איז געלונגען אַרויסצוקריגן דאָס שטעקעלע. דעמאָלט האָט ער צוריק אײַנגענומען ס'שטומעניש.

בולאָוו האָט מיט זײַן קינסטלערישן שפּילן פאַרדעקט די אומאַנגענעמע - געשאַפענע לאַגע, גלײַך ס'וואָלט געווען נאַטירלעך לויטן טעקסט פון דער פּיעסע. כ'האָב באַלד פאַריכט אַלץ, ווי ס'קער צו זײַן, ס'זאָל זיך חלילה מער נישט איבערחזרן די סצענע און די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען נאָרמאַל ווי בולאָוו האָט זי געשטעלט. בײַם עולם ווי בײַ דער קריטיק האָט די פּיעסע שטאַרק

אויסגענומען. מ'האָט געשריבן וועגן דער פאָרשטעלונג מיט גרויס באַגייסטערונג.

מיר אַלע האָבן באַגריסט דעם טויבן יאַנקל ווייַל ער איז באמת געווען עכט און גוט אין זייַן ראָלע, ווי בולאָוו האָט עס פאָרויסגע-זען. זייַן אַמאָליקער טאַלאַנט און זייַן איצטיקער אויסזען האָט אים צוגעהאָלפן צו זייַן סוקצעס מיט וועלכן ער איז אַרומגעגאַנגען און זיך גערימט ווי דער בעסטער אויספירער פון דער ראָלע.

די פּיעסע „דער קיביצער" איז געשפּילט געוואָרן אין אייניקע שטעט פון דרום-אַפריקע און אומעטום האָט זי געהאַט גרויסן מאָראַ-לישן און פינאַנציעלן דערפאָלג. די דירעקטאָרן גאָלדשטיין און פאַל-קענשטיין האָבן זיך גוט אָנגעוואָרעמט לעבן בולאָוון.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין דרום-אַפריקע איז פאַרווערט זונטיק צו שפּילן טעאַטער, אַפילו נישט קיין קינאָ, פּונקט אַזוי ווי אין ענגלאַנד, האָט בולאָוו באַקומען די דערלויבעניש אויפצוטרעטן זונטיק אין אַ קאָנצערט. ס'איז גענומען געוואָרן דער גרעסטער טעאַטער פון יאָהאַנעסבורג פאַרן זונטיקדיקן קאָנצערט, און בולאָוו אַליין האָט אויסגעפירט דעם פּראָגראַם מיט זיינע וווּנדערלעכע קליינקונסט-נומערן, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן פון באַוווּנדערונג. בולאָווס קאָנצערט איז דעם יאַנקל שפּילער גוט אַרייַן אין זכרון, ווייַל אַזוי שנעל ווי בולאָוו האָט אויפן טעלעגראַפישן רוף פון האָליוווּד געמוזט תיכּף פאַרלאָזן דרום-אַפריקע, האָבן זיך באַלד באַוויזן אין די גאַסן פון יאָהאַנעס-בורג און קייפּטאָון ריזיקע פּלאַקאַטן אַז דער באַרימטער סטאַר פון „יאָ, געוויס, אַוודאי" וועט אויפטרעטן אין שטאָטישן טעאַטער פון מיוזענבערג אין אַ גרויסן קאָנצערט אויסגעפירט פון אים אַליין.

אַ דאַנק בולאָוון האָט אויפגעלעבט אַ פאַרלאָשענער סטאַר, גו, יאָ, געוויס, אַוודאי!

קאַפּיטל פיר און פערציק

מאָריס שוואַרצס מאָדנע דרכים

עטלעכע און דרײַסיק יאָר האָט אין ניו־יאָרק עקסיסטירט דאָס קונסט־טעאַטער פון מאָריס שוואַרץ, וואָס האָט פאַרשאַפט כבוד אי דעם לאַנגיאָריקן דירעקטאָר־קינסטלער אי דעם צפון־אַמעריקאַנער ישוב וואָס איז געווען שטאָלץ מיט אָט דער קונסט־פּאָזיציע און דערגרייכונג — איינציק אין דער גאָרער יידישער וועלט.

ס'האָבן זיך אָבער אָנגערוקט שווערע קריזיס־יאָרן און מאָריס שוואַרץ האָט מער נישט געקענט אויסהאַלטן די שווערע פינאַנציעלע לאַסט וואָס איז אויסגעטראָגן געוואָרן אויף די פּלייצעס פון אים אַליין.

זייער טרעפלעך זענען געווען די ווערטער וואָס מאָריס שוואַרץ האָט געזאָגט שלמה מיכאָעלסן בעת דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער האָט גאַסטראָלירט אין צפון־אַמעריקע:

— ס'איז זייער לײַכט צו זײַן אַ מיכאָעלס אין מאָסקווע, ס'איז אָבער זייער שווער צו זײַן אַ מאָריס שוואַרץ אין ניו־יאָרק.

מיטן דאָזיקן זאָג האָט ער געמיינט, אַז דאָס יידישע טעאַטער אין מאָסקווע ווערט אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג מיט אַלץ און אַלעם נייטיקן און ער, מאָריס שוואַרץ דאַרף זיך מאַטערן, שאַפן די געהעריקע מיטלען אַז דאָס ניו־יאָרקער יידישע קונסט־טעאַטער זאָל קאָנען עקסיסטירן. ער דאַרף זיך אַליין ברעכן דעם קאָפּ, זוכן ווי אַזוי צו דעקן דעם דעפיציט פון זײַן טעאַטער. צוליב דעם איז ער געווען געצוווּנגען אַרומצופאָרן אין לאַנד און אין אויסלאַנד מיט קאָנצערטן. אָפט פאָרן שפּילן טעאַטער אין בוענאָס־אײַרעס, מאָנטעווידעאָ און אין בראַזיל. לײדער אָבער, בײַ אַלע זײַנע גרויסע סוקצעסן, האָט ער מיט די פאַרדינסטן נישט געקאָנט דעקן די רי־

אויפן פּייערלעכן קבלת־פּנים פונעם אַקטיאָר־פֿאַראיין לכבוד מאָריס שוואַרץ צו זיינע גאַסט־שפּילן אין בוענאָס־איירעס; סישטייען פון רעכטס צו לינקס: בנציון בערדיטשעווסקי, משה קנאַפּהייס, ווילי גאָלדשטיין, יעקב פּאַלאַטיצקי, יעקב באָטאָשאַנסקי, אַהרן יורקעוויטש, נחמיה צוקער, מאַקס קלאָס, שלמה פּריזאַמענט, דוד לעדערמאַן, הערמאַן קאַסאָווסקי, מאַרק טורקאָוו, י. ל. גרוזמאַן; סיזיצן פון רעכטס צו לינקס: שלמה צוקער, מאַדאַם שוואַרץ, מאָריס שוואַרץ און פייגעלע שוואַרץ

זיקע אויסגאַבעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן אויסהאַלטן דעם קונסט-טעאַטער. איבער הויפּט די לעצטע יאָרן איז דער גע־ראַנגל פאַרן דערהאַלטן די ייִדישע קולטור-פּאָזיציע געווען אין לשער און מאָרים שוואַרץ האָט געמוזט אויפגעבן דאָס ווײַטערדיקע אָנגיין מיטן טעאַטער.

די דאָזיקע דראַמאַטישע ווענדונג איז געווען אַ ווייטיקלעכער מאָראַלישער קלאַפּ פאַר מאָרים שוואַרצן. די ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן — דער גרויסער פּאָטענציעלער שטיץ-כוח פאַרן אַנטוויקל פון דער ייִדישער קולטור־שעפערישקייט — האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין צו גרויסע חכמה מיט זייער גלײַכגילטיקן צוקוקן זיך און דערלאָזן צום אונטערגיין פונעם קונסט-טעמפּל, פונעם ייִדישן קונסט-טעאַטער וואָס האָט אין פאַרלויף פון איבער דרײַסיק יאָר באַשײַנט דאָס ייִדישע קולטור־לעבן אין נאָרד־אַמעריקע — אַ ספינקס, אַ רעטעניש נישט צום באַשיידן.

נאָך דעם, ווי דער ייִדישער קונסט-טעאַטער האָט פאַרלוירן זײַן לעבן אינעם שטיינערנעם ניו-יאָרק, איז יעדער מאָל, ווען מאָרים שוואַרץ איז געקומען קיין בוענאָס-אײַרעס שפּילן טעאַטער, האָבן מיר, די פאָרשטייער פונעם ייִדישן אַקטיאָרן-פאַראיין, גערעדט מיט אים, אַז דער קונסט-טעאַטער דאַרף אויפגעלעבט ווערן אין בוענאָס-אײַרעס. מיר האָבן אים באַוויזן אַז דער אַרגענטינער ישוב נייטיקט זיך און איז בכוח אויפצוהאַלטן אַ בעסער ייִדיש טעאַטער. דאָס ייִדישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַרגענטינע איז אין פולן בלי און שטעלט מיט זיך פאָר אַ כוח, וואָס קאָן אויסטראָגן אויף זײַנע פּלייצעס אַזאַ קולטור-אינסטיטוציע, ווי ס'איז דאָס קונסט־טעאַטער, וואָס וועט אַרײַנברענגען אַן אויפלעב אין ישוב און וועט אַליין אויך באַקומען אַ רוח-חיים, ווי אין זײַנע גלאָררײַכע יאָרן אין ניו-יאָרק.

מיר האָבן אים צוגעזאָגט, אַז דער אַקטיאָרן-פאַראיין וועט העלפן מיט אַלץ וואָס איז נייטיק.

מאָרים שוואַרץ האָט זיך סוף-כל-סוף צוגעהערט צו אונדזערע רייד. ער האָט אָנגעהויבן שמועסן מיט היגע פאָרשטייער פונעם קולטור-געזעלשאַפטלעכן ייִדישן לעבן און אויך מיט פאַרמעגלעכע ייִדן. באַוווּסט פון זייער סימפּאַטיע און הילפגרייטקייט לטובת דעם

סצענע פון מאָריס שוואַרצס אויפפירונג פון שלום אַשס „קידוש השם" אין טעאַטער „אַרכענטינאָ"; פון רעכטס צו לינקס: קלאַרע גאָלדשטיין, מרים לערער, מאָריס שוואַרץ און מאַקס קלאָס; אונטן רעכטס: יאָסעלע סערכיאָ

בעסערן יידישן טעאטער, און פון אַלעמען האָט ער באַקומען דעם פּאָזיטיוון צוזאָג, דעם יאָ. בוענאָס-איירעס נייטיקט זיך טאַקע אין זיין קונסט-טעאַטער. ער וועט קריגן די ברייטסטע מיטהילף פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אויך האָט אויף אים געווירקט ווילי גאָלדשטיין, וואָס האָט אים צוגעזאָגט צו זיין דער געשעפטס־פירער, דער אַדמיניסטראַטאָר פון טעאַטער.

מאָרים שוואַרץ האָט זיך ענדלעך דעצידירט און געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיטן טעאַטער „אַרכענטינאָ" אין סאַמע צענטער. אַ שיין אויסגעשטאַט טעאַטער, ווו ס'איז אַ מחייה צו פאַרברענגען אַן אָוונט, ס'הייסט אויך די אויסערלעכע זייט איז עסטעטיש און במילא בכבודיק, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מאָרים שוואַרץ-טעאַטער און זיינע קינסטלעריש-מאָנומענטאַלע אויפפירונגען.

דאָס איז געווען אין יאָר 1957. ס'איז אַנגאַזשירט געוואָרן אַ גרויסע טרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון אויסגעצייכנטע שוישפּי־לערם מיט קאָנטראַקטן אויף זעקס חדשים.

מענער: אַהרן אַלעקסאַנדראָוו, אַלבערטאָ אָרטיז, לעאָן ברעסט, בערנאַרדאָ זויער, דוד לעדערמאַן, נפתלי לעוו, לעאָניד סאַקאַלאָוו, מאָרים סענד יעקב קורלענדער מאַקס קלאַס, מנחם-מענדל שוואַרץ, ישראל שענקער.

פרויען: בעלאַ אייז, קלאַראַ גאָלדשטיין, צפּורה וואַלדמאַן, מרים לערער, גאָלדע פלאַמי, אסתר פערעלמאַן, פייגעלע שוואַרץ.

בינע-מייסטער: שלמה צוקער, אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פונעם מייסטער-פּיאַניסט: סימאָן טענאָווסקי, און אַ באַלעט פון צוועלף פרויען, זעקס מיידלעך און זעקס בחורים.

די ערשטע פּיעסע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויפצופירן איז געווען „יאָסעלע סאָלאָוויי" פון שלום-עליכם, באַאַרבעט פון מאָ־רים שוואַרץ. מ'האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן ברענגען אַן אַקטיאָר פון אויסלאַנד פאַר דער ראָלע פון יאָסעלע סאָלאָוויי, וואָס ס'איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און ס'וועט דאַרפן פאַרנעמען איבעריקע צייט, אַ לאַנג וואַרטעניש. דער קינסטלער שוואַרץ האָט אָבער אײ־נעם יונגן טאַלאַנטפולן שוישפּילער און זינגער מאָרים סענד גע־פונען דעם פּאַסיקן פאַרקערפּערער פון דער קאָמפּליצירטער ראָלע.

פרעמיערע פון שלום־עליכמס „יאָסעלע סאָלאָוויי" אין טעאַטער „אַרכענטי־נאָ" אין דער אויפפירונג פון מאָריס שוואַרץ; פון לינקס צו רעכטס: מאַקס קלאָס, דוד לעדערמאַן, מרים לערער, יעקב קורלענדער, גאָלדע פלאַמי, מאָריס סענד, מאָריס שוואַרץ, פייגעלע שוואַרץ, אַהרן אַלעקסאַנדראָוו, אסתר פערל־מאַן, לעאָניד סאָקאָלאָוו, קלאַראַ גאָלדשטיין, בערנאַרדאָ סאַוער, מנחם־מענדל שוואַרץ, אַלבערטאָ אָרטיז, נפתלי לעוו

אַלע שוועריקייטן זענען מיט אַ מאָל אָפּגעפאַלן און דער וועג צו דער אויפפירונג איז געווען פריי.

דער סוקצעס פון „יאַסעלע סאָלאָוויי", וואָס איז געווען אַ זעלטן שיינער קינסטלערישער ספּעקטאַקל, איז געווען סיי מאַטעריעל סיי מאָראַליש אויסערגעוויינטלעך גרויס. בכלל זענען אַלע אויפפירונגען געשטאַנען אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ. אין פאַרלויף פונעם סעזאָן האָט שוואַרץ אויפגעפירט: שלום אַשס „קידוש-השם", שלום-עליכמס „בלאָנדזשענדיקע שטערנס" און אַהרן צייטלינס צוויי פּיעסן: „אסתרקע" און „כעלעמער חכמים".

דער דערפאָלג איז, ווי דערמאָנט, געווען ממש איבעראַשנדיק. דער עולם האָט געשטראָמט מאַסנווייז אין טעאַטער אַריין. קיין בעסערס איז זיך גאָרנישט געווען פאַרצושטעלן. אַלע האָבן שוין געוווסט אַז די הײַים פון מאָרים שוואַרצס קונסט-טעאַטער איז בוענאָס-איירעס.

פּלוצעם, ביים ענדיקן דעם פינפטן חודש שפּילן, האָט שוואַרץ צוזאַמענגערופן די טרופּע און דערקלערט, אַז צוליב אַ ריי וויכטיקע סיבות קען ער ווייטער נישט אָנגיין מיטן טעאַטער. אמת טאַקע, דער זאַל איז שטענדיק אויסגעפילט. אויפן עולם איז זיך נישטאָ וואָס צו קלאָגן. די שטימונג אין גאַס איז אַ געהויבענע און מע מוז אויך מודה זיין אַז די פּערספּעקטיוון פונעם טעאַטער אויף להבא זענען ביז גאָר אָפּטימיסטיש — דאָך ביי אַלע גליקן איז אים נישט מעגלעך אויפצוהאַלטן, ווי מאָדנע ס'זאָל נישט אויסזען, די דערפאָלגרייכע טעאַטער-אינסטיטוציע און ער מוז עס אויפגעבן שוין איצט, אין דער פּראָספּעריטי-צייט ווען אַלץ גייט גוט, ביים סאַמע בעסטן מוז ער זאָגן סטאָפּ. אָן צו פרעגן פאַרוואָס און פאַרוועןן? אַזוי האָט ער באַשלאָסן און ער וועט זיין באַשלוס נישט ענדערן.

מאָרים שוואַרץ, ווייט פון ניו-יאָרק, איז געווען אַרומגעכאַפּט פון עפּעס אַן אומרו און אומזיכערקייט לגבי זיך אַליין. ער האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט אינעם גרויסן בוענאָס-איירעס. אין דער וואַרעמקייט און באַגייסטערונג וואָס האָבן געשטראָמט צו אים פון אַלע זייטן, האָט ער געפילט אַ קעלט און אַן עלנט. ער האָט געבענקט נאָך זיין ניו-יאָרק. עפּעס האָט דאָך עס אים פאַרבונדן מיט גרויסע מעשים, אויפשטייגן און דערפאָלגן ביים יידישן

געזעגן־מסיבה פאַר מאָריס שוואַרץ אין אַקטיאָרן־פאַראיין; פון לינקס צו רעכטס: משה קנאַפּהייס, לעאָן פאָד, פרוי שוואַרץ, מאָריס שוואַרץ, יעקב באָטאָשאַנסקי, מאַרק טורקאָוו, יוסף האָרן

טעאַטער פון אַ געשיכטלעכן באַטייַט און ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אָט דעם אַלעם און אַלץ לאָזן ווי אויפן וואַסער? און דער באַ־שלום זייַנער איז געווען אַ פעסטער נישט צום אָפּווענדן.

ער האָט אַלעמען באַצאָלט פאַרן זעקסטן נישט געשפּילטן חודש, לויט ווי ס'איז געווען אין קאָנטראַקט צו שפּילן פולע זעקס חדשים. און נאָך אויך באַצאָלט אַלע אַנדערע אויסגאַבעס און מיט דעם האָט ער פאַרענדיקט מיטן קונסט־טעאַטער אין בוענאָס־אײַרעס.

מיר האָבן בייַ אים נישט געקאָנט דערגייין די ריכטיקע סיבה פון זייַן מאָדנער אויסטערלישער האַנדלונג וואָס האָט זיך אויף קיין פאַל נישט געלייגט אויפן שכל. און אפשר האָט ער אַליין אויך נישט געוווּסט די פאַקטישע סיבה וואָס איז זיכער געווען אַן אי־נערלעכע, אַ הינטער־באַוווּסטזיניקע, וואָס מע קאָן זיך נישט אָפּ־געבן קיין געניועם דין־וחשבון פאַר זיך גופא מכל־שכן נאָך פאַר אַנדערע.

אַפילו בייַ זייַן געזעגענען זיך מיט אונדז אינעם פול גע־פאַקטן סאַלאָן פון ייִדישן אַקטיאָרן־פאַראיין אויף דער פייַ־ערלעכער מסיבה, האָט מען זיך פון אים נישט געקאָנט דערוויסן די אמתע סיבה, צי סיבות, וואָס האָבן אים געשטויסן צו האַנדלען אַזוי ענערגיש, און דעפיניטיוו אויפגעבן דאָס טעאַטער וואָס האָט פולע פינף חדשים געשפּילט מיט גרויס סוקצעס.

עד־היום איז עס פאַר אונדז, שוישפּילערס, געבליבן אַ רעטע־ניש, אומפאַרשטענדלעך מאָריס שוואַרצס דעמאָלטיקע צוגעאײַלטע האַנדלונג. און כאָטש ער האָט דעמאָלט אַזוי גיך פאַרענדיקט מיטן קונסט־טעאַטער, האָט ער אָבער נישט פאַרענדיקט מיט בוענאָס־אײַרעס. נישט געקוקט אויף זייַן אַרומגעכאַפּטן, פלאַטערנדיקן, אומ־געזעענעם פחד פאַר עפּעס גורלדיקס און פאַטאַלס וואָס קאָן צו אים קומען אומגעריכט, נישט צו וויסן פון וואַנען, איז ער פון דעסט־וועגן נאָך דעם ווידער געקומען קיין בוענאָס־אײַרעס, ווו ער האָט ווייַטער געשפּילט ייִדיש טעאַטער מיטן זעלביקן דערפאָלג ווי אַלע מאָל און ווי שטענדיק. און גיי, דערגיי דעם זינען פון די מאָדנע אומדערקלערלעכע און אומפאַרשטענדלעכע באַהעמישע דרכים פון אַ סטאַבילן און סאָלידן בינע־קינסטלער פון אַ וועלטפאַרנעם ווי ס'איז עס געווען דער גרויסער מאָריס שוואַרץ.

קאַפּיטל פינף און פערציק

רעפּערטואַר און סטאַר

יעדער מאָל, ווען מאָרים שוואַרץ איז געקומען גאַסטראָלירן אין בוענאָס-אײַרעס, האָב איך שטענדיק מיט אים געשפּילט, כמעט אַלע מאָל בין איך געווען באַטייליקט אין זײַן טרופּע און כ׳האָב אָנטיילגענומען אין די אומפאַרגעסלעכע מאָנומענטאַלע אויפפירונגען זײַנע אין טעאַטער „עקסצעלסיאָר“ און אין „סאַלעיל“, סײַ אונטער דער דירעקציע פון שטראַמער-נאַרעפקין-פעלדבוים, סײַ אונטער דער דירעקציע פון ווילי גאָלדשטיין און מרים לערער אין טעאַטער „מיטרע“.

ווען מאָרים שוואַרץ האָט פאַרענדיקט דעם דערפאָלגרײַכן סעזאָן אין „סאָלעיל“, האָט ער מיך גערופן צו זיך אין האָטעל אַרײַן און געזאָגט, היות ווי ער קאָן נישט דורכקומען מיט די דירעקטאָרן פון „סאָלעיל“-טעאַטער וועגן די גאַסטראָלן אין בראַזיל, פאָרט ער צו דער דאָרטיקער חברים-טרופּע, וואָס האָט זיך ספּעציעל געשאַפן צוליבן דאָזיקן צוועק, אונטער דער אָנפירונג פון סימאָן בוכאַלסקי און מיכאַל מיכאַלאָוויטש. אָבער מיך און אַנדזשע ראַפּעל, פּלאַווינאַ און סאַשע ראָזענטאַל — אַנגאַזשירט ער אויך גאַזשע. און ער האָט מיר באמת אָנגעבאָטן אַ גרויסע גאַזשע.

מיר זענען צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין בראַזיל מיט די דרײַ גרויסע אויפפירונגען פון י. י. זינגער: „יאָשע קאַלב“, „ברידער אַשכנזי“ און „מישפּחה קאַרנאָווסקי“ דער מאָראַלישער סוקצעס איז געווען פּונקט אַזוי גרויס ווי דער קאָלאָסאַלער פאַנטאַסטישער פינאַנציעלער דערפאָלג — אין-לשער, נישט געקוקט אויף דעם וואָס די טראָפּיקאַלישע היצן זענען געווען אומגעהייער אַזוי אין סאַן פּאַולאָ ווי אין ריאָ דע זשאַנײַראָ.

אין גאַנצן צופעליק, נישט אויסן זײַענדיק גאָרנישט האָט זיך איינע פון די אַקטריסעס אַרויסגעכאַפּט אַז נאָר אַ דאַנק די גרויסע אויפפירונגען איז דער פינאַנציעלער דערפאָלג אַזוי גרויס וואָס ס׳איז זיך גאָרנישט פאַרצושטעלן. פּונקט האָט עס מאָרים שוואַרץ דער־הערט:

— הייסט עס — האָט ער געגעבן אַ זאָג — אַז איך אַליין מיין גאָרנישט, נאָר די פּיעסן, אויב אַזוי, חברים, גייט דעם נאָענטסטן שבת „גאָט, מענטש און טײַוול״.

— מיסטער שוואַרץ — האָב איך זיך אָנגערופן — ערשט פאַ־ריקן זומער האָב איך דאָ געשפּילט די פּיעסע מיט יעקב בן־עמי און ס׳איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

— איז דאָך גוט — זאָגט שוואַרץ — אַז ס׳איז געווען ביי בן־עמי אַ דערפאָלג, וועט ביי מיר, מערצעשעם, אויך זײַן אַ דערפאָלג.

די חברים האָבן אים געפּרוווט אָפּצורעדן פון דעם, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס: שבת ווערט געשפּילט „גאָט, מענטש און טײַוול״. און איך האָב געטראַכט בײַ זיך אַז ס׳זאָל זיך נאָר נישט איבערחזרן קיין צווייט אַפריקע מיט „שיילאָק און זײַן טאָכטער״.

שוואַרץ האָט מיר געגעבן די ראָלע פון הערשעלע דובראָוונער. ס׳איז געווען דינסטיק. פרעג איך אים:

— ווי מיינט איר, איר גלייבט אַז ס׳איז מעגלעך פון דינסטיק ביז שבת זיך אויסצולערנען אַזאַ גרויסע ראָלע, ווי הערשעלע דוב־ראָוונער? כ׳האָב זי דאָך קיין מאָל נישט געשפּילט. כ׳פלעג שפּילן מאָטעלע, כאַצקל דראַכמע, אָבער נישט הערשעלע.

— איך קען זיך אויף אײַך פאַרלאָזן, איר האָט אַ גוט קעפּעלע.

— אָבער מיסטער שוואַרץ, איך דאַרף דאָך קענען אײַער ראָלע אויך, איר שפּילט דאָך דעם טײַוול.

— פאַרוואָס דאַרפט איר קענען מײַן ראָלע?

— צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, צו זײַן זיכער אין מײַן ראָלע, מוז איך קענען די ראָלע פונעם פּאַרטנער, און צווייטנס, טרעפט זיך אָפט אַז מע דאַרף אַ מאָל אויך אונטערכאַפּן דעם פּאַרטנער מיט אַ וואָרט, ס׳זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן ווי ס׳טרעפט זיך. אַפילו א י ר קענט אויך פאַרגעסן אַ וואָרט.

סצענע פון מאָריס שוואַרצס אינסעצעניזאַציע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", אויפגעפירט אין טעאַטער „מיטרע"; פון רעכטס צו לינקס: מאָריס שוואַרץ, הערמאַן קאָסאָווסקי און מאַקס קלאָס

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן. איך קען די גאַנצע פּיעסע אויסנווייניק.

מײַן אַמביציע איז געווען גרויס צו שפּילן הערשעלע דוב־ראָוונער מיטן גרויסן מאָרים שוואַרץ. און כ׳האָב די ראָלע אויס־געלערנט פּערפּעקט אין איין טאָג.

אין דער צײַט, ווען ס׳זענען אָנגעגאַנגען די פּראָבעס איז דער כאַראַקטער־אַקטיאָר, ישכר האַנטפּוס אַרומגעגאַנגען און שטיל גע־ברומט:

— אומזיסט די אַרבעט... ס׳וועט נישט קומען קיין לעבעדיקער מענטש...

ס׳איז באמת געווען וואָס מורא צו האָבן. סך־הכל איז דאָך ערשט דעם פאַרגאַנגענעם זומער געשפּילט געוואָרן די פּיעסע און זי איז נאָך בײַ אַלעמען פריש אין זכרון. איז עס טאַקע ריזיקאַליש צו שטעלן אַזאַ פּיעסע, באשר־בכן עפּעס דאָרט אַן אַקטריסע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט. מאָרים שוואַרצן קאָן מען אָבער נישט איבערשפּאַרן. און געשפּאַנטע האָבן אַלע געוואַרט אויף די רעזולטאַטן.

און די רעזולטאַטן זענען געווען אומדערוואַרטע. גלײַך ווי ס׳האָט זיך באַוויזן דער ערשטער אַנאָנס איז געוואָרן אַ גרויסער נאָכפרעג אויף בילעטן. פרײַטיק און שבת איז געווען אַן אויסכאַפּעניש. און אַ שטיק צײַט פאַר דער פאָרשטעלונג זענען שוין אַלע בילעטן גע־ווען אויספאַרקויפט. ס׳האָט געמוזט קומען פּאָליציי צו האַלטן אָר־דענונג. ס׳איז געווען אַ שטופּעניש און אַ געשפּאַר, ווי ס׳וואָלט אַלע־מען אַרומגעכאַפּט אַ פּסיכאָז. בײַם אויפהייבן דעם פאָרהאַנג האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער גערודער און געטומל. די פּאָליציי האָט געמאָלדן אַז די מענטשן האָבן זיך אויף כוח אַרײַנגעריסן אין טעאַ־טער. מ׳האָט געהאָנגען ממש אויף די ווענט.

ערב זײַן אויפטריט איז מאָרים שוואַרץ אַרומגעגאַנגען אַ שטאַרק עמאָציאָנירטער. מיט אָנגעשפּאַנטע נערוון, מ׳האָט נישט געקאָנט צו אים רעדן.

ווען דער טײַוול, אַריעל מזיק (מאָרים שוואַרץ) באַווײַזט זיך אויף דער סצענע, בײַם שײַן פונעם ראַמפּע־ליכט, ווערט דאָס ליכט פון דער בינע אויסגעלאָשן, אַלע צינדן אָן שוועבעלעך און מע דער־

זעט דאָס פּנים פון אַריִעל מזיק. אַלע ווערן דערשראָקן און ער דאַרף אָנהייבן רעדן. סײַ פון עמאָציע, סײַ פון דעם, וואָס מאָרים שוואַרץ האָט באַמערקט אַז דער רעפלעקטאָר, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשטעלט אויף זיך, איז נישט געפאַלן אויפן ריכטיקן אָרט — איז ער געבליבן שטום און האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

מיר אַלע אויף דער בינע האָבן זיך דערשראָקן פאַר זײַן שטילשווײַגן. ערשט ווען כ'האָב זיך מיט שאַרפע בליקן באַגעגנט מיט אים און שטיל מיט אַ פליסטער דערמאָנט דאָס ערשטע וואָרט, איז ער געקומען צו זיך און האָט אָנגעהויבן שפּילן זײַן ראָלע, די ראָלע פון אַריִעל מזיק, אַזוי, אַז ער האָט אונדז שוישפּילערס און דעם עולם אין זאַל ממש איבערגעראַשט, טאַקע נאָר ווי מאָרים שוואַרץ איז געווען בכוח — צו באַגײַסטערן דעם צושויער ביז עקסטאַז.

נאָך דער פאַרשטעלונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אומאויפהעריקע אַפּלויזן וואָס האָבן נאָך אַלעמען געקלונגען אין די אויערן, האָט מאָרים שוואַרץ געזאָגט:

— איר זעט, חברים, איך האָב ספּעציעל געשטעלט אַן אַפּגעשפּילטע פּיעסע כדי אײַך אַרויסצונעמען פון אַ טעות, אײַך צו ווײַזן דעם כוח פון מאָרים שוואַרץ.

יאָ, ער האָט פאַרמאָגט דעם גרויסן קינסטלערישן כוח פון קאָנען איבערצײַגן און מאַכן גלויבן דעם צושויער אין אַלץ וואָס ס'קומט פאָר אויף דער בינע און אין די רייד וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט בולט און קלאָר — איבערצײַגעוודיק, און דאָס איז דער כוח פון טעאַטער.

מאָרים שוואַרץ האָט מיך געבעטן, כ'זאָל אים באַגלייטן צום האָטעל און אויפן וועג האָט ער מיר געזאָגט:

פרײַנד קלאָס, איך דריק אײַך אויס מײַן אָנערקענונג, נישט אַזוי פאַרן קענען פּערפעקט די ראָלע — אײַער גוטער זכרון איז נישט פאַר מיר קיין נײַעס — נאָר פאַרן שפּילן דעם ערשטן טייל פון דער ראָלע. לויט אײַער אויסזען בין איך געווען זיכער, אַז אין צווייטן טייל, אַלס הערשעלע דער גביר דער תּקיף, וועט איר זײַן אויסגעצייכנט, אָבער אין ערשטן טייל בעת איר דאַרפט פאָרשטעלן הערשעלען, דעם איידעלן, צאַרטן, גאָטפאָרכטיקן — אַז איר זאָלט

קענען אַרויסברענגען דעם טיף מיט אַלע ניואַנסן אַפילו מיטן אויס־
זען — אין דעם האָב איך געצווייפלט... איר האָט מיך באמת אי־
בערגעראַשט.

אַגב, האָב איך צו מאָרגנס נאָך דער פאָרשטעלונג באַקומען פון
אַ היטלמאַכער אַ ספּעציעל געמאַכט קאַפּעלע אין אָנערקענונג פאַר
מײַן שפּילן הערשעלע דובראָוונער.

מאָרים שוואַרץ האָט אויך שטאַרק אויסגעלויבט די טרופּע
וואָס האָט באַוויזן מיט געציילטע פּראָבעס אין עטלעכע טעג צו
שפּילן אַזאַ גענוג קאָמפּליצירטע פּיעסע ווי „גאָט, מענטש און טײַוול".

קאַפּיטל זעקס און פערציק

אַ פאָרשטעלונג אָן אַ פּיעסע

איינער פון די גרעסטע רעזשיסערן אין דער וועלט, דער דײַ־טשער ייִד מאַקס ריינהאַרד, האָט געזאָגט, אַז דער בעסטער אַק־טיאָר איז דער ייִדישער. נישט האָבנדיק רעכט מיטגעמאַכט נישט קיין דראַמאַטישע און נישט קיין מוזיקאַלישע שולן — שפּילן זיי די ייִדישע אַקטיאָרן, און זינגען וווּנדערלעך מיט אַזוי פיל איבער־לעבונג און געפיל. דערצו איז יעדער פון זיי בכוח צו שפּילן אַלע ראָלן, ווײַל זיי זענען — האָט ער צוגעגעבן — געבוירענע טאַלאַנ־טן און זייער שפּילן איז אוממיטלבאַר. דערפאַר קען קיינער נישט באַווײַזן זיך אויסצוגלײַכן מיט זיי אין דער איבערצײַגעוודיקייט פון זייער שפּילן, דאָס וואָס זיי קענען איז נישט מסוגל קיין אַנ־דערער אַרויסצוברענגען.

אין „עקסצעלסיאָר־טעאַטער האָט אַ מאָל גאַסטראָלירט אַ באַקאַנטער סענסאַציע־שוישפּילער, דזשעק בערלין, וואָס האָט גע־שפּילט אַ ראָלע פון אַ פּראָטאַגאָניסט אָן פּיס. און דער עולם איז געלאָפן אויפן בייזן וווּנדער זען ווי אַזוי ער גיט זיך אַן עצה מיט דער ראָלע. פאַרשטייט זיך, אַז די געשעפטן זענען געווען גאָלדענע. און ער האָט געמאַכט אַ סך געלט.

מיט אַ סעזאָן שפּעטער האָט אים אַדאָלף מידע געבראַכט אין „מיטרע"־טעאַטער. און ער האָט נישט געהאַט קיין איבעריקן נחת פון אים. וואָס ער האָט געשפּילט האָט נישט געטויגט.

ער איז געקומען, דער דזשעק בערלין, מיט זײַנס אַ פּיעסע, וואָס ער האָט אַליין אָנגעשריבן: „טשיקאַגער גאַסן".

די טרופּע, וואָס איז געווען אַנגאַזשירט מיט אים, האָט גע־מאַכט פּראָבעס, מ'האָט אָוועקגעגעבן צײַט, אַרײַנגעלייגט מי און

אַנשטרענג און אויפגעפירט דאָס ספּעקטאַקל וואָס איז געשפּילט געוואָרן בלויז צוויי מאָל.

אויפן דריטן טאָג איז די פאָרשטעלונג געווען אָפּגעקויפט אויף אַ בענעפיט פאַר אַן אינסטיטוציע. דער דירעקטאָר מידע איז דער־ווייל געפאָרן קיין מאַנטעווידעאָ אָפּוואַרטן די געלי קעסמאַן. מיר זענען געבליבן אַליין. דער זייגער איז שוין געווען צען.. דאָס טעאַ־טער איז געווען פול און דזשעק בערלין ווייזט זיך נישט. אַלע זענען מיר געוואָרן נערוועז און אומרויִק. שוין אַ פערטל נאָך צען אַזייגער און בערלין איז נאָך אַלץ נישטאָ.. ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן, דער גרויסער סטאַר?

אויך דער עולם איז שוין אומגעדולדיק. מע פּאַטשט און מע טופּעט מיט די פיס, מע זאָל שוין אָנהייבן. מ'איז געלאָפן זיך פאַר־שטענדיקן דורכן טעלעפאָן מיטן האָטעל ווו בערלין איז איינגע־שטאַנען, געוואָר ווערן, אפשר ווייסן זיי ווו ער געפינט זיך. פינצ־טער איז אונדז אַלעמען געוואָרן ווען מיר האָבן געהערט דעם ענט־פער, אַז דזשעק בערלין איז נאָך אין דער פרי אָפּגעפאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק.

מ'האָט זיך געלאָזט צו זיין קאַמאַרין, אים אויפגעריסן און געפינען דאָרט דעם פאַרוק מיטן אַלטן צעריסענעם אַנצוג, וואָס ער איז אויפגעטרעטן אין אים, ווי ס'פאָדערט די פּיעסע, וואָס הייבט זיך אָן מיט דעם ווי מע געפינט אַן אַלטן פאַרחלשטן מאַן, מע דער־מינטערט אים און ער דערציילט זיין לעבן־געשיכטע, וואָס מיט אים איז אַלץ פאָרגעקומען ביז ער איז געקומען צום דאָזיקן שטאַנד.

מע זוכט די פּיעסע אין אַלע ווינקעלעך. מע קערט איבער דעם קאַמאַרין און — אַ נעכטיקער טאָג. נישטאָ די פּיעסע. ער האָט זי מיטגענומען מיט זיך.

וואָס טוט מען זיך פאַר אַן עצה?

די טרופּע האָט באַשלאָסן דערציילן דעם עולם דעם גאַנצן אמת, אַזוי און אַזוי און היינט ווערט נישט געשפּילט. רופט זיך אָן איינער פון דער טרופּע, דעמאָלט נאָך אַ יונגער אַקטיאָר:

— דאָס איז נישט קיין חכמה, איך האַלט נישט דערפון. איך וועל שפּילן זיין ראָלע.

— סטייַטש ווי אַזוי? — שרייַען אַלע דו קענסט זי דען? ס'איז דאָך ערשט צוויי מאָל ווי מיר שפּילן די פּיעסע.

— און דאָך וועל איך זי שפּילן אָט אַזוי ווי ער אַליין וואָלט זי געווען געשפּילט.

— און וואָס וועט זייַן מיט דייַן ראָלע?

— מייַן ראָלע וועט שפּילן אַן אַקטיאָר וואָס איז פרייַ. דאָס איז אַ קלייניקייט. נאָר איין זאַך — מע זאָל אַרויסגיין פאַרן עולם און דערקלערן אַז מיט דזשעק בערלין האָט געטראָפן אַן אַקצידענט און ער ווערט פאַרטראַטן פון אונדזוערס אַן אַקטיאָר, פון איינעם פון דער טרופּע.

דער עולם האָט אויפגענומען די ידיעה מיט באַדויער, ווי זאַכן וואָס קאָנען טרעפן אין לעבן, און האָט חלילה נישט פּראָטעסטירט.

די פאָרשטעלונג אָן דער פּיעסע איז אַדורך אָט אַזוי ווי מע וואָלט זי געווען געשפּילט מיט אַ סופליאָר און מיט אַ פּיעסע. דער סופליאָר איז וואָס אַן אמת, געווען אויף זייַן אָרט, אָבער פון וואָס צו סופלירן האָט ער נישט געהאַט.

דער יונגער אַקטיאָר, וואָס האָט געוואַגט זיך אונטערצונעמען צו פאַרטרעטן דעם אַנטלאָפענעם סטאַר, דזשעק בערלין, איז געווען: מאַקס קלאָס, טאַקע איך אַליין, וואָס האָב דעמאָלט געראַטעוועט די פאָרשטעלונג. עד-היום בין איך באַקאַנט מיט מייַן זכרון. איר געפינט עס אינעם בוך פון זיגמונט טורקאָוו ווו ער שרייַבט וועגן מיר, ווי וועגן אַ ספּעציעלן פאַל פון אַן אַקטיאָר מיט אַ זעלטענעם זכרון, און אויך אין די מעמואַרן פון דער אַקטריסע בערטאַ גערסטען.

און דאָס ווייַטערדיקע ווייסט אפשר קיינער נישט: אַ חוץ מייַן גוטן זכרון אַרבעט איך פלייסיק אויף מייַן ראָלע. איך לערן אומעטום און צו יעדער צייַט, אויף אַזוי ווייַט בין איך אַרייַנגעטון און פאַרנומען מיט אַ ראָלע אַז בייַם שטודירן זי טרעפט אָפט אַז כ'באַמערק נישט ווען עמען אין גאַס צי אין קאַפע און באַגריס זיך נישט מיט אים, מיט חברים און פרייַנד, ווייַל מייַנע אַלע חושים זענען פאַרנומען מיטן טראַכטן וועגן דער ראָלע וואָס כ'דאַרף שפּילן און זי אויסקנעטן אַזוי ווי איך פאָרשטיי און זע זי ווי זי דאַרף אויסזען.

זינט איך שפּיל טעאַטער, שוין כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט, בין איך נאָך קיין מאָל נישט אַרויף אויף דער בינע אַז כ'זאָל נישט

קענען מײַן ראָלע פּערפעקט. און אַזוי װעל איך שוין פאַרבלײַבן װי לאַנג מײַנע כוחות װעלן מיר דינען און מיר דערלויבן צו שפּילן ייִדיש טעאַטער, װאָס כ׳האָב דערפאַר אַװעקגעגעבן מײַן לעבן.

װי אַן אומדערשיטערלעכער אָפּטימיסט װיל איך גלייבן אַז ס׳װעט נאָך צוריק קומען די גאָלדענע צײַט פאַרן ייִדישן טעאַטער, אַזאַ װי זי איז עס געװען אַ מאָל — גרױס און פאַרכאַפּנדיק און װוּנדערלעך שײן. אַ טעאַטער — אַ טעמפּל, אַ פּאַלאַץ פון קונסט פון עכטער טעאַטער־קונסט װי אין די אַמאָליקע גוטע צײַטן.

כ׳װאָלט נאָר געװאָלט װיסן װי לאַנג דאַרף אַזױ אָנהאַלטן דער שטילשטאַנד אַרום ייִדישן טעאַטער און צי דאַרף עס דען דױערן אַזױ לאַנג ביז איך װעל שוין דאָ מער נישט זײַן? צי קאָן נישט אָט דער שײנער חלום, דער הײסער װוּנטש פון זײַן מאַיעסטעט, דעם ייִדישן טעאַטער־עולם, מקוים װערן שוין, נאָך אין אונדזערע טעג?

Este libro se terminó de imprimir el
día 8 de mayo de 1972 en los
Talleres Gráficos Stylos, de
Simón Eidelman, Luis S.
Peña 1309, Bs. As.
R. Argentina